STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05485

# LOYTER IZ DER ALTER KVAL

Ephraim Auerbach

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לויטער איז דער אַלטער קוואַל

אפרים אויערבאַך

# לויטער איז דער אַלטער קוואַל

ניו יאָרק, 1940

Copyright
Ephraim Auerbach

הויפּט-פאַרקויף
ציקאָ פאַרלאַגס-געזעלשאַפט
427 Lafayette St., New York, N. Y.

404

# אייגענע ערד

# אַ שטרעקע צייט

פון פענצטערלעך האָט זיך די שיין געזיפּט,
ווי דורך אַ כמאַרע — דריבנער רעגן,
די טיר האָב איך צוגעמאַכט מיט אַ סקריפּ
און מיט דער היים זיך שטיל געזעגנט.

די קליינע טיר האָט די גרויסע נאַכט
פון שלאָף אויפגעוועקט אויף אַ רגע,
דערנאָך האָט נאָר איינער מיט אומרו געוואַכט,
מיט אומרו פון גיין און אַוועקגיין.

אַ קוק אויף צוריק, די שיין — אַ טרונק,
אַ טראַכט: ווי אָרעם מיין היים איז.
אַ וואָרט האָט געריסן זיך פון דער צונג:
אַ שטיבל באַגראָבן אין שמות.

פאַרקערעוועט צו דער אַלטער שול,
וואָס שטייט אויף אַ בערגל משופּע,
דער ליידיקער הויף ווערט מיט קלאַנגען פול
און הינטער זיך הער איך אַ טופּע.

און איידער איך האָב נאָך דערשפּירט די שרעק,
האָט שטיל זיך אַ האַנט אויסגעצויגן,
אַ היימישע האַנט פון די קינדערשע טעג,
וואָס וואַרעמט מיט ליבשאַפט, ווי אויגן.

איך האָב יענע נאַכט דאָס געשטאַלט נישט געזען,
נאָר אינזיך זיין ליכט איינגעשפּונען,
ווי ס'טרעפט זיך אַמאָל, אין אַ פינצטערן וואַלד
דערשפּירסטו: אין דרויסן איז זוניק.

פון איבערן בארג האָט אַ ווינטל געוויט,
געקושט ביי דער שול די שויבן,
ס'געשטאַלט הינטער מיר האָט שטיל, אָן רייד,
צעריסענע שמות אויפגעהויבן.

און ווי די שול האָט געקושט דעם ווינט,
אַזוי האָט ער געקושט די שמות,
אוןביידע, — געשטאַלט און שמות, — אַצינד
געוואָרן זענען מיר היימיש.

זינט יענער נאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט
אַ שטרעקע צייט מיט קאָרבן און שניטן,
נאָר כ'הער נאָך איצטער ווי הינטער מיר גייט
דער קוש, איינגעהילט אין אַ קיטל.

איך זאָל נאָר ווערט-זיין צו קושן אַליין
די שמות, וואָס זענען פאַרעלנט,
און ברענגען דאָס ליכט זייערס און געוויין
צו אייגענע יידישע שוועלן.

# לויטער גוט

קליין און ברייט, ווי אַ האַלבער דעמב,
איז דער פעטער אהרן-בער געווען,
אויף דער גאַנצער גובערניע גע׳שמ׳ט
האָט זיין חסידישער ברען.

ער האָט דעם צמח צדק געדענקט,
דעם בעל-התניא געשפּירט אין געביין,
אויסגעטאַנצט זיבן-מאָל-זיבן די לענג
ס׳שטיבל, ווען ער האָט געדאַוונט אַליין.

ווינטער די נעכט האָט ער האַלץ און טשערעט
אונטערגעוואָרפן צו אָרעמעלייט,
ליב געהאַט אַ האַרץ, וואָס רעדט
העכער פון אַ צער, וואָס שרייט.

זיין חיונה געצויגן פון „קוב״, —
פּאָר אַ גראָשן אָקרעפּ אויף טיי, —
אָבער די פרייד האָט געטאַנצט אין זיין שטוב,
ווי אַ זומערדיקער שפּריי.

און געזאָגט האָט דער פעטער אהרן-בער:
לויטער גוט — איז זיין אַ ייד,
גוטס איז פרייד, — וואָס איז דאָ שווער?
שלעכטס איז עצבות, גאָט באַהיט.

כ׳הער זיינע רייד נאָך איצט אין מיין בלוט,
ווי ער רעדט און אַ שטרויעלע קייט, —
גיב מיר, גאָט, די פרייד פון גוטס
און דעם טרויער פון שלעכטס פאַרמייד.

## מודה אני

ס׳איז דיינער דער גוף, די נשמה איז דיינע,
אפילו דאָס בענקען נאָך דיר אינדערפרי,
דער שטויב נאָר, וואָס גרויט אויף מיין לעבן, איז מיינער, —
מודה אני.

דו האָסט מיר געגעבן אַ לעבן צו טראָגן,
מיט פּשוט׳ע רייד און מיט מענטשלעכער מי,
און איך האָב דאָס האַרץ מיינס אויף שטיקער צעשלאָגן, —
מודה אני.

אויף ד ע ר וועלט בין איך אַזאַ גאַנצער געקומען
צו גיין מיט געזאַנג, ווי דער פויגל אין פלי,
און איצט ברענג איך קריק דיר אַ לעבן מיט מום׳ען, —
מודה אני.

כ׳האָב היינט מיינע אויגן פאַרוואונדערט געעפנט
און ס׳האָט צו דיין ריינקייט געטאָן מיך אַ צי,
אַז ווידער זאָל איך פון דיין ליכטיקייט שעפּן, —
מודה אני.

ס׳איז לויטער דיין קוואַל פאַר דעם, וואָס איז גלויביק,
צו טרינקען און קילן זיין דאָרשט און זיין ברי,
נאָר איך בין פאַרגרויט און אומוועררדיק שטויביק, —
מודה אני.

# קריאת שמע

דו וואַרפסט די נעץ פון שלאָף אויף מיינע אויגן,
ווי זאָל איך דיך דערפאַר נישט לויבן?
איך האָב מיין טאָג פאַר דיינעטוועגן אָפּגעוואויגן
און איצטער רוט די נאַכט אויף מיינע שויבן,
דער דרימל אויף די וויעס מיינע נידערט,
דאָס לעבן איז אַ שאָרך אין מיינע גלידער,
און באַלד וועסטו דעם צער אין מיר צעשטויבן, —

אַזויפיל פיינט אויף מיר היינט אויפגעשטאַנען,
אַזויפיל רויבער מיך אַרומגערינגלט,
מיין בלוט געצאַפּט, ווי וואַסער פון די קראַנען,
און טראָפּנס חיות מיינס פאַרקויפט פאַר גינגאָלד.
איצט ליגט מיין קאָפּ אַ מידער אויפן קישן,
מיט טרייסטונג, אַז לא ינום ולא יישן,
אַז וואַכן וועסטו איבער מיר פון אויבן, —
ווי זאָל איך דיך דערפאַר נישט לויבן?

גיבורים זעכציק — ביי שלמה׳ס בעט געשטאַנען,
ביי מיינעם שטייט די נאַכט פאַרעלנט,
און ברידער אויף די וויסטע וועגן שפּאַנען
פון חורבה־היימען, אָפּגעברענטע שוועלן,
נאָר נעץ פון שלאָף וואַרפסטו אויף מיינע אויגן
און שפּרייטסט אויף מיר די רו, ווי פליגלען פון אַ פויגל
אין מיר ביסטו, און איבער מיר דערהויבן, —
ווי זאָל איך דיך דערפאַר נישט לויבן?

# אשרי יושבי

וואויל איז די, וואָס זיצן אין דיינע שטיבער
און דאָס ליכט דיינס דערוואָרעמט פאַר זיי די וועלט,
דו האָסט אָנגעצונדן אין דרויסן אַ פיבער
און דיין זון מיטן מענטשנס פייער פאַרשטעלט.

וואויל איז די, וואָס טראָגן דיין ליים־און־ציגל
מיט פאַרגלייבטע הענט און ליכטיק געמיט,
דו ביסט אָפן פאַר זיי, ווי אַ זילבערנער שפּיגל,
ביסט דער מאָנער און שטראָפער, וואָס אייביק פאַרגיט.

ס'איז געווען היינט אַ פּראָסטיקער, ווייסער באַגינען,
נאָר די נאַכט האָט דאָס בעט מיינס מיט אומרו געברענט,
כ'האָב געוואָלט נאָר אַ שטרויעלע אָנהאַלט געפינען
און צו רואיקער ווייסקייט ביים פענצטער געגענט.

אַזויפיל זון האָט געשטראָמט, אַזויפיל שיין איז גערונען,
אַזוי טיף האָט דאָס וועלן צו ווערן גערעדט,
נאָר דאָס שטרויעלע אָנהאַלט האָב איך נישט געפונען
פאַר דער אומרו, וואָס האָט מיר צעוואָרפן דאָס בעט.

איצט איז ווידער שוין נאַכט און די הוים ווערט מיר ליבער,
כ'האָב דעם גאַנצן טאָג געזונגען דער קעלט:
וואויל איז די, וואָס זיצן אין דיינע שטיבער
און דאָס ליכט דיינס דערוואָרעמט פאַר זיי די וועלט.

# גאָט פון אברהם

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
דער ליבער שבת גייט אַוועק,
נאָר סע בלייבן וואַרעמע געדאַנקען
פאַר די וואָכעדיקע טעג.

מיר שפּאַרן־אָפּ אַ קוואַל מיט אמונה
פאַר דער וואָך, וואָס אויף די שויבן גרויט,
אַז מיר זאָלן שעפּן פון זיין ליכטיקן ברונעם
אינעם אָנגעזיכט פון טויט.

אינדערוואָך וועלן מיר דורכגיין אַזויפיל טרויער,
ביז דער לעצטער טרויער וועט זיין אויסגעשעפּט,
ביז מיר וועלן עפענען דעם ליכטיקן טויער
צו דער פרייד, וואָס אויף יענער זייט לעבט.

אין איין ווינטערטאָג גייען־אויף אַזויפיל זונען
און אַזויפיל זונען פאַרגייען היינט,
נאָר דיין ליכט איז פול אין אונדזער אמונה,
ווי סע וואָלט פאַר אונדז זיך ערשט צעשיינט.

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
האָסט דעם שטערן וואָך אַרויסגעשיקט,
אָבער וואַרעם וועט דער שבת נאָך צאַנקען,
ביז דו וועסט אים אונדז ברענגען צוריק.

# ויתן לך

גאָט זאָל דיר גיבן פון הימל דעם טוי
און די פעטקייטן פון דער ערד, —
מיר איז גענוג דאָס פאַרטריקנטע שטרוי
און דאָס געזאַנג, וואָס מיר איז באַשערט.

דו דאַרפסט קאָרן אויף צו ווערן זאַט,
בעטסט אַז דער ווייץ זאָל דיר אויפגיין פאַרצענט,
מיר איז גענוג אויפן בוים דער בלאַט
און אַ שטיקל פּאַפּיר אין די הענט.

מיר זינגט דער בלאַט פון טוי און פון זעט
און דאָס פּאַפּיר נעמט-אויף דאָס געזאַנג,
מיר איז גענוג אַז מיין וואָרט זאָל זיין פעט
און אַז ווי קאָרן זאָל זיין מיין געדאַנק.

גאָט זאָל דיר ברענגען דאָס ברויט צו דיין טיר
און די פעטקייטן פון דער ערד,
נאָר דאָס געזאַנג פון דיין פעלד זאָל מיר
אויף דער עלטער זיין באַשערט.

# אלהי נצור

היט־אָפּ מײַן צונג פֿון רעדן שלעכטס
און מײַנע ליפּן היט פֿון פֿאַלשע רייד,
היט־אָפּ מיך פֿון צו זיין גערעכט
מיט שווערד, געצװײַגענער פֿון שייד.

היט־אָפּ מײַן צונג פֿון רעדן פּוסט,
פֿון וואָרט, וואָס האָט קיין וואונד נישט אויסגעהיילט, —
איך האָב צום וואָרט אַזויפֿיל גלוסט,
אַז כ׳שלינג עס, איידער ס׳איז נאָך אָפּגעשיילט.

היט־אָפּ מײַן לייב, מײַן זודיק בלוט,
ווי מײַנע אָבות האָסטו אָפּגעהיט, —
ס׳איז דאָ אַ קילקייט, וואָס באַרוט,
ס׳איז דאָ אַ רו, וואָס לייכט אין דײַן געמיט.

איך קום צו דיר מיט מײַן געבעט
אַצינד, אַז ס׳זענען גרוי שוין מײַנע האָר,
און אויב סע איז נאָך אַלץ נישט שפּעט,
היט־אָפּ אין מיר דעם חלום אויפֿן וואָר.

## אני מאמין

איך גלייב, אַז קומען וועט דער יושר.
אפילו אַז ער וועט פאַרזאַמען,
וועל׳ך וואַרטן אויף אים יעדן טאָג,
אין שווערע נעכט, אין טעג פון בלוטיק רוישן,
און זאָגן, ווי אַצינד איך זאָג:
אני מאמין.

איך גלייב, אַז ווי אין וואַלד די ביימער ציען
די זאַפט פון וואָרצלדיקע שטאַמען,
אַזוי ציט אויך דער מענטש זיין זאַפט
פון גלייבן, אַז סע וועט זיך נאָך צעבליען
די העכערע, געדעכטע קראַפט, —
אני מאמין.

איך גלייב מיט מיינע אָבות אין אמונה,
מיט ריינקייט פון מיין טאַטע־מאַמע,
אַז ס׳וועט דאָס שלעכטס פון דרערד פאַרגיין,
אַז קומען וועט דער קץ מיט קלאָרע זונען
און אויפדעקן דאָס גוטס אַליין, —
אני מאמין.

## במה מדליקין

מיט וואָס צינדט מען אָן דאָס שטילע פייער,
וואָס לויכט אין דיר און וואַרעמט און דערפרייט?
מיט גלייבן צינדט מען אָן דאָס שטילע פייער,
און עלנטע, — מיר ביידע זאַלבעצווייט, —
דערוואַרעמען דאָס אייגענע געמיט
מיט איינס־אין־אַנדערן פאַרטרויטע רייד,
ווי זומערדיקע נאַכט אין ווייכע טריט, —
מיט גלייבן צינדט מען אָן דאָס שטילע פייער.

# תפלה לעני

דעם אָרעמאַנס געבעט איז אַ שפּאַן די גריים:
נאָר אַז גאָט זאָל אים שיקן ברויט און זאַלץ,
אַז באַהיט זאָל ער זיין פון אַלדאָס בייז
און פון אַ וואָרט אַ פרעמדס, אַ פאַרגאַלטס.

אַז די הענט זאָלן קענען טראָגן לאַסט
און די פּלייצע זאָל זיך נישט בייגן אין יאָך,
אַז אַמאָל מכבד זיין אַ גאַסט
זאָל ער קענען אויף־דער־פולער־וואָך.

אַז די זון זאָל שיקן אויף זיין פענצטער איר שיין
און דער ווינט זאָל זיין עלנט נישט וואַרפן צו זיין שוועל,
אַז די ווייב־און־קינדער געזונט זאָלן זיין
און דער פּראָסט זאָל זיין שויב נישט מאַכן אַ תל.

ווי אַ ווינטערביימל איז דעם אָרעמאַנס געבעט,
פול מיט ציטער און ריין און ווייס, —
כ'האָב צו דיר ערשט נעכטן אַזוי גערעדט
און וועל היינט עס רעדן איבעראַניים.

דאָס געבעט, וואָס מיר האָבן געבעטן היינט,
וועט נאָך מאָרגן ציטערן אין אונדזער געמיט,
ווי די זון, וואָס האָט נעכטן אונדז געשיינט,
ווי דאָס לעבן, וואָס האָט אין אונדז געפּרים.

# לכה דודי

לכה דודי זינגט ר׳ שלמה אלקאביץ:
קום ארויס, געליבטער, אנטקעגן דער כלה.
לאמיר באגעגענען דאס פנים פון שבת,
וואס וויקלט זיך ארויס פון פורפורנע שאלן.

ליכטיקער ווערט דער כלה׳ס פנים,
אויף די רויטע בערג, די צפת׳ער,
ס׳קומט די כלה אונדז צו דערמאנען,
אז ריין איז געוואשן איר לייב אין וואסער.

כיצד מרקדין לפני הכלה?
מיט שטיקער זון אויף קעפ, ווי קרוינען, —
ס׳קומט די נאכט, די טומאה זאל פאלן
פאר דער באהעפטונג, פאר דער עונה.

לכה דודי, — לייב איז קדושה,
גוף־צו־גוף איז מעשה מרכבה,
לאמיר דעם שבת, ווי כלה־לייב קושן,
לאמיר דאס ליבשאפט אין זיך כאוועז.

כ׳נעם דיך, כלה, אויף די הענט צום געלעגער,
ווי אין דער ערשטער נאכט א חתן,
אייביק איז צובונד אין דער ערשטער רגע,
אייביק איז די זון פון ליבשאפט צעגאסן.

לכה דודי זינגט ר׳ שלמה אלקאביץ
און די געליבטע קומט אים אנטקעגן, —
לויטער לייב, גלוסטיקער שבת,
אויף די פארנאכטיקע צפת׳ער וועגן.

## שאָלעכץ פאַלט

ווי היינטוועלטיק דו זאָלסט נישט ווערן
און איינגעוואָרצלט זיין דאָ־הי,
איז אַלץ נאָך טרויעריק צו הערן
דעם שופר אלול אינדערפרי.

סעפּטעמבער איצט, נאָר מיר איז אלול,
דער אומעט האָט אַן אַנדער טעם,
ס׳איז יידישער ווי בלעטער געלע,
ס׳איז טויזנטיאָרעדיקער שטאָם.

סוף־זומער, זון מיינער, איז אַנדערש,
און האַרבסט אפילו אַנדערש איז,
ס׳איז אלול — פאַלק און צער און וואַנדער,
ס׳איז שופר — האַרץ וואָס גיט אַ ריס.

כ׳האָב היינט געהערט דעם שופר שאַלן
און האָב געענטפערט: איך בין גרייט. —
ווי שאָלעכץ האָט גענומען פאַלן
דאָס וועלטיקע, דאָס פרעמדע קלייד.

כ׳האָב דורות אין דעם רוף געטראָפן,
געזען דעם גאַנג זייערן קאַיאָר,
און דו, מיין זון, ביסט נאָך געשלאָפן,
אינאיינעם מיט דיין גאַנצן דור.

ווי וועל איך אויפוועקן דיך, מיין אַרבער,
אַז ס׳שלאָפט אַ דור אין דיין געביין?
גערויבט האָט דיך די צייט — דער שפּאַרבער,
און צאַפּלט דיך אין זיינע ציין.

# אַ זילבערנער שטריק

ביינאַכט קומט מיר צו־חלום ר׳ דוד׳ל סקווערער,
אַ הויכער און אַ דינער, אין אַ זיידענעם כאַלאַט, —
ביז דרייצן יאָר געווען מיין פריידיקער דערנערער,
כאָטש ס׳האָט געוועבט מיין טאַטע דעם פאָדעם פון חב״ד.

אַ ווייסער איז ער, ווי אַ בוים אין ווינטער,
ווי שאָקלדיקע צווייגן האַלט ער זיינע הענט.
און איך אַליין — אַ ווייסער, אַ פאַרדינ׳טער,
ווער דינער, ליכטיקער, ווען ער גענענט.

וואָס וויל ר׳ דוד׳ל? ער איז געקומען מאָנען
דעם טרויער און די פרייד, זיין אייגענעם זיין תוך,
די טעג, וואָס האָבן זיך צעוויגט ווי בלויע פאָנען,
ווען ער איז ביי אונדז איינגעשטאַנען אַלע יאָר אַ וואָך.

צוקאָפּנס שטייט ער, מיט די אויגן ווי בורשטינען,
און ציט מיך־צו צו זיך, ווי ווינטיק־דין פּאַפּיר.
די נאַכט איז וויים, אַ גאַנצע נאַכט באַגינען,
און איבער מיר איז אויפגעהאָנגען אַ פאַרשנייטע טיר.

און אַז ער טוט די טיר אַן עפן, עפנט ער דעם מהלך
פון אויסגעשפּרייטן, אָנגעשנייטן סטעפּ,
צעוואָרפן זענען שטיבלעך, ווי אָפּגעשיילטער קאַלעך,
די שיין איז ווי אַ ברונעם, — די זשמעניעם נעם און שעפּ.

ווי פאָלעס, ווינט־צעווייטע, קומט־אָן פון סטעפּ אַ ניגון
און לייגט זיך אויף זיין פּנים פאַלד־אויף־פאַלד,
ר׳ דוד׳ל, וואָס ביז אַצינד האָט ער געשוויגן,
האָט איצט גערעדט, האָט מיט וואָרט געשטראַלט.

וואָס וויל ר׳ דוד׳ל? דעם תוך פון מיינע יאָרן,
וואָס ער האָט איינעפּלאַנצט אין מיר ביז דרייצן יאָר,
ווייל אויפגעגאַנגען איז אין מיר אַ פרעמדער דאָרן:
די אומרו פון מיין אויפגעבֿרויזטן דור.

און וואָס איז תוך, אַז ס׳זענען דאָ אַזויפיל תוכ׳ן,
און אומעטום איז איבערגאַנג צו זיך אַליין?
אַז איך — אַ מענטש, אַ ייד — האָב שטיקערווייס געבראָכן
דעם גלויבן וואָס אין מיר, ווי קרישלדיקן שטיין.

ר׳ דוד׳ל, ר׳ דוד׳ל, דער ווייסער ייד,
ר׳ דוד׳ל, ר׳ דוד׳ל אין בלויען זייד,
פאַר מיר האָט זיין וואָרט זיך היינט צעבליט,
ווי אַ געזאַנג אין שנייאיקער ווייט.

דערצייל איך אים, אַז איך בין אַנדערש, אַנדערש,
מיט גרויסשטאָט אין געביין און גרויסוועלט אין פּאַרנעס,
אַ מענטש וואָס האָט פון דרהיים אַוועקגעוואַנדערט
און אויפן וועג צעפּליקט דעם מאַנטל פון בעל־שם.

ר׳ דוד׳ל הייבט־אויף זיין קול, און קלאָרע ווערטער
צעפאַלן זיך ווי רעגנשפּריצלעך אין פאַרטאָג:
— דער תוך איז דאָ, ער איז דיר אַ באַשערטער,
ער האַלט דיין גורל, וויגנדיק ווי אויף אַ וואָג.

ר׳ דוד׳ל, ר׳ דוד׳ל, דער זילבערנער שטריק,
איך וויג זיך אויף אים, ווי דער אומרו פון זייגער,
ר׳ דוד׳ל, ר׳ דוד׳ל, אָט זע ווי איך ליג,
אַ שולדיקער — איך און דו — דער קטיגור.

צענעמט ר׳ דוד׳ל די פאָלעס, זיין גוף לויכט אַן אַנטבלויזטער
און איבערן קאָפּשטיק פון מיין בעט איז ער דערהייכט,
פון אויבן קומט זיין קול: — אַ, דו צעבֿרויזטער,
וואָס האָסטו אין די פיראונצוואַנציק יאָר דערגרייכט?

איך האָב דערגרייכט אַ וועלט מיט זיבעציק קאָלירן
און דיינע איז געווען אַ וועלט פון לויטער פריד,

אין טישקעסטל ביי מיר — צעזונגענע פאפירן,
וואס רעדן מיך, דערציילן מיין געמיט.

איך וועל פון זיך נאך שטיקער ווייסן טרויער שיילן,
ווי ס'שיילט א וואונדיקער פון זיך די הויט.
און מיט געזאנג וועל איך דער וועלט דערציילן,
ווי ס'האט א מענטש געלעבט און זיך דער וועלט פארטרויט.

ר' דוד'ל האט זיך העכער איבער מיר דערהויבן,
זיין ווייסקייט איבער מיר, ווי א ליילעך אויסגעשפרייט,
פון דער הייך, פון די ווענט, דורך טיר און דורך שויבן,
צעגאסן האט ער ווי א טייך, זיינע רייד.

א טייך וואס דו הערסט נישט, נאר דו דארפסט אים אנען
מיט לויף פון דיין בלוט און מיט חושים צעשרויפט, —
ביינאכט קומט צו-חלום ר' דוד'ל מאנען,
ביז שאטן פון שטוב ווי א גנב אנטלויפט.

ר' דוד'ל, ר' דוד'ל, דער זילבערנער שטויב
וואס פאלט אויף מיין קאפ צו מאכן מיך קלערער,
א ברוכשטיק פון זון צעזעצט מיין שויב, —
ר' דוד'ל, ר' דוד'ל סקווערער.

## שמואל און עלי

קליין זענען די רייד אין אונדזערע טעג,
קלענער נאָך — די זעאונגען אין אונדזערע נעכט.
שמואל צופּט נאָך די צויטן פון זיין זיידן העמדל,
און דער כהן עלי איז שוין בלינד.
זיינע זין באַשלאָפן פרעמדע ווייבער
אויף דער שוועל פונעם משכן שילה.

קליין איז דער מענטש און גרויס איז די רויב,
פּוסט איז דאָס וואָרט און פול איז דער מאָרד.
אַז דו גייסט־אַרויף צו גאָטס הויז אויפן באַרג,
וואָרעמט זיך דאָרטן אַ בלינדער כהן אויף דער זון.
גייט אַרום גאָטס קול דורך די נעכט,
ווי אַ פאַרלוירענער וואָגלער אין דער מדבר.

שמואל צופּט נאָך די צויטן פון זיין זיידן העמדל, —
ווער וועט הערן דעם רוף פון שטראָף און טרייסט?

ס׳האָט פאַרהילט דעם באַרג אַ זיידענע נאַכט,
אָנגעקלאַפּט האָט גאָטס קול אין דער טיר.
בלינד איז עלי אונטערן משכנ׳ס דאַך,
נאָר דער יונגער שמואל גיט זיך אַ ריר.

ס׳האָט געענטפערט אַמאָל אברהם: הנני,
נאָר אַ קינד איז נאָך שמואל און ס׳קול שרעקט,
האָט ער מיט הענט, קינדערשע, ריינע
אין דער נאַכט דעם בלינדן עלי געוועקט.

אַלט איז דער כהן, טויב איז דער כהן,
נאָר דאָס האַרץ זיינס איז וואַך, ווי אַ בוים אין ווינט, —
נישט באַשערט אַז גאָט זאָל זיין קול אים פאַרטרויען,
הערט דאָס האַרץ גאָטס קול דורך דער שרעק פונעם קינד.

אין דער שרעק ווערט געבוירן די נייע נבואה,
אינעם ייִדענעם שאַרף, אין באָרוועסן גאַנג, —
איצט וועט עלי, ווי אַ בוים אין זומערטאָג, רוען
און די זעאונג וועט אויפגיין פאַר אים אין געזאַנג.

## בלאָנדער אליהו

ווייט איז דער סטעפּ, נאָר גאָט איז נאָענט,
היימיש, ווי ווינט אין צעשויבערטע האָר.
איך — אַ בלאָנדער אליהו —
האָב אים פאַרנומען אין זוניקן שאָרך
מיט דער פרייד פון דערוואַרטונג און פאָרכט.

יאָרן צערונען ווי האַרבסטיקע זונען,
עמערוויים שיין פון האַרצן געשעפּט.
כ'קוק אין זיך ווי אין פולן ברונעם, —
מענטש איז פולער ווי ער לעבט, —
כ'גיי נאָך מיט גאָט, מיט זון און מיט סטעפּ.

# איך בין אַ ישׂראל

איך בין נישט קיין כהן,
איך בין נישט קיין לוי, —
איך בין אַ ישׂראל,
אַ פּשוט'ער ייד אַ ישׂראל.

באַהאַלטן האָב איך מיינע אויגן
ווען ס'האָבן געדוכנט כהנים.
מיין בלוט האָב איך נישט געוואויגן
מיט אונץ שטאַם,
מיט יחוס־גראַם.
געוואוסט האָב איך און פאַרשטאַנען,
אַז כ'בין אַ ישׂראל, אַ פּשוט'ער ייד,
וואָס האָט זיך געזונט, ווי אַ בוים, צעבליט.

נאָר איצטער וויים איך, איצטער שטראַל איך,
אַז כ'האָב זיך געראַנגלט מיט אַ מלאך
און ביינעקומען, ביינעקומען.
מיט גאָט אַ נאַכט געשטרייט,
ווען אַנדערע זענען נאָך געקראָכן אין וועלדער.
דאָס פּנים דיינס, דו כאַם, פאַרשטעל דיר,
וועסט בלינד ווערן פון דער שיין אויף מיין זייט.
ווען כ'האָב שוין, פון געראַנגל מיט גאָט, געהונקען,
האָסטו נאָך אין שטיינערנער נאָרע געהויערט.

איך בין אַ ישׂראל.
פאַר מיר האָט דער הימל לייטערס געשטריקט
און ס'האָבן מלאָכים אויף זיי זיך געוויגט,
אַראָפּ דעם הימל,
אַרויף דעם הימל,

און אויסגעהימלט אַ וועג צו גאָט, —
ישראל זאָל אויף אים שטייגן, קלעטערן
און ס'בוך פון אייביקייט בלעטערן.
כ'האָב בית-אל אויפגעשטעלט
און ס'רוט אין אים גאָטס נאָמען
פון היינט ביז אייביק, — אָמן.

איך בין אַ ישראל.
אויף מיין דיך — גאָטס מום
און זיין געראַנגל — אין מיין געביין,
צוקאָפּנס — דער צעקריגטער שטיין.
איך בין שוין דאָ, און איך קום
שאַנד צו דערהייבן צו גאָטס נאָמען,
פון היינט ביז אייביק, — אָמן.

## דער שטערן נויד

אויפן הימל וואַגלט אום אַ שטערן,
איז ער אַמאָל בלייך,
איז ער אַמאָל רויט.
אין דער פינצטער, ווי אַ שיין־לאַמטערן,
היט אונדז פון דער הייך
גוטער שטערן נויד.

ער אַליין, אַ וואַגלער צווישן שטערן,
איינזאַמט אַף די נאַכט
ביז דער מאָרגן גרויט,
וואַגלער זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן,
ציטערט ער און וואַכט, —
וואַגלער־שטערן נויד.

נעכט אַצינדערט זענען ווייס, דערצערנט,
נישט דער מענטש אַליין,
ס'וואַגלט אויך דער טויט.
ס'איז דער הימל טיף און אויסגעשטערנט,
נאָר אַ וועג צום גיין
ווייז אונדז, שטערן נויד.

# אלט זייד

מענדל עלקינען מיט חבֿרישאַפֿט

דער זיידענער יונגערמאַן איז שוין פֿאַרפֿאַרן ווייט
אין גרויע, רויע יאָרן, בראַכן, נויטן,
נאָר איידעלער און דינער ווערט באַיאָרנט זייד
און יונגשאַפֿט שמעקט פֿון זיידנס פֿאַלבן־צויטן.

ביי אונדז די זיידענע, די שיינע יונגעלייט
פֿאַרפֿוצן זיך אין קאַרבן, ווי די ערד אין אלול,
נאָר אַז סע גיט אַ בליאַסק די זון, צעשפּילט זיך זייד
און קאַרבן־פֿאַרבן גייען־אויף אין שפּילן העלע.

ס׳איז דאָ אין אַלטן זייד אַ יחוס׳דיקער פֿאַלב,
דער טאַטע־מאַמעס חתונה, און אונדזער יוגנט,
אַט פֿליט אַ צויט, אַן עלנטע — אין ווינט אַ שוואַלב,
אַט שורשען קנייטשן טאַטנס אַלטע ווערטער קלוגע.

די מאַמע מיינע, — אין די יונגע יאָרן שלאַנק, —
האָט אויף דער עלטער נאָך די זיידענע ראָטאָנדע
געטראָגן מיט אַ ספּריטנעם נאָך־דער־חופּה־גאַנג, —
מיין איינגעשרומפּענערס, מיין מאַמעס זיידן אַנזען.

דעם טאַטנס זיידענע קאַפּאָטע האָט געגרינט
מיט אַלע יום־טובֿ׳ן, מיט חתונות און ברית׳ן,
נאָר מערער נאָך — ס׳האָט מיט דער צייט די צייט, ווי ווינט
דאָס לעבן זיינס אויף פֿעדעמלעך, אויף זייד, צעריסן.

דאָס לעבן, ווי אַן אַקעראַייזן אונדז צעשניידט,
מיר טראָגן איינגעקאַרבט די יאָרן אין די הויטן,
נאָר ליכטיק אָנצורירן איז דאָס אַלטע זייד
און איינצוטונקען פֿינגער אין די ווייכע צויטן.

# הינטער פּרעשבורג

הינטער פּרעשבורג זענען שטרעקעס
נאַקעט, שטעכעדיק, צעווייקט, —
ברידער מיינע הינטער פּרעשבורג, —
זאַנגען אינעם האַרבסט צעלייגט.

ברידער מיינע, — וויפל הונדערט?
איינס און צוויי, — צוויי־הונדערט־פיר,
נישט קיין שטוב און נישט קיין אַלקער,
נישט קיין שוועל און נישט קיין טיר.

שטרעקע האַרבסט ליגט אייך צוקאָפּנס,
רעגן — איבער אייך דער דאַך,
און ס׳שפּאַצירט פוןביידע זייטן
שנאה אויפן בלאָטע־שליאַך.

וועמעס לאַנד? דאָס לאַנד איז קיינעמס,
ס׳איז דאָס צווישנלאַנד פון רויב,
אויף די שטעכערס און די שטיינער
וואַלגערט זיך דער מענטש ווי דרויב.

וועמען רופן, וועמען מאָנען,
אַז קיין אָפּקלאַנג איז נישטאָ?
אָבער אייביק איז דאָס רופן:
מן המצר קראתי יה.

דאָס געזאַנג איז נאָר נשמה,
גוף און נפש — איין געזאַנג,
מן המצר — דורות גלייבן
און געלייטערטער געדאַנק.

נם געשעט: אויף שטרעקעס חושך
האָט זיך אייביק-ליבט צעשטראַלט
און אַ שיין געטאָן דער עדה
האָט פונוויטנס אַ געשטאַלט.

אַלט און ליכטיק, דורות שטראַלן,
טרייסט אין יעדן קנייטש פון צייט,
מיט זיין שווייגן און זיין גוטסקייט
זאָגט ער: ווייסט פאַרוואָס איר ליידט.

ווייסט די עדה הינטער פּרעשבורג,
ליידן — דור מיט דור פאַרבינדט,
ס'טראָגן זיך געזאַנגען ווייטער
אויף די פליגלען פונעם ווינט.

הינטער פרעשבורג זענען שטרעקעס
נאַקעט, שטעכעדיק און גראָ, —
כ'זינג מיט אייך, געיאָגטע ברידער, —
מן המצר קראתי יה.

## קדמון

א געשריי איז דאָ, דאָס ערשטע וואָרט פון קדמון,
וואָס איז מער נישט ווי געשריי, — בלוט אוןביין און לונג,
דאָס געשריי וועט מענטש אַמאָל אין וואַלד דערטשאַטעווען
און די וועלט וועט ווידער ווערן בראשית׳דיק און יונג.

ב׳הער דעם אָפּקלאַנג, וואָס איז פול און ליידיק,
אַ צעריסענעם און גאַנצן, ווייט און נאָנט,
ווי געבורט איז ער — געוויין און פריידיק
און ווי לעבן, וויקלט ער זיך אוים און מאָנט.

דאָס געביין דאָס אייגענע וויל מענטש פאַרלענדן,
שענדט ער ברודער מיטן טויט, ווי זיך אַליין,
ווייל דאָס בענקשאַפט נאָך בראשית ברענט אין זיינע לענדן,
נאָכן ערשטן אויסגעשריי, נאָך קדמונס פרייד-געוויין.

גייט דער מענטש צום אָנהייב דורך אַזויפיל סופן,
טראָגט ער אָפּגאַנג צו זיין אָנגאַנג אויף דער ערד,
ביז דער וואַלד וועט ווידער פינצטער זיין, און אָפן,
ביז די וועלט וועט ווידער שפירן ווי זי ווערט.

## משה׳ס הענט

אָפּגעשטעלט האָט זיך די זון איבער גבעון,
מיד זענען משה׳ס הענט, זיי רוען.
ווערטער זיינע, ווי טראָפּנדלעך טריפן,
צו דעם יונגן, דעם בלאָנדן יהושע׳ן.

ס׳האָט זיך געזעצט די זון אונטערביימער
פלעכטן פון בלעטער גילדענע קוישן, —
קינד מיינס, ווי אייגענע ברידער גייען מיר
אונטערצוהאַלטן די הענט ביי משה׳ן.

דאָרטן וועט וואַרטן די זון ביז מיר קומען, —
אייביק וואַרט אַ זון אויף מידע גייערס, —
דו ביסט יהושע, און יונג איז דיין אומעט,
ס׳פּנים דיינס הילט אַ זילבערנער שלייער.

שפּעטער בייטאָג, די ביימער רוישן,
ס׳בייגן זיך צווייגן מיט נאַקעטע מומ׳ען, —
ס׳האָט מיך מיין טאַטע געפירט צו משה׳ן,
נאָר מיר זענען צו אים נישט געקומען.

און די הענט משה׳ס ווערן שוואַכער,
איבער גבעון שטייט די זון אַ מידע, —
ווייט זענען, קינד, די האַרבסטיקע שליאַכן,
ביידע גייען מיר, ווי אייגענע ברידער.

# אַ וואָלף איז דער שלאָף

פאַרטאָג. די מאַמע האָט די מילעך אָפּגעוועלט
און נאָכגעזאָגט די ווערטער פון דער צאינה־וראינה:
דער ריח פון מיין זון איז ווי דער ריח פון אַ פעלד, —
נאָר די אויגן זיינע ווי די האָלעוועשקעס ברענען.

מיט מידע הענט האָט זי פאַרקנאָטן ברויט
און צימערינג צעקלאַפּט אין שטייסל,
אַ דינע כמאַרע האָט געשפּרייט דער קנויט, —
אַ, זון, מיט שטילקייט יעקב׳ס, אומרו עשו׳ס.

דער מאַמעס אויגן, ווי מיט מענטעלעך פאַרדעקט,
פאַרהאָרעוועטע הענט —עץ־חיים׳ס,
זי האָט דעם פרעמדן ריח פון איר זון דערשמעקט
און, ווי אַ הון, זיך שטיל פאַרטייעט.

געזעסן שטיל איז יעקב אין געצעלט
און עשו האָט אין פעלד געדאָרשטיקט צו פאַרצוקן, —
געשטאַנען איז ער נעכטן אויף דער שוועל,
די אויגן צו דער וועלט און צו דער שטוב דער רוקן.

ס׳איז אָרעם אונדזער שטוב, דער דאַך איז קרום,
דער ווילנער גאון קוקט אַראָפּ פאַררייבערט, —
אַ, זון, אַ לעבן אונדזערס מיט אַ מום,
אַ טאָג, וואָס ווערט אי זוניקער, אי בלייכער.

ווי אַבשלום די געקרויזטע זיינע האָר
האָט צווישן טענענצווייגן איינגעפּלאָנטערט,
אַזוי האָסטו דעם היינטיקן קאַיאָר
דיין בלייכקייט אויפגעהאַנגען אויף אַ יום־טוב.

א וואָלף איז דיר דער שלאָף און דו — אַ לאַם,
די מאַמע שטייט מיט שרעק ביי דיין צוקאָפּנס
און זעט אויף דיין צעקרימטן פּנים — סם,
וואָס טריפט אין דיר אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן.

ס׳האָט נעכטן זיך די זון אַ וואונדיקע געזעצט
און האָט געלאָזט אַ נאַכט אויף הייסע קוילן, —
ס׳איז היינט דער לעצטער טאָג, און איז ער לעצט ?
די אומרו ווייסט דעם אָנהייב, נאָר דער סוף פאַרהוילן.

פאַרטאָג. אַ שנירל שיין דורך שויבן רינט,
דער מאַמעס אויגן קוקן און זיי ווייסן,
אַז ס׳האָט דער וואָלף באַנאַכט פאַרצוקט איר קינד, —
אַ, זון, מיט שטילקייט יעקב׳ס, אומרו עשו׳ס.

# צעטייל און פאַרבינד

אַ פּאַסיקל ערד פאַר דער שוועל,
אַ הילצערנער פּלויט און אַ טויער, —
גייט־אויף פאַר די אויגן אַ בילד אַזוי העל
פון בלעטלעך צעריסענעם זוהר.

צעטיילט און פאַרבונדן, אַן אות צו אַן אות,
מיט ליבט אַנגעצונדן צירופים,
אַ קול, ווי אַ כוואַליע, גיט זיך אַ גאַס
אין ליכטיקייט ווייטער צו רופן.

צעטייל און פאַרבינד, באַהעפט און פאַרקניפּ,
די אותיות דריי זענען שטח,
אַ, מאַמע, פאַרבלאַנדזשעטן זון פאַרגיב,
וואָס איבער דער שוועל דיינער זעט ער.

די שין און די טעס און נאָך זיי די כעס
אַוועקגעשפּאַנט האָבן ווי הערשן,
אַ שטוב איז אַ היים, אַ שטוב איז אַ נעסט,
אַ פעלד איז מיט ווייץ און מיט גערשטן.

נאָר איבער זיי אַלע איז דאָ אַזאַ ווייט,
וואָס גייט פונעם איצטער צום שפּעטער,
די אותיות דריי, ווי אַ גוף צעשנייד,
וועט אַלץ דיך נאָך רופן דער שטח.

אַ זאַנג איז אַ וואָרט, נאָר שטעל־צו צו דעם — גע,
וועט ווערן געזאַנגען פון זאַנגען,
און אַז דו פלאַקערסט אַזוי ווי דער סנה,
צעפלאַמט פון געזאַנגען — געגאַנגען.

א פּאַסיקל ערד איז צמצום אין וועלט,
ס'איז ענג דאָ אַפילו דעם טרויער,
ווער ס'האָט נאָר זיין לעבן ביז איצט נישט פאַרשמעלט,
דער גייט פון דער שוועל און פון טויער.

געבליבן נאָך בלעטער נישט אָנגערירט
אין זוהר, אין ט"ז, אין מגינים,
דיין זון, ווי דו זאָגסט, איז אַ יונגער הירט,
אַנטלויפט ער זיין סטאַדע געפינען.

ער שפּרינגט איבער בערג, פאַר אים גייט זיין קול:
וואו זענט איר, שעפּעלעך — מיינע יאָרן?
צונויפזאַמלען וועל איך אייך ווי אַמאָל
דער הירט מיט זיין גילדענעם האָרן.

צעטייל און פאַרבינד, באַהעפט און פאַרקניפּ,
צעשניטן דאָס פּאַסיקל רויערד,
גייט נאָך דעם טויערס דער לעצטער סקריפּ,
אַ בלעטל אין ווינט פונעם זוהר.

# ווי דער חלום יעקב׳ס

יעקב איז געקומען צו לבנ׳ען דינען,
האָט אים באַגעגנט די שטילע רחל, —
דיינע אויגן שיינען ווי בורשטינען,
מיינע גיסן טרערן באַכן.

ס׳פּאָרן זיך שוין די טירקלטויבן,
וויינטרויבן גיסן זיך אָן און פינקלען,
ווי זאָל איך דאָס האַרץ מיינס צעשטויבן
און דיר עס געבן מיט וויין צו טרינקען?

כ׳האָב זיך היינט פאַרטאָג געפעדערט
און גערעדט צו די לעצטע שטערן:
מיין געליבטע איז שלאַנק ווי אַ צעדער,
ווי־זשע זאָל איך זי נישט באַגערן?

שוואַרץ זענען די קרוינען אויפן לבנון,
זי טראָגט אַ גילדענע קרוין פון אופיר.
וועמען זאָל איך זאָגן, וועמען זאָל איך מאָנען
ווי אַ אינדן זאָל זי נישט אַנטלויפן?

מיינע לעפצן זענען פאַרזיגלט,
נישט מיט דיין קוש, נאָר מיט מיין ווייטיק,
כ׳גיי אַרויף צו דיין שטוב אויפן היגל,
ווי דער חלום יעקב׳ס אויפן לייטער.

לייב צו לייב וויל זיך באַהעפטן,
ווי מיט דער ערד באַהעפט זיך דער זאָמען,
שיין פון די אויגן מיינע שעפסטו, —
וועמען זאָל איך זאָגן און וועמען זאָל איך מאָנען?

ווי אַ שאָף, וואָס דער הירט האָט פאַרשטויסן,
בלאָנקע איך אום אויף די וויסטע פלעינען,
נעכט פאַרגייען און זונען גוסס׳ן, —
דו וועסט ליכטיקער און ריינער.

# גלילער יונג

פונוואַנעט קומסטו, פויערישער יונג?
פון גליל קום איך, פון די בערג גלבוע.
דערלאַנג מיר פון דיין גרוב אַ קאַלטן טרונק
און וואַסער פאַר די פּיס, די וואונדיק־רויע.

געוואַגלט און געלאַגלט דריי מעת־לעת,
געלויערט און געהויערט שטראָז און שטעגל,
פאַרלאַזט האָב איך דער מאַמעס שטילע נעסט,
צו שטאָט, ווי צו דעם מקדש, עולה־רגל.

די שטאָט, וואָס דוד האָט מיט שטיין אַרומגעבויט
און שלמה האָט געטורעמט מיטן גאָלד פון אופיר,
וואו ס׳זינגען „שטאַרקער איז די ליבע פונעם טויט"
די יונגען אויף לאַמטערנדיקע הויפן.

אבשלום׳ס גאַנג אויף אירע גאַסן איצט נאָך זינגט,
סע ציט נאָך אמנונ׳ס האַרץ צו שוועסטער תמר. —
דער פויערישער יונג מיט דאַרשט דאָס וואַסער טרינקט,
ווי אין דער היים דעם גלילס פרישע שטראָמען.

דו גליל־יונג, דער טויער איז פאַר דיר צעפראַלט
און שטאָט, מיט ווייב און לייב און וויין־קאַיאָרן,
נאָר ס׳שרייט דעם נביא׳ס וואָרט אין יעדן קנייטש און פאַלד,
און ס׳קלאַגט דעם נביא׳ס קלאָג אויף יעדן גאָרן.

די טעכטער ירושלים׳ס זענען פול מיט גלוסט,
נאָר פולער איז דעם נביא׳ס וואָרט פון צאָרן.
„דער חן איז ליגן און די שיינקייט פוסט",
האָט שלמה אויף דער עלטער קלוג געוואָרנט.

דאָ זינגט דער שיר השירים אייביק זיין געזאַנג,
די נאַכט, ווי טאָג אינמיטן זומער, העל איז,
נאָר דער פאַרטאָג גייט אויף מיט רייפערן גערדאַנק
פון שלמה׳ס לעצטע — משלי און קהלת.

## א דודו

אייגן לעבן, איך וועל פאַר דיר א דודו שפּילן, —
דו. דו. דו.
זיפּלעך שיין אויף בלויען פּראָסט פּאַרקילן,
שניי, ווי זשאַר, צעגליט אויף שווארצע דראָטן,
צינדט אויף שויבן זילבערנע מאָטן.
ביימער וועלן זיך אין ווייס פּאַרהילן, —
לוי-יצחק׳ס מיט צעצווייגטע פינגער.
לעבן אייגנס, איך וועל פאַר דיר א דודו שפּילן
וויפל פיין איך בין געוואָרן יינגער,
וויפל טרויער כ׳בין געוואָרן גרויער, —
דו. דו. דו.

דער באַרדיטשעווער פאַר מיינע שויבן
ווערט פאַרווייסט, ווערט שטיל און היימלעך,
קומט דער ווינט צו מוחל זיין און לויבן
לעבן אייגנס אויף איינגעדעקטע ביימלעך.
שיין צעקרוינט זיך אויף די גאַס-לאַמטערנס,
הייב איך אָן דאָס אייגן בלוט צו פילן
און צוריק די יאָרן מיינע הערן.
לעבן אייגנס, איך וועל פאַר דיר א דודו שפּילן, —
דו. דו. דו.

# דער בעש״ט אויפן ים התיכון

דער פּאַרנאַכט איז מיט רויטן ווייַן אָנגעגאָסן
און אַריבער די ברעגעס צעגיסט זיך דער שוים.
דייַנע אויגן שפּילן ווי טראָפּנס ראָסע
אויף שפּעטזומערדיקן בוים.

מיט די פינגער טאַפּסטו-אָן געזאַנג, שייַן, פאַרבן,
ביסט אַליין דער בעכער און אַליין געטראַנק.
ווילסט אַרומנעמען די וועלט ביז צום שטאַרבן,
ווילסט צעשטויבן זיך אין ליכט וואָס צאַנקט.

אין דייַן בלוט הערסטו ווי ווערטער רינען,
ס׳קלאַפּט מיט רייד דייַן ברענענדיקער פּולס,
נאָר אַ וואָרט פאַר זיך קענסטו נישט געפינען,
שטום ביסטו מיט אַ האַרץ אַ פולס.

אין אַ שעה אַזאַ, — פאַרוואָרפן אויף אַ וויספּע
אויפן ים התיכון, — האָט געזאָגט דער בעש״ט:
— גיב אַ וואָרט פון תורה, גיב אַ וואָרט פון מספר,
גיב דאָס וואָרט, איידער גאָט די זון פאַרלעשט.

וויינט ר׳ צבי:
— ב׳האָב פאַרגעסן נגלה...
און די זון צום וואַסער באַלד וועט טאָן אַ פלי,
ווי אַ פויגל מיט צעגליטע פליגלען.
שרייט דער בעש״ט:
— גיב אַ וואָרט פון נסתר, צבי.

— כ׳האָב פאַרגעסן, רבי, נסתר...
בייגט דער בעש״ט דעם קאָפּ אין אָוונטיקן ברען, —
ס׳האַרץ איז פרייד, נאָר אַפילו נישט קיין פליסטער
פאַר דער גרויסקייט, וואָס אַרום אים איז געווען.

— וואָס געדענקסטו, צבי? כאָטש אַ וואָרט, אַ רמז...
און פאַרשעמט זאָגט צבי:
— אַן אַלף נאָר, אַ בית...
זינגט דער בעש״ט:
— אַן אַלף נישט פאַרשעמען,
אין דעם אַלף ליגט דעם בורא׳ס גאַנצע גריים.

— אַלף, בית, גימל, דלד...
בערג צעזינגען זיך,ביימער שטייען אָנגעברייט —
פאַר אַ וועלט, וואָס לייזט־זיך־אויף אין שטראַלן,
פאַר אַ האַרץ, וואָס פול געוואָרן איז מיט פרייד.

# די באַלאַדע פון וואונדער

עד שדרשה בן זומא...

מיט צעשפּרייטע פליגלען, ווי אַ בלויער פויגל,
האָט די נאַכט אַראָפּגענידערט אויף בני ברק
און געבראַכט צוטראָגן מעשה׳לעך אַ פולן זאַק
און דערנאָך צוריק אַרויפגעפלויגן.

שטייט דער זאַק מיט מעשה׳לעך נישט אויפגעבונדן,
ליגן וואונדער צוגעטוליעט, איינגעקניפּט,
און די נאַכט האָט אירע שטערן אָנגעצונדן,
אויף בני ברק אַ רעשעטע מיט ליכט געזיפּט.

רעדט אַ שטערן צו אַ שטערן: זע־נאָר, זע־נאָר,
ווי די וואונדער זענען עלנט אין בני ברק.
ס׳וועלן קרייען באַלד דעם ערשטן קריי די הענער
און נישט אויפגעבונדן שטייט נאָך אַלץ דער זאַק.

די לבנה קוקט אַראָפּ מיט ווייסן טרויער,
פייגל פּאַטשן מיט די פליגלען, — וואָס־נאָר־זוען,
ווער וועט עפענען מיט זוכעניש אַ טויער
און דעם זאַק מיט נישט־דערציילטע וואונדער זען?

קיינער עפנט נישט קיין טויער נס צו זוכן,
ס׳ליכט פון צוגעמאַכטע פענצטער אויסגעשעפּט,
איבער שטיבער גייען־אום פאַרשטיקטע סקרוכן, —
וויינט דער זאַק, וואָס ס׳האָט די נאַכט אים דאָ פאַרשלעפּט.

אַ צעפּאַלענער, אַ בלויער, שטייט אַ קוימען,
די לבנה גיט אַ קוק און ווערט דערשטוינט,
ווען זי זעט דעם יונגן, ליכטיקן בן זומא׳ן,
ווי מיט שיין האָט אים דאָס אָרעמקייט באַקרוינט.

נאָמען אייגענעם פאַרהוילט צוליב עניוות,
נאָר בן זומא, נאָר אַ צווייג פון פאָטערס שטאַם,
נאָר אַ וואָרט פאַר די רב טרפונס, רב עקיבאַס
און אַנטשוויגן ווערט בן זומא, ווי אַ תם.

נאָר די חכמה הענגט אַראָפּ פון זיינע ברעמען,
אין די אויגן — נאָך אַ נס די בענקשאַפט ברענט, —
קום, בן זומא, צו דעם זאַק וועל איך דיך נעמען
און די וואונדער וועסטו שעפּן מיט די הענט.

ס'האָט די נאַכט באַצירט מיט וויים דעם הימלס זוימען,
ס'האָבן שטערן זיך צעוויגט מיט שטילער פרייד, —
די לבנה פירט פאַר'חלומ'טן בן זומא'ן
צו דעם היגל, וואו דער זאַק אין עלנט שטייט.

אויפגעבונדן האָט בן זומא זאַק מיט וואונדער
און צעלאָזט זיי, ווי די פייגל פון אַ נעסט, —
פליט אינאיינעם, פליט צעוואָרפן, פליט באַזונדער,
קומט אין שטיבער ווי די אַנגעלייגטע געסט.

זענען וואונדער זיך צעפלויגן, צו דערציילן
פון באַפרייאונג און פון אויסגעלייזטע קנעכט, —
אַז דו ווילסט, מיין קינד, צעווייטיקט האַרץ דיינס היילן,
פון בייטאָג הייב־אָן, דערצייל ביז סוף פון נעכט.

ס'האָט געבראַכט די נאַכט פאַר אונדז אַ זאַק אַ נייעם,
אַ בן זומא גייט נאָך צווישן אונדז אַרום, —
ס'טרעפן וואונדער, קינד מיינס, נישט נאָר אין מצרים,
מיר אַליין, מיר זענען וואונדער אומעטום.

# דער ווינט און דאָס ציגעלע

אַ פּוסטעפּאַסניק איז דער ווינט אין אַנטשיקראַק,
קיין שטאָך מלאכה איז פאַר אים נישטאָ־דאָ,
אַז יידן האָבן צוגענומען האַק־און־פּאַק
און זינגען אין די שטיבער די הגדה.

אַפילו נישט קיין פאָלע אויף צו טאָן אַ ריס,
שוין אָפּגערעדט פון היטלען, באָרד און פאות.
פאַרשטייט איר דאָך, — דעם ווינט ווי טרויעריק סע איז,
כאַטש כאַפּ אַ שטרויעלע און שליידער עס און דריי עס.

פאַרטייעט זיך דער ווינט ביים פענצטער און ער הערט,
ווי ס׳קלינגט אַ קעלעכל: אוי, מה נשתנה?
פאַרוואָס איז יידן אַנדערש, אַנדערש זיין באַשערט?
פון ד אָ ר ט צו קומען און צו גיין פ ו נ ד אַ נ ע ט?

פאַרשטייט דער ווינט אוודאי נישט דערפון דעם מיין,
אַנטלויפט ער צו אַ שטוב מיט לאָדנס גרינע,
פון דאָרטן טראָגט זיך אַ געזאַנג, ווי אַ געוויין:
עבדים... אוי... עבדים... אוי... היינו...

ביי אַלע פענצטער אויסגעוועוען אין אַנטשיקראַק,
און אומעטום — געזאַנג, ווי אַ יללה.
אַפילו שוין געהערט די מעשה מיט בני־ברק,
נאָר ס׳קומט נאָך אַלץ נישט צו אַ ברייטער פאָלע...

צעשרייט זיך שוין דער ווינט: הו־הו, איך בין פאַרביי!
אַרומגיין פוסטעפּאָס ווערט פשוט נמאס...
ביי פענצטער וואַלגער זיך, צעריים זיך כאָטש, און שריי,
און קיינער מאַכט זיך נישט פון דיר קיין צימעס.

אנטלויפן וויל דער ווינט, — נאָר וואַרט נאָר, שטיי!
אַן עלנט ציגעלע גייט אום פאַרטרויערט.
אַ, ציגעלע! מיין פוסט און ווינטיק האַרץ דערפריי,
אויף דיר טאַקע האָב איך אַ נאַכט געלויערט.

אַ כאַפּ! דאָס ציגעלע איז גרינג, נאָר הויט-און-ביין, —
דער ווינט איז ממש זיך דערמיט מחיה, —
דאָס ציגעלע איז וויס, דאָס ציגעלע איז ריין
און ליגט פון שרעק ביים ווינט אַזוי פאַרטייעט.

וואָס האָסטו מורא, ציגעלע? ס'איז נאָר אַ שפּיל,
אַ וואָרף, אַ ריס, אַ קיצל אין די טלאָען,
אַ טראָג-טאָן וועל איך דיך צום פליגל אויף דער מיל
און טרייסטן זיך מיט דיר פאַר פוסטע שעה'ען.

הייבט-אויף דאָס ציגעלע מיט אַ געוויין דאָס קול
און זאָגט אַזוי-צו-זאָגן: אוי-מיר ווי-מיר,
סע האָט חד-גדיא מיך אַריינגעכאַפּט אַמאָל
און וואַרפט מיך, ווי אין האַרבסט די הוילע ביימער.

געקויפט האָט מיך דער טאַטע נאָר פאַר צוויי גילדוין,
אַן אָרעם ציגעלע, מיט ביינער דאַרע-קוואַרע,
איך טראָג נאָר הערנער, נישט קיין אופיר-קרוין
און זע נאָר, ווי סע מאַכט די וועלט פאַר מיר אַ וואַרע.

דער שוחט קוילעט, ס'פייער ברענט און ס'וואַסער לעשט,
דערגאַנגען איז עס אַזש צו דער פּמליא,
און איצטער דו, די דאַרע ביינער מיינע דרעשסט
און וואַרפסט מיך, ווי אַ שפּענדל אויף אַ כוואַליע.

הייבט-אויף דער ווינט אַ גרויס געלעכטער מיט אַ הו!
און גלעט דאָס ציגעלע מיט ווייכן פעכער, —
איך זע דאָך, אַז אַ נאַריש ציגעלע ביסטו,
איז קום מיט מיר שפּאַצירן איבער דעכער.

א ציגעלע, מיין ציגעלע, איז גאָר־די־וועלט.
דאָס לעבן שפּראָצט ביי דיר פון הערנער־שטעכער.
ס'האָט מיר אַ חבר'ל אַזאַ ווי דו געפעלט
צו גיין מיט אים שפּאַצירן איבער דעכער.

דאָס ציגעלע איז איינגעטוליעט אינעם ווינט
און טראָגט זיך איבער אַנטשיקראַקער דעכער,
די בלויע נאַכט אַ שטערן נאָך אַ שטערן צינדט
און טרינקט פון דער לבנה שיין, ווי פון אַ בעכער.

# די ארבעה בנים

אין דער הגדה פון זשיטאָמיר,
צי אלמנה והאחים ראָם,
איז דער רשע אַ גוי גמור
און אַ נעבעכל דער תם.

ס'איז דער חכם ווי אַ קרומער דישל,
קלוגשאַפט זיינס איז נישט קוראַנט,
נאָר דער שאינו יודע לשאול
האָט אַ פּנים מיט פאַרשטאַנד.

ס'פרעגן הענגט אויף זיינע ליפּן-ברעגן,
ציטערט אויף געדיכטער ברעם,
נאָר ער לאָזט דעם רשע פרעגן:
מה העבודה הזאת לכם?

פליט דעם רשע אין די ציין אַ ציגל,
און ווי פיילן — שטעכעדיקע רייד:
אולי היה שם, לא היה נגאל...
וויינט דער רשע ביז די נאַכט פאַרגייט.

דער קאַיאָר שפּרייט אוים אויף אים אַ פליגל,
גייט ער עלנט אין דער בלויער וועלט אַוועק.
מילא — נו, זאָל זיין לא היה נגאל,
אָבער איצטער בין איך דאָ, און פרעג.

חכמ'ס פרעגן פּאַסט זיך ווי צום קוימען, —
טראַכט דער רשע, — העדות מה?
מ'ענטפערט בוידעם, לאָקש און אפיקומן,
און קיין טעם איז אַלץ אין דעם נישטאָ.

ס׳האָלט שוין ביי מלחמת גוג־ומגוג
און די וועלט צאַפּלט זיך אין קלעם,
אַנגעלאָדן ווערט מיין וואָרט, און וואַגיק:
מה העבודה הזאת לכם?

זעצט דער רשע זיך אויף אַ שטיין אַנידער —
ברייטע וועלט וועט איצטער זיין מיין הויז, —
און ער הערט צוויי שטילע ווערטער ווידער,
וואָס ס׳האָט דער תם געפרעגט: מה זאת?

וואָס איז דאָס? — מיין ברודער תמ׳ל,
קומען זאָל דיין וואָרט פאַר גאָט,
אויף דיין גוטסקייט, אויף דיין שטאַמל,
איז דער ענטפער דיר: בחוזק יד.

גיט דער שטיין זיך אונטער אים אַ קרישל,
גיט דערמאָנונג זיך אין קאָפּ אַ שניט: —
זע, דער שאינו יודע לשאול
האָט געלאַכט פון ברידער זאַלבעדריט.

נישט געפרעגט, נאָר שטיל, געקליגלט,
צוגעשוויגן לעבן ברודער תם,
ווען געברענט האָט מיך לא היה נגאל
און מיין בלוט האָט זיך געצויגן ווי אַ שטראָם.

ברודער־שווייגער, עלנט גיי איך
מיט מיין פרעגן, מיט מיין מאָנעריי,
נאָר אפילו אויף די הערנער פון מזבח
וועל איך זאָגן: שווייג נישט, ברודער, שריי!.

# הא לחמא עניא

דאָס איז דאָס אָרעמע ברויט, וואָס אונדזערע פעטער
האָבן געגעסן דעם וועג פון מצרים, —
ווער ס׳איז דער צווינגער, ווער ס׳איז דער גייטער,
אָרעם ברויט וועט אונדז ווידער באַפרייען.

אָרעם ברויט האָט אונדז צונויפגעברידערט
און צום סיני געפירט איבער מדבר-זאַמדן,
איצט האָט די זון איבער אונדז געניטערט
און אָנגעצונדן בלוטיק די ראַנדן.

איצט קריכט די נאַכט — אַ צעשויבערטע חיה,
אונדז צו פאַרצוקן מיט לייב-און-לעבן,
ווער וועט דאָס אָרעמע ברויט באַנייען,
גאַנג צום סיני אויף שטעכערס אונדז וועבן?

נעם דיין קלייענמעל אויפן וואונדיקן נאַקן
און אין דער מדבר גיי-אָרוים ווידער,
מיטן גלייבן, ווי אין דער נאַכט אַ פאַקל,
הייב-אָן דיין גאַנג צום באַרג פון דער נידער.

# מדבר־מאָטיוון

## א

ס׳האָט די מדבר צעכוואַליעט איר זאַמד
און געשפּילט זיך מיט גילדענע שטויבן, —
ס׳האָט אַ פאָלק זיך אין וואַנדער צעשטאָמט,
דו און וואַנדער זענט נאָענטע קרובים.
ס׳איז מיין קאָפּ, — האָב איך איצט ערשט דערפילט, —
מיטן שטויב פון דער מדבר באַגילדט.

כ׳טראָג אַצינד נאָך די זוניקע קרוין
פון דער מדבר, ביים צוקום צו חמת,
מיינע פעיטער — נאָך אַלץ רועי צאן,
מיט דער בענקשאַפט נאָך גראָז, ווי נאָך מאַמעס,
מיטן הונגער און גלוסט נאָכן שליו,
מיט דער פרייד און דערנאָך מיט דער שטראָף.

כ׳הער אין בלוט נאָך ביי מיר דאָס געוויין
וואָס דאָס פאָלק האָט געוויינט ביי מי־מריבה,
ס׳שלאָגט נאָך משה אין מדבר דעם שטיין
און דאָס וואַסער — אַ שטראָם ווי אַ גריווע —
האָט מיין גומען ערשט איצטער דערפרישט
און געוויין מיינס מיט פרייד אויסגעמישט.

ס׳האָט דאָס הארץ מיינס זיך נעכטן צעוואָיעט
אויפן אומקום אין וואַרשע, לובלין, —
קום צו שוועל פון דעם אהל מועד,
הייב דיין קול ווי אין מדבר פון צין,
קעגן גאָט — דיין געוויין און דיין קריג,
ביסט פון מדבר, קום אין מדבר צוריק.

שטעכיק דראָט אין דיין לייב גיט אַ ריס
אַרום נאַלעווקעס, סמאָטשע און דזשיקע,
נאָר דיין בונד מיטן ארון הברית
וועט צעררייסן די דראָטן אויף שטיקער.
האָסט געקריגט אין דער מדבר אויף גאָט,
דו ביסט שטאַרקער פון שטעכיקן דראָט.

ס'איז פון מלאַווע ביז הויר נאָר אַ שפּאַן,
ס'ליגט דער ים־סוף ביי אונדזערע שוועלן,
ס'גייט דאָס פאָלק נאָך דעם וועג צו כנען
איבער זאַמד, איבער מדבר און עלנט, —
ס'איז מיין קאָפּ, — האָב איך היינט ערשט דערפילט, —
מיטן שטויב פון דער מדבר באַגילדט.

ב

אָרעם זענען די געצעלטן פון שם,
זייער לייוונט — אין רעגן געווייקט,
ס׳גיט זיי אַמאָל דער ווינט אַ צעקעם,
ווי זיי זענען אַזוי אין מדבר צעלייגט.

און נאָך איידער דער טאָג גיט אַ שפּראַץ,
זענען די געצעלטן פון שם שוין וואַך,
איינער גראָבט, איינער זעגט, איינער האַקט אַ קלאָץ,
איינער גייט אַנטקעגן די אורחים אויפן שליאַך.

און אַז די אורחים קומען מיט פאַלדן שטויב,
לויפט זיי אַנטקעגן אַ ברוך־הבא מיט פאַרנעם,
ס׳הייבט זיך ערשט אָן אַ פרייד און אַ לויב
אין די אָרעמע געצעלטן פון שם.

וואַסער אין די עמערס,
ברויט אויף אַ וואָגן,
אַלצדינג וואָס די שמ׳ער
טוען נאָר פאַרמאָגן,

ברענגט מען צו די אורחים, —
אכלת ושבעת,
שטיל, נאָר מדבר־שאָרכן, —
לויב צו דיר, גאָטעניו, טאַטע.

קושט אַ ווינטל אויס די גראָזן,
ס׳פלאַפלען די אַזיס־שטראָמען,
זינגען די אורחים ברכת המזון
און די שמ׳ער ענטפערן: אָמן.

ווייסטו גאָר וואָס, דאָס אָרעמקייט נעם,
מיטן געזאַנג אין אונדזער געביין,
און אין די אָרעמע געצעלטן פון שם
לאָמיר ווי איינענע ברידער גיין.

ג

נאַכט פאַלט צו. אונדזערע גראָע קעפּ
זענען צו די רויטלעכע פּאַסן סוף געווענדט.
גוט וואָס מיר האָבן זיך דערשלעפּט
צום אַמאָל, וואָס האָט דאָ געברענט.

ס׳איז נאָך געבליבן דאָ פּריסעק גענוג
אויפצובלאָזן פאַר דער נאַכט אַ פלאַם,
ס׳האָט זיך פאַרוואַלגערט אַן ערדענער קרוג
וואַסער צו שעפּן פאַר אונדזער שטאַם.

ווידער זענען מיר אַ מדבר׳דיקער קלאַן
און מיר זוכן פּאַשע פאַר אונדזער פי,
זענען מיר צוריק דאָ אין בית־שאן
נאָר צו פאַרבלייבן ביז אינדערפרי.

טראָגן מיר פון מדבר אַ געדאַנק, —
נאַקעט און ליכטיק ווי אַנגעגליט זאַמד, —
אַלטער שופט, הייב־אויף דיין געזאַנג
פון אונדזער אייביקייט, פון אונדזער שטאַם.

דורכגעגאַנגען זענען מיר שוין דעם גאַנג,
אָבער מיר הייבן אים אָן ווידער צו גיין, —
קלוגער שופט, צינד אָן דעם געדאַנק,
מיר זאָלן אים טראָגן אין אונדזער געביין.

נאַכט פאַלט צו. סע אָטעמט־אויף דער זשאַר
און אין מדבר אויגן־פונקן צעשפּריצט
אונדזער שופט, איינגעהילט אין צער,
ביי דעם אָנהייב אונדזערן זיצט.

# דאָס אויסגעלאָשענע פענצטער

ליעסינס אנדענק געהייליקט

א פענצטער צו מזרח אויפן זעקסטן גאָרן
האָט נעכט געברענט מיט א פייער אַן עלנטס,
די וועלט גערופן, די וועלט געוואָרנט,
געוואָרפן שיין אויף פאַרשלאָפענע שוועלן, —
און איצט איז דאָס פענצטער פאַרלאָשן געוואָרן.

אַזויפיל נעכט, דורך אַזויפיל יאָרן,
האָט מיך אַזאַ ווארעמקייט צוגעבונדן
אַרויפצוקוקן צום זעקסטן גאָרן,
וואו ס'האָט זיך דאָס נאָענטע פענצטער געצונדן, —
און איצט איז דאָס פענצטער פאַרלאָשן געוואָרן.

א מילדע לבנה, ווי אַ שעפּסענער האָרן,
צו אונדז איז געקומען אויף „גוט-יום-טוב-ביטן”,
נאָר ס'האָט דאָס פענצטער אויפן זעקסטן גאָרן
אַריינגעכאַפּט זי, איר שיין אויפצוהיטן, —
און איצט איז דאָס פענצטער פאַרלאָשן געוואָרן.

אין נעכט די לעצטע, די נעכט פון צאָרן,
ווען טויט איז געווען אַזוי פּשוט און נאָענט,
האָט אייביק-לעבן פונעם זעקסטן גאָרן
אַרונטערגעשיינט אין די פינצטערע שעה'ען, —
און איצט איז דאָס פענצטער פאַרלאָשן געוואָרן.

ווער שיין וויל צעטרענצלען, ווער שיין וויל שפּאָרן,
ביי וועמען שיין איז ווי רענדלעך ביים קמצן, —
דער מענטש אין פענצטער אויפן זעקסטן גאָרן
האָט שיין אָפּגעגעבן דער נאַכט אינגאַנצן, —
און איצט איז דאָס פענצטער פאַרלאָשן געוואָרן.

געוועז איז פולקייט פון ציטיקן קאָרן
אין ליעסינם באַלויכטענע, שטילע חצותן,
אפילו דער ווינט האָט צום זעקסטן גאָרן
אין נעכט געבראַבט פולע זעק מיט פאַרוואָסן, —
און איצט איז דאָס פענצטער פאַרלאָשן געוואָרן.

ס'איז דאָ אַ געזאַנג — ויהי בנסוע הארון, —
און ס'איז שוין פאַרלאָפן אַזויפיל מעת-לעתן,
כ'קוק אַלץ אַרויף נאָך צום זעקסטן גאָרן
און זוך דאָס געשטאַלט פון אברהם ליעסין, —
נאָר ס'איז דאָס פענצטער פאַרלאָשן געוואָרן.

# גייער פון נאַכטיקע וועגן

גייער דו, דיינע אויגן גליען
זאָג מיר, ווי ווייט איז פון פשיטיק ביז יפו?
טויזנטער מיילן און נאָר איין רגע
איז דער וועג פון פשיטיק ביז יפו.

דאָ בין איך, ביים באַרג צופוסנס,
און אין פאָלעם טראָג איך גרוסן
פון איבער ערדן, איבער ים׳ען.
כ׳שפרייט זיי פאַר דיר, די גרוסן־שטעכערס,
ס׳האַרץ דיינס זאָל ווערן דורכגעלעכערט,
דורכגעברענט זאָלסטו ווערן פון פלאַמען.

גייער דו, דיינע אויגן גליען.
און דאָס פנים דיינס איז פאַרגליווערט.
שטיקער פייער פון דיינע וויעס
פאַלן פראַסטיק דיין פנים אַריבער.

גייער, — מיין גורל, — פון פשיטיק ביז יפו
איז פאַר אונדז נישט געבליבן קיין האָפן.
דאָ, צופוסנס פון באַרג, אין פרי־טאָג,
ליגן צעוואָרפן די הייזלעך פון פשיטיק,
חרוב׳ע, בלוטיקע מיינע שטיבלעך
קוקן אויף דער וועלט אַזוי פאַרגיבלעך,
בייגן נאָך נידעריקער איין די סטרעכעס
און איבער זיי — דיביימער, ווי פעכערס
צוצודעקן די חרוב׳ע בושה
און די צעוואונדיקטע שייבלעך צו קושן.

גייער דו, ס׳האָט דער וועג דיך געטריבן
איבער דיינע פאַרשפּיציקטע ביינער,
וועמען מאָנען און וועמען פאַרגיבן,
און אויף וועמעס גורל וויינען?

נעם צונויף די פשיטיקער שטיבער
און פאַרטראָג זיי צו ברענגן יפו׳ר,
דו, — דער צעריסענער שמשון הגיבור, —
וואַרף זיי אין פּנים אַריין זייער באַשאַפער,
זאָלן זיי ברענען אין יפו׳ר רויכן,
ווייל אַליין האָבן זיי קיין כוח ניט
ברענען אפילו מיט מוטיקן פלאַקער
ווי דער ייד מיטן פּיאָש און אַקער.

גייער דו, מיר וועלן ווערטער ביים טויער קריצן:
דאָ זענען ברידער געפאַלן עלנט,
נאָר זייער לעבן געדאַרפט באַשיצן,
חורבות נאָר און צעבראָכענע שוועלן.
ס׳הייליקע נפש געטראָגן נאַקעט
צו דער פשיטיקער בריק אַנטקעגן,
ס׳האָבן טריט מיט טויט זיך געוואַקלט
ביי די ברידער, די לעבנטרעגער.

גייער, מיר וועלן ווערטער ביים טויער קריצן:
דאָ זענען ברידער געפאַלן ברידער,
מער ווי די לעבנס געדאַרפט באַשיצן,
פאַרן בוים — דער, פאַרן פּי — דער.
ס׳הייליקע נפש איז אויסגערונען
מיט דער בענקשאַפט נאָך אייגענע זונען.
גייער דו, קריץ אוים: דאָ ליגן
ברידער, וואָס זענען געפאַלן קריגער.

גאָט, ווער איז פרעמדער, ווער איז היגער?

# פשיטיקער בריק

אינמיטן פון אונדז הענגט די פשיטיקער בריק
און מיר — די בריק, און מיר — די גייער,
אויף איר האָט אַ וועלט מיט אונדז זיך צעקריגט,
אויף איר וועט אַ וועלט פאַרגיין אין ווייען.

די הילצערנע בריק אויף צווייען צעשניידט
די פשיטיקער שטיבלעך, ווי די רוימישע געטאָ,
מיר האָבן פאַרוואָרצלט דאָ בלוט און צייט,
געוואָרעמט דאָ שיין פאַר דורות שפּעטער.

אַזויפיל געזאַנג אויף דער אָרעמער שוועל
האָט פשיטיקער בחור געשיקט אין די ווייטן,
נאָר ס'האָט זיך די בריק געגעבן אַ שטעל
און אונדזער געזאַנג געוואָרפן אין שייטערס.

ווער גייט דאָרט מיט מאָרד אויף פשיטיקער בריק?
דער אָרעמער פויער, פאַרשיכורט פון שנאה.
אַך, פויערל דו, ווער האָט דיך געשיקט
דיין אויסלייז אין יידישן בלוט צו געפינען?

דאָס פויערל שווייגט, זיין האַק נאָר רעדט
דאָס אייגענע אומגליק און ס'פרעמדע,
די אומגליקן ביידע אויף בלוטיק געוועט
פאַרמעסטן זיך, ביידע פאַרשעמטע.

דאָס פויערל ווייסט נישט, אַז ס'איז גורל זיין האַק
און ער אַליין איז אויך נאָר גורל,
דאָס בלוט דאָס פאַרגאָסענע איז אים געשמאַק
און גוט, אַז ס'ווערט לעבן פאַרלוירן.

נאָר ס'ווייסט דער ייד, אַז קעגן אים גייט
דער צייכן פון טויזנטער יאָרן,
אַז לעבן זיינם דאַרף מען צעשניידן ווי בייט,
אַז אויפגיין זאָל לעבן ווי קאָרן.

נאָר ס'ווייסט דער ייד, און קלוגשאַפט ווייסט,
אַז פויער און האַק זענען צייבנס,
אַז ס'ווערט אויף דער פשיטיקער בריק אויסגעלייזט
דאָס גוטס, וואָס דער מענטש וויל דערגרייכן.

דאָס אָרעמע פויערל אין בלוט פאַרגיסט
די לאַטעס, זיין פיין און זיין הונגער,
און הינטער אים שטייט דער ווייבערשער קריסט
מיט נאַרישן פנים צעזונגען.

דער קלוגער ייד און דער נאַרישער קריסט
אויף פשיטיקער בריק איצטער שטרייטן,
און ס'גיט דער בייזער ווינט זיך אַ ריס
נאָך מער צו צעצינדן דעם שייטער.

# שמואל דער זעער

שמואל, דערווינט האָט אָנגעהויפּט בלעטער ביי דיין טיר,
אויף די בערג שפּילט אונטערגאַנג זיך מיט קאָליר
און דיין טרויער וויגט זיך אויפן גאַניק.
דיינע ליפּן זענען קלוג און דין דיין פּיין,
דיינע אויגן ווייסן: וואָס געווען, וועט זיין,
ווייל געזען האָסטו אַזויפיל זונען וויאַנען.

שמואל, אַלטער זעער, זאָג מיר וואָס דו זעסט
אויפן בוים, אין ווינטער, בלעטערדיקער נעסט?
האָסט דיין שאַרפן קוק אין איר אַריינגעשטאָכן.
הער איך, דאַכט זיך, ווי דער זעער שמואל זאָגט:
וויפל פייגל האָבן נעסטן דאָ פאַרמאָגט
און דער ווינט, דער בייזער ווינט, האָט זיי צעבראָכן.

נעסט איז פויגל, נעסט איז מענטש, נעסט ביסטו אַליין,
טראָגט זיך פון די וויסטע נעסטן אונדזער שטיל געוויין,
טראָגט זיך איבער וויסטע נעסטן רויש פון פליגלען.
יונגער דו, אין מיינע אַלטע אויגן קוק, —
צייט און יאָרן האָבן זיי גענוג פאַרצוקט, —
וועלן דיינע טעג אין זיי זיך ווייטער שפּיגלען.

בלעטער פאַלן, הויפנס געל און רויט געוועב,
וואָלקנס גייען, ווי ס'גייען אַלטינקע אויף טרעפּ, —
אַלטער זעער, וויפל זענען אונדזערע נעסטן?
קוקט ער קלוג מיט קנייטשעלעך ביים דינעם מויל,
און אין זיינע אויגן צינדט זיך אָן אַ קויל:
ווילסט זיך, יונגער, וויט אַריבער זיך פאַרמעסטן.

נעסטן אונדזערע, ווער האָט זיי געציילט?
אפשר וואַרעמט זיך אַ נייע אין אַ הייל?
כ'ווייס נאָר וויפל אונדזערע נעסטן חרוב ווערן.
נאָר סע זענען מיד די פליגלען איבער זיי
קלאַפּן, קלאַפּן מיט אַ טויב און וויסט געשריי
און פאַרגיין, אַז קיינער זאָל זיי נישט דערהערן.

נאָר פאַרגאַנג איז קיינמאָל נישט קיין לעצטער ענד,
ווייל נישטאָ קיין לעצט צו פייערל וואָס ברענט,
בלייבט נאָך פונק, בלייבט אַפשיין פונעם פלאַקער איבער.
ס'וועט אַ צינד־טאָן ערגעץ, ערגעץ טאָן אַ לויבט,
אומגעריכט האָט אויפגאַנג ווידער אויפגעטויכט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

יום־טוב היינט, ווילסטו, יונגער, דאַווענען בציבור?

קוים אַ מנין פאַרמערס, פנים'ער פאַרגרעבט,
און אין ענגן שטיבל וויגן זיך די קעפּ,
שמואל ביי דעם עמוד, ווי אַ בוים אין ווינטער.
ווערטער קלאַפּן ווי דער ווינט אין אונדזער שויב,
נאָר זיין וואָרט איז זעאונג, נאָר זיין וואָרט איז לויב
און אַ נעכטן, און אַ מאָרגן דאָ צעצינדט ער.

ס'רייסט די זון זיך דורך, ליכטיק ווערט זיין קול,
ס'שפּילן זיך די גרויע האָר מיט פאַסמעס גאָלד, —
האַרבסט איז איצט, די טעג, זיי זענען ווינטיק־פריע.
אַלטער זעער, איך זע אַ ציטערדיקע פרייד
איבער דיר, און מיט דיין וואָרט, אַנטקעגן גייט, —
אתה הראת, יידן, איצט איז קריאה.

דאָרער פאַרמעט, אַדערדיקע הענט, געזאַנג,
אויגן טרינקען ווערטער ווי אַן אַלט געטראַנק,
ווערטער טרינקען אוים דעם שיין פון מיינע אויגן.
דאָ איז נעסט, ס'איז דורות היים דאָ אויסגעשפּינט,
וואָרט, ווי בלוט אין אָדערן, דאָ רינט,
איך דאָ איינער בין אַ מידער, פרעמדער פויגל.

בלעטער פליען ווי די פייגל אויפן ווינט,
צווישןביימער — שיין ווי פרישער האָניק רינט.
איבער בערג אַ מידער, ווייסער וואָלקן קלעטערט.
כ'שטיי אַליין אין בלאַט־און־ווינטיקן געדריי
און איך הער אין זיך דאָס אייגענע געשריי:
פרעמדע מידע פייגל, פאַלן ווי די בלעטער.

## אַ גע פ לאָכטן קוישל

אַ געפלאָכטן קוישל
אויף די מידע פּלייצעס, —
אָרעמע פעלדער רוישן
מיט פאַרדאַרטע ווייצן.

יונג און דאַר דאָס פּנים,
ווי דאָס ברויט אין קוישל,
אויגן ברענען, מאָנען:
וואו איז וועג צו משה׳ן?

יאָ, דער וועג איז אָפן
מיט פאַרשפּיצטע שטיינער,
ווייטער פונעם צפון
קעגן מזרח גיי־נאָר.

איבער מדבר וועסטו
גיין און אַלץ נישט קומען,
ס׳וועלן חרוב׳ע נעסטן
שפּרייטן פאַר דיר אומעט.

כ׳גיי אַליין פון חורבן,
כ׳טראָג אין זיך דעם פּחד,
ברידער — טויטע הורבעס
ליגן אויף די שליאַכן.

נאָר איך טראָג דעם אמת
פון די ברידערס טויטן:
ס׳לעבן דאַרף מען נעמען
און עס מאַכן לויטער.

טראָג דעם אמת ווייטער
אויף די פּלייצעס דאָרע,
איבער מאָרד און שייטער,
איבער וויסטע זשאָרן.

יונגער ייִד פון פשיטיק,
אויסגעביינערט גופ'ל,
גאָט האָט דיך פאַרגיטיקט,
דו זאָלסט זיין דער רופער.

איבער אַלע שליאַכן
ליגט צעגאָסן בלווישיין,
טראָג דיין ריינעם פחד
אויפן וועג צו משה'ן.

# רופן אין דער נאַכט

אין דער נאַכט רופןביידע זיך איבער
פון דער פשיטיקער בריק צו יהודה:
וויפל זענען מיר וועכטער געבליבן?
ס׳רעדט אַ שוועסטער צו אירן אַ ברודער.

שטייט אין פשיטיק דער גרייז־גרויער קאָוועל
צוגעשמידט מיט אַן אייזערנער שטאַבע,
איבער אים ווײנט דער הימל, דער אבל,
אינעם טייכל צעקלאָגן זיך זשאַבעס.

אין יהודה — די יונגע חלוצה
אויפן דאַך האַלט דעם מויזער געלאָדן,
קענען טויט אויפן דאַך שפּאַנט מיט מוט זי
צו באַשיצן דעם אייגענעם באָדן.

אין דער נאַכט רופן איבער זיך ביידע:
העי, דו היטער, או־או, אונדזער היטער!
שלאָפט אין פריד אַצינד פשיטיקער עדה,
ווען דו וואַכסט איבער בעבעכעס־גיטער?

העי, א־או, אויפן דאַך אין יהודה,
האַלט דיין מויזער צום שונא וואָס לויערט,
ס׳ווערט די נאַכט אין דער שטיל אויפגערודערט,
שונא גנב׳עט זיך שוין ביי דעם טויער.

שלאָפט די קבוצה מיט אָפענעם אויער,
אויפן דאַך שפּאַנט דאָס היטערן־מיידל, —
וויפל נעכט נאָך אַזוינע אין טרויער
וועט זי רופן צום פשיטיקער זיידן?

שלאָפט אין פשיטיק די עדה, ווי לעמער
ווען דער וואָלף איז זיי גרייט צו פאַרצוקן,
שפּאַנט דער שמיד, ווי אין שול צום באַלעמער,
מיטן הייליקן שטאָל אויפן רוקן.

— ווּעמען היטסטו אויף פשיטיקער בריקל?
שרייט דאָס קול פון יהודה אַריבער, —
די נפשות אין געסל, אין ליקל,
האָב-און-גוטס אין די יידישע שטיבער.

רופט דאָס קול פונעם בריקל אין פשיטיק:
— ווּעמען היטסטו אין נאַכטיקע היימען?
כ'היט דעם שייער, די זון און די מי-טעג,
כ'היט די קינדער — די פריילעכע ביימער.

זיי געשטאַרקט, דו מיין היטערן-שוועסטער,
האַלט דיין וואַך אויפן דאַך אין יהודה,
ס'ווערן חרוב דאָ אונדזערע נעסטן,
היט זיי דאָרט פאַר דיין יינגערן ברודער.

רופט אַ קול צו אַ קול, און פאַרברידערט
ווערן היטער אין בלוט און אין פייער, —
העי מיין שוועסטער, מיין ברודער, מיין שמידער,
ס'ליגט די נאַכט אינעם לויער פאַרטייעט.

# מיין ברודער טרויער

סע שמעקט דער דרויסן מיט צייטיקע עפּל,
מיט פוילע בלעטער און נאַקעטעביימער,
אַ גאַנצן טאָג וועלן וואָלקנס זיך שלעפּן
און מיר, — נאָך די וואָלקנס צעריסענע גייען מיר.

ס'איז דאָ אינעם גאַנג אַזאַ פיינלעך עקשנות
צו קומען צום סוף, וואו דער סוף זאָל נישט גרייכן,
ביזן דעק אויסצושעפּן דאָס אייגענע אָנען,
דערזאָגן ביזן ענד די פּריקרע איכה.

— ס'איז מוט איינצוזאַמען אין זיך דעם צאָרן,
ווען לעבנס און פעלדער ברענען ווי קנויטן.
— מיר האָבן געצאַמט אים טויזנטער יאָרן
און איבערגעקומען אין אים אַלע טויטן.

— פאַרשטיי, ס'איז דאָך אַנדערש... לאַנד איז דאָרט אייגן...
— און וועלט איז נאָך אייגענער, ברודער טרויער.
מיר זענען די קינדער פון די וואָס לייגן
די קעפּ אַנידער דעם אמת ביים טויער.

— און וואָס איז דער אמת?
— מיר ווייסן אַליין ניט
ס'איז מאַרך אין די ביינער, ס'איז בלוט, ס'איז אמת...
מיר טראָגן אים נאָך פון מוריה'ס שטיינער
און וועלן צום סוף די וועלט מיט אים נעמען.

מיין ברודער טרויער, מיין גוטער באַלייטער,
איך טרינק דיינע רייד מיט מיין דאָרשטיקן גומען,
אַ מענטש איז איינער, אַ מענטש איז אַ צווייטער,
אַ מענטש איז גלויבן, פאַרוויקלט אין אומעט.

מיר וועלן אויסשעפּן דעם פּיין ביז די גרונטן,
נאָר בלייבן וועט טרייסט נאָך אַ טראָפּן ליכטיק,
וואָס עפּענען וועט ער פון שיין אַלע שפּונטן
צו שפּינען ווייטער דעם קנויל פון געשיכטע.

מיין ברודער טרויער, פון פּשיטיק ביז יפו
איז נאָר אַ שפּאַנוועגס אין יאָרן טויזנט,
און מיר — די מידע, און מיר — די שלאָפע
אַזויפיל וועגן האָבן געמוזט דורכברויזן.

סע איז שוין נאַכט, מיר וועלן נאָך גיין אינאיינעם
און קיינמאָל נישט וויסן ווער סע פירט וועמען...
וואָס איז אמת? איך וויים אַליין ניט.
ס'איז מאַרך אין די ביינער, ס'איז בלוט, ס'איז —
אמת.

# נאַכט און שטילקייט

נאַכט און שטילקייט אינעם עמק,
ביימלעך טרינקען די לבנה,
ערד איז נאָכן רעגן ליימיק,
אויפגעשניטן און צעבראָכעט.

שטיבלעך שלאָפן איינגעקנוילטע
אין דער מאַמע־נאַכט, ווי קינדער,
באַלד וועט פייער דאָ אַ גרויל־טאָן, —
האַלט דיין האַנט, דו אונטערצינדער.

האָרעפּאַשניק, קנעכט ביי שעיכן,
ברודער רופט צו דיר פון אַרבעט,
קריך אויף זיך נישט קינ'ס צייכן,
נאַכט מיט פלאַמען צו באַפאַרבן.

ברודער דיינער האָט קיין היים ניט,
נאָר אַ בענקען היים צו בויען,
און פאַרפלאַנצט האָט ער דעם עמק,
אויפגעריסן שטיין און רויערד.

האַלט דיין האַנט, אומזיסטע שנאה,
ברודער שטרעקט די האַנט ווי ברודער,
ביידע גייען צום באַגינען
אויפצואַקערן די רודעם.

לאַנד איז שטייניק, לאַנד איז וועמעס?
לאַנד איז דזשאַנאַן, לאַנד איז דגניה,
לאַנד איז אונדזער ברודער־אמת,
לאַנד איז האַנט און האָרעוואַניע.

ברודער הערט נישט, וועמעס שולד איז?
נישט נאָר האַנט פון דעם פאַרדאַרבער,
נאָר אויך דגניה'ס, עקרונ'ס, חולדה'ס,
ברידער מייניקע פון אַרבעט.

נאַכט און שטילקייט. תבואה, ביימער.
אויף דער פאַשע שאָף און רינדער, —
ברען, מיין הארץ, אין פלאַם פון עמק
פאַר דער שולד פון אונטערצינדער.

## עמק מיינער

א ליכטיקער פויגל פליט די זון אוועק, —
עמק מיינער, כ'האב דיך פארזייט.
ס'האט די נאכט, ווי א מאמע, דיך צוגעדעקט, —
עמק מיינער, מיין טאל פון פרייד.

די צעצונדענע שטערן האבן אויפגעבליט, —
עמק מיינער, מיט אונדזער פרייד.
פון דער ברודערשאפט זאנגיק גייט-אויף א ליד, —
עמק מיינער, כ'האב דיך פארזייט.

פון דער ברודערשאפט וואקסן וועט א פאלק, א לאנד, —
עמק מיינער, כ'האב דיך פארזייט.
איך וועל בענטשן דיין שפע און דו — מיין האנט, —
עמק מיינער, מיין טאל פון פרייד.

# געשטאַלטן

## משה-הערש אַ פּלייצע

אַפֿענע פּלייצעס פּאַר זעק און פּאַר לעמער,
קינדער צו וויגן ווי אויף אַ הוידע,
אַבער די אויגן — זיך אייביק צו שעמען,
ווי אין אַ שולד זיך אַלעמאָל מודה.

ווער ס'האָט געהאַט אין שפּייכלערס ווייצן,
ווער ס'האָט אין קעלערן וויין געעלטערט, —
קום, משה-הערש, מיט דיינע פּלייצעס
אונטערצושפּאַרן צעשאָקלטע וועלטן.

זומער פּאַרנאַכט. אין דרויסן די פעסער
שפּילן מיט וויין און מיט רויטלעבע פּלייצן,
שניידט אים אַרונטער אַ קול ווי אַ מעסער:
— עי, משה-הערש, לייג אונטער אַ פּלייצע.

שפּאַרט ער אין קעלער אונטער דעם אַנטל*)
ביז די שטריק לאָזן נאָך ווי לייצעס, —
קינדער אפילו אין אונדזערע קאַנטן
זינגען אים נאָך:
— משה-הערש, אַ פּלייצע...

רוקט זיך אַרונטער אַ געבויגענע סטרעכע,
בייגט זיך אַ וואַנט מיט געשוואָלענע ריפּן, —
קום, משה-הערש, צו דער וועלט, צו די דעכער,
ברענג דיינע פּלייצעס מיט גוטסקייט אויף ליפּן.

אונטער איין דאַך וואוינט דער שמיד און דער שטעלמעך,
איבערן ליקל — דער האָריקער טעסלער,
רימער און קירזשנער אין שטיבלעך ווי בעלמעס,
שווערע, פאַרקלעצערטע, אָרעמע געסלעך.

---

*) אַנטל — אַ פעסל וויין. איך האָב דאָס דאָזיקע וואָרט געפונען אויך אין בער באָלעכאָווערס זכרונות.

ווינטער־קאַיאָרן. פון קאַניצלעך רינען
רויכיקע וועלף מיט צעשויבערטע פעלן, —
טעסען אַ שפּיצע און שווייסן אַ שינע
קומט משה־הערש צו באַלמעלאָכישע שוועלן.

פונקען און שפּענער און פּנים'ער כמאַרעס,
שניי איבער דעכער דרייט זיך און שפּרייט זיך,
האַמער און הובל מאַכן אַ וואַרע
פאַרן פאַרנייג פון צעזונגענע פלייצעס.

קומט פון די ווינטיקע סטעפּעס אַ פרעמדער,
פאַלט ביי דער קוזניע פאַרפרוירן אַנידער,
שטייט משה־הערש אַ שולדיק־פאַרשעמטער,
רייבט אים מיט שניי אָריין בלוט אין די גלידער.

שלאָגן זיך איבערן ביסן טרעגער, —
שטריקענע בערד און אָרעמס ווי אַקסן, —
טראָגט משה־הערש די פלייצעס צו שלעגער,
שטויסט צווישן מעסערס און דרענגלעך די אַקסלען.

פלייצע צעשניטן, אַ וואונדיקער שמייכל:
— יידן, איר ווייסט דאָך די סדרה כי תצא...
גוט איז אַ מענטשן אַז ער קען דערגרייכן
שלום צו ברענגען מיט בלוט פון זיין פלייצע.

# די באַלאַדע פון פוסי וואַסערפירער

פוסים באָרד איז אַ גאָלדן קרײַנדל
צו אַ פּנים אַ צעקאָרבטס,
פוסי פירט וואַסער פונעם „שטײַנדל"
מיט אַ קוק פון שפּעטן הארבסט.

פוסי קען עברי נאָר מיט נקודות,
קומט ער דאָס דאַוונען אָפּ מיט אַ זאָג, —
כ'גיי פאַר דיר, גאָט, צום „שטײַנדל" אויף רודעס
ייִדן וואַסער צו ברענגען פאַרטאָג.

נאָר אַ געזאַנג קען פוסי, — לכה דודי, —
שעפּט ער מיט דעם דאָס וואַסער קאַיאָר
און צוריק, אויפן פּעסל צעהוידעט, —
לכה דודי, מײַן גניאַדעלע, פאָר.

און ביי שטיבער עפנט פוסי דעם צאַפּן,
שטראָמט דאָס וואַסער אין דער קאַן,
קומען ייִדן אַ טרונק צו כאַפּן,
ווי פונעם שטיין ביים לאַנד כנען.

טרעפט אין אַ ווינטער, דער שניי איז בלאָלעך,
ס'אָטעמט דער פראָסט מיט קאַלטן שטאָל,
פוסי דערמאָנט זיך אַ פּשוט'ן וואָלעך
און צעזינגט זיך אויפן קול.

נאָר סע רופעט אים דער לכה דודי,
בלײַבט ער שטיין אַזוי געפּלעפט, —
זע נאָר, איך בעט דיך, כ'פאַרקריך אויפן בוידעם,
ס'זאָל זיך נישט טרעפן ווי סע טרעפט.

אָבער דער וואָלעך קריכט אין די ביינער,
ווי אַ קליעשטש זיך צוגעקלעפּט.
טראַכט שוין פּוסי: מענטש, פאַרשטיי נאָר,
ס'וואַסער אין דיר האָט זיך אויסגעשעפּט.

ס'האָט אַ ווינט דעם שניי צעקלויצעט,
פלאַכטעם וואַרפט דער פראָסט מיט כעס,
פּוסים גוזאַנגען — אַ ויתרוצצו,
לכה דודי... וואָלעך... גניאַדע... פּאַס...

פּוסים באָרד — אַ קרישטאָלן קריינדל
און דאָס פּנים — אַ לאָמפּ וואָס צאַנקט, —
ווער האָט פּוסין ווײַן פון שטיינדל
אין אַ רויטן גלאָז דערלאַנגט?

יידעלעך, טרינקט, ס'שטראָמט ווײַן פון צאַפּן,
און דערוואָרעמט אייך דאָס געביין.
נאָר דעם לכה דודי וויל פּוסי דערטאַפּן,
רינט ער אים אויס צווישן די ציין.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט זיך דערשלעפּט אַליין די גניאַדע
קריק אויף דער רימערישער גאַס, —
וואו איז פּוסי? פאַרפרוירן אוודאי,
אָבער אָנגעפילט דאָס פאַס.

# מאָטל דער שרייבער

צוגעהונקען האָט מאָטל צו דער שאַפע
און אַ בוך אַרויסגעשלעפּט:
דאָס האָט גאָט אַליין באַשאַפן
און דערפאַר האָט מען אים געקעפּט.

ס'האַלטן אים אַלע פאַר עובר בטל,
אָבער ער האָט אַ שיין כתב,
לערנט מיידלעך דער קרומער מאָטל
פון די ביכלעך וועגן בלאָנדן גראַף.

און אין דער היים זיצט ער אָנעם היטל,
קוקט דורכן פענצטער אויפן שניי
און צעשרייט זיך:
— נישט אומזיסט געליטן,
דיינע איז די וועלט, גאַלילעי.

מאָטל שרייבער, — ווער וועט צו אים קומען,
אַז ער איז בייז און לעבט ווי אַ הונט?
שרייט אויף די שטערן ווינטער און זומער
און אויף דער וועלט וויל ער מאַכן אַ בונט.

נאַכט האָט געשפּריצט אין פענצטער מיט שטערן,
מאָטל האָט צום בוך זיך צוגעקלעפּט, —
— גאָט, איך וועל זיך מיט קיינעם נישט ווערן
און ווי דו וועל איך זיין געקעפּט.

# הערֹאַיק

פונעם בוך הערֹאַיק
נאָר אַן איינציק בלאַט, —
אָנגעזעצט און טויאיק
איז די נאַכט אין שבט.

שטערן אויסגעלאָשן,
ערד איז דרויביק־רוי,
אין פּאַלטאַ, קאַלאָשן
שליידערט זיך קאָסאָי.

אויסגענעצט די גריווע,
פלאַמיק דאָס געביין,
אויפן שטרויזאַק פיבערט
דאָ קאָסאָי אליין.

פיינט האָט מען קאָסאָיען
פאַר זיין אויג וואָס שטעכט,
הערט מען אַמאָל וואָיען
ווי אַ וואָלף דורך נעכט.

ווייסט מען, אַז אין קעלער
רייסט ער זיך די הויט,
ער — אַ שאַרפער, געלער,
און ביים בעט אַ קנויט.

ווייסט מען, אַז חרטה
האָט ער אויף פאַרראַט,
אַז ער ליגט צעטראָטן
אין דער נאַכט פון שבט.

אַלע אין די שטיבער,
ער אין קעלט, אין נעץ,
מיטן בייזן פיבער
און צוויי בלודנע קעץ.

נעכטן ביי דער הוירע
האָט ער האַנט געשטרעקט:
— ברודער, האָב נישט מורא.
— טאַנץ אַליין, אַוועק.

ווי אַ הונט אַרום זיך
האָט ער זיך געדרייט,
אין אַ ווילדן אומזין,
מיט אַ קראַנקער פרייד.

מיט פאַרשפּיצטע ביינער
ווי צעפּאָרן דראָט:
הנה בארצינו
מה לי טוב לחיות.

אינדערפרי. באַוואַקסן
ס׳פּנים מיט בוריאַן.
שפּיציקער די אַקסלען,
אויגן פול מיט סם.

נאָר די פינגער ווײנען
אויסגעקרומט און דאַר, —
פרעגן וועט נישט קיינער
פונעם נאַכט־קאָשמאַר.

וועט ער פינצטער, גאַליק
הילן זיך אין שאַל
און אנידערפאַלן
אויפן מיסט אין שטאַל.

און צעלאַכעם וויינען
מיט צערייצטן שפּאָט —
הנה בארצינו
מה לי טוב לחיות.

פונעם בוך הערגאַיק
נאָר אַן איינציק בלאַט, —
אָנגעזעט און טויאיק
איז די נאַכט אין שבת.

# זאָגט דער וואָלעך

מרדכי ציגיינער זאָגט איצט דעם וואָלעך, —
ברע האָמולי, מענטש וואָס דו ביסט.
ס'פינצטערע לעבן דיינס איז נאָר אַ שאָלעכץ,
שייל אוים דעם יאָדער פון אונטער דער הויט,
ווען דו די פרייד דיינע עסן ווי ברויט,
ווען דו דיין שיין
טרינקען ווי וויין, —
ברע האָמולי, מענטש וואָס דו ביסט.

וואָס איז דען טרויער? אַן אַנדער מדרגה
פרייד, וואָס פאַרטאַיעט זיך אַזש ווי אַ קינד.
אָט, ווי אַ טייך אין זיין טיפקייט אַ שטייגער
צוריק צו די אייגענע קוועלעכלעך רינט.
שטראָמען מיט שטראָמען ווערן פאַרקניפּט,
פרייד דורך טרויער ווערט דורכגעזיפּט,
לויטער דיין לייב ווי אַ זומער פּאַרפּרי,
זינגט אין דיין בלוט דאָס געזאַנג פון אר"י,
גוטסקייט פון וועלט איבער דיר זיך צעגיסט, —
ברע האָמולי, מענטש וואָס דו ביסט.

ציגעלעך מיינע, ווייסע, ריינע שפּייזער,
קלייען מיט שטרוי האָט איר פריידיק געקייט,
וועל איך צעטראָגן איבער די הייזער
שוימיקע מילך פאַר אָרעמעלייט.
מענטש, וועל איך זאָגן, אַ קוואַרטעלע פרייד
האָט פון די אייטערם ארויסגעשנייט.
מענטש, וועל איך זאָגן, ביסט נאַריש, ביסט בלינד,
זעסט נישט ווי געזאַנג פון ציגעלעך רינט.
ציגעלעך מיינע זענען זונען אין מיסט, —
ברע האָמולי, מענטש וואָס דו ביסט.

# דאָס רויטע קלעזמערל

דאָס רויטע קלעזמערל שפּילט אויף דער פלייט
איז דאָס שפּילן אַן אַנטיק, —
דער קאָפּ האָט זיך מיר ווי אַ ראָד געדרייט,
דאָס האַרץ אין מיר האָט זיך צעוויגט.

דאָס רויטע קלעזמערל פאַרוואָרפט די האָר
און גיט זיך אויף דער פלייט אַ „זאָג", —
אַ נאַכט וואָלט איך געשטאַנען ביז קאַיאָר,
שפּיל, פלייטעלע, און האַרץ מיינס, שלאָג!...

פונוואַנעט קומט דאָס קלעזמערל? פון בראָד.
פאַרוואָס איז שטיל דאָס קלעזמערל? א־האַ!
ס'איז נישט אומזיסט, ס'איז דאָ דערביי אַ סוד.
מע זאָגט און מע דערציילט, נאָר שאַ!

דאָס רויטע קלעזמערל גייט אום פאַרקלערט
און האָט פאַרגעסן, דאַכט זיך, רייד,
ווי מיט דער וועלט זיך גאַרנישט אָנגעקערט,
נאָר חבר איז ער מיט דער פלייט.

דאָס פּנים אויסגעדאַרט און שאַרף פאַרשפּיצט
די אַקסלען — אַלעמאָל אַ צוק,
אַזויפיל צער אין קנייטשן איינגעקריצט
און טרויער ציטערט אין זיין קוק.

אַ זומער־טאָג, — סע שפּראָצט, סע וואַקסט, סע גרינט, —
און פלוצלונג הערן קינד־און־קייט
ווי ס'ברענגט צוטראָגן זומערדיקער ווינט
דאָס שטילע שפּילן פון אַ פלייט.

ווערט אַ געלאַף און אַלע פרעגן אין איין קול:
פונוואַנעט קומט עס? וואו און ווער?
דער שוסטער וואַרפט אַוועק דעם האַמער, נאָל,
דער שניידער וואַרפט אַוועק די שער.

דאָס רויטע קלעזמערל שטייט אויף דער שוועל
און שפּילט פאַר זיך אַליין די פלייט,
דאָס דאַרע פּנים לויכט אים אַזוי העל,
די אויגן — פול מיט צער און פרייד.

די גאַנצע גאַס שטייט לעבן אים געפּלעפט,
נאָר ער זעט קיינעם נישט דערביי,
ער האָט זיך מיט דער פלייט צונויפגעהעפט
און ביידע זענען זיך געטריי.

דאָס רויטע קלעזמערל שפּילט אויף דער פלייט
און ס׳שפּילט מיט אים דאָס זומערדיקע געבלי,
די הינער בלייבן זיצן אויף די פלייט,
די פייגל בלייבן הענגען אינעם פלי.

# דער עלפטער

מיין ווייטן אברהם קופערשטיינען
מיט ליבשאַפט.

צען גוטע ברידער זענען מיר געווען,
האָבן מיר די טעג געסיליעט ווי די קרעלן,
האָבן מיר פון בעלצער האָבערדיקע שוועלן
אָנגעזאָגט דער וועלט אַז מיר זענען צען, —
און דער עלפטער, אברהם, לעבט אין לעקסענדרען.

צען גוטע ברידער, מיט די שבחי בעש"ט
אויף אָניעגינס קני וויגן איין טאַטיאַנען,
דאָ איז בעליץ, און די וועלט איז בלאָ פונדאַנען,
איינער גייט אַוועק מיט אַ פּאָרל וועש, —
און דער עלפטער, אברהם, זייט און שניידט און דרעשט.

צען גוטע ברידער, קומט אַרוים אין סטעפּ
מיט צעווייטע פאָנען, מאַרקסן און לאַסאַלן,
וויינען מיט געזאַנג: איינער איז געפאַלן,
איינעם האָט דער גורל קיין סיביר פאַרשלעפּט, —
און דער עלפטער, אברהם, שוויגט און גראָבט און לעבט.

צען גוטע ברידער, — וויפל זענען הי?
לאָמיר זיך דערציילן „זאוויעסא זבראַשענאַ“,
לאָמיר זיך צעטיילן ביי שטערן אויסגעלאָשענע,
ס'גייט אַוועק די באַן אין שנייאיקן פאַרפרי, —
און דער עלפטער, אברהם, האָט שוין זיבן קי.

צען גוטע ברידער, — ס'גיט דאָס הארץ אַ ריס, —
האָבן זיך צעשאָטן ווי אַ שנירל קרעלן,
שטום זענען די טעג אויף די בעלצער שוועלן,
אָנזאָג צו דער וועלט איז געווען אומזיסט, —
און דער עלפטער, אברהם, — שרייב מיר וואו דו ביסט.

## האָרעפּאַשנע ריטער

געקויפט האָט דער פעטער אַ פערד,
מיט ריפּן שאַרף און ביינין, —
נאָר ווער האָט אַמאָל געהערט
אַ פערד אין שטאַל זאָל וויינען?

פאַרטאָג, נאָר אַ שפּראַץ אויף דער זון,
די קעלבער אין שטאַלן מרוקען,
דער פעטער לייגט־אויף דעם טוטון
דעם פערד אויפן דאַרן רוקן.

די שקאַפּע דעם בּיסן צעקייט
און וואַרפט אַרום דאָס ציימל,
דער פעטער — אַ ווייסער ווי קרייד,
אַ דאַרער, ווי ווינטער אַ ביימל.

דאָס פערד און דער פעטער אין שפּאַן —
צוויי האָרעפּאַשנע ריטער, —
די זון, ווי אַ קופּערנע פּאַן,
צעקלינגט זיך מיט רויט און מיט ציטער.

נאָר איידער זיי שפּאַנען אַוועק
צעוויינט דאָס פערד זיך ווידער,
אַ הוסט, ווי אַ טעמפּע זעג,
צעשרויפט דעם פעטערס גלידער.

געבויגן ביידע די קעפּ,
די זון פאַרלויפט זיי פונפאַרנט,
אַנטקעגן קומט זיי דער סטעפּ
מיט גאָלד פון ווייץ און קאָרן.

דאָס פערד איינגעשפּאַרט גראָבט
די קאָפּיטעס אין שוואַרצערד,
דעם פּעטערס געוויין איז פאַרשטאָפּט,
ווי הינטער גראַטעס פאַרקאַרצערט.

די אויגן צום סטעפּ געווענדט,
גייט טרויעריק דער פעטער,
צעקאַרבט און פאַרגעלט די הענט
פון ציליען טוטון־בלעטער.

דאָס פערד הייבט־אויף דאָס קול מיט געוויין,
דעם פּעטערס באָרד גיט אַ ציטער, —
דעם טאָג אַזוי אַנטקעגנגיין
צוויי האָרעפּאַשנע ריטער.

# יאַנקעל ראַפאַעל

אַ פּנים איז אַרויס פון ראַפאַעלס אַ בילד
און רופט זיך יאַנקעל און איז אַ ייד אַ תּם.
פּאַרנאַכט-צו האָט די זון דאָס פּענצטער אָפּגעגילדט
און יאַנקעל שטייט אין דעם, ווי אין אַן אַלטער ראַם.

פאַרקלערט איז יאַנקעל, ווי זיין מייסטער ראַפאַעל,
און איצט איז זיין געמיט אַ ליכטיק אויפגעהעלטס,
ווייל ס'שטייט דאָס ציגעלע אויף זיין צעדרייטער שוועל
און מעקעט פרייד אויף זומערדיקער בעלץ.

און יאַנקעל גייט אַרויס פון ראַם, און ס'שיינט אַ פּלעק
אויף זיין פּירעקעכיקער, אַשיק-גרויער באָרד,
ער טראָגט אין האַרץ דעם ווידערקלאַנג פון זומערדיקע טעג,
נאָר ס'מויל האַקט-אָפּ די פליגלען ביי זיין אייגן וואָרט.

אַ באָרוועסער שטייט יאַנקעל, קייט אַ דאָרן שטרוי
און חידוש'ט זיך וואָס ס'איז פאַרנאַכטלעך אומגעריכט,
וואָס רויטלעך איז דאָס ציגעלע און ברוין — דער גוי,
וואָס טרייסלט זיך דער וואָגן און דאָס פערדל קריכט.

אַ חידוש איז פאַר אים די וועלט אַצינד,
דאָס אייגן האַרץ איז ניי, ווי ערשט פאַרנאַכט אַנטפּלעקט,
אַ פאָדעם לויטערקייט האַלט ער אין האַנט און שפּינט,
נאָר טרויעריק איז דאָך, און עפּעס מאָנט און פרעגט.

און יאַנקעל נעמט דאָס ציגעלע אויף זיינע הענט
און רעדט צו דעם צעשפּילטע, זומערדיקע רייד,
דערציילט, אַז ווען סע וואָלט אין אים זיך נאָר געווענדט,
וואָלט ער נאָר פעלד, — דו הערסט, — געאַקערט און געזייט.

נאָר יאַנקעל דאַרף דערנערן ווייב און הויזגעזינט
ער האַנדלט מיטן גוי, ער מעסט דאָס ברויט, און וועגט, —
אַ פאָדעם לויטערקייט האַלט ער אין האַנט און שפּינט,
נאָר טרויעריק איז דאָך און עפּעס מאָנט און פרעגט.

# אַן עבירה פאַר גאָט

אַזאַ ליכטיק פּנים, אַזאַ גילדענע באָרד,
אַזוי שטאַלטנע האָט שיקע געטראָגן די וועלט,
ס'איז געווען אַ נחת צו זען ווי ער פאָרט
אין דער בריטשקע פאַרנאַכט אַהיים פונעם פעלד.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

ער האָט קינדער געהאַט, — נאָר צו גאָט און צו לייט,
און דאָס ווייב האָט געבלישטשעט אַזוויי בריליאַנט,
מ'איז געגאַנגען אין שטוב אַזוי שטיל, ווי אויף זייד,
ווי סע פּאַסט פאַר אַ יידן פון העכערן שטאַנד.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

אַ מאַנאַרך צווישן מענטשן, אַ גביר'ישער שטעל,
מיט דער שיינער נדבה, אַ שמייכל, אַ וואָרט, —
אַזוי יונג איז פון שיקען געוואָרן אַ תל,
נאָר געבליבן איז שיינען די גילדענע באָרד.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

פון דער שלייף איז גערונען אַ שנירעלע בלוט,
ס'האָט דער שטערן רבנ'יש געטראַכט און געטרויט,
מיט די אייגענע הענט, — ווייסט דער מענטש וואָס ער טוט?
נעמט אַ ליכטיק לעבן און פאַרלעשט ווי אַ קנויט.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

אַז איר טראַכט ווי אַ מענטש איז אונדז אייגן און פרעמד,
ווערט דאָס לעבן אַזוויי אַ קנופּ-אין-אַ-קנופּ, —
אויפדערנאַכט האָט נאָך שיקע די באָרד זיך צעקעמט,
אינדערפרי האָבן גרעבער געגראָבן זיין גרוב.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

# אַ שונדישע מעשה

אַ דאַר מענטשל, מיט ווינט אין די שרויפּיקע קנאַכן,
מיט אויגן, פאַרשפּיצטע ווי פייגלשע פּיקערס,
וואָס איז ער צום שפּיץ פון שעילפן־טורעם געקראָכן
אַרונטערצופאַלן פון דאָרט ווי אַ שיכור?

פאַרטשעפּעט זיך מיט זיין געביין ביי קאַרניזן
און הענגען געבליבן מיט צעבלאָזענע פאַלעס,
ווען שעילפּענען האָט געדריבלט אַ שפּיזל:
אַ מענטש איז אַ ייד און אַ ייד איז אין גלות.

דאָס מענטשל איז דאַר און איז גרינג ווי אַ שפּענדל
און הונגעריק איז ער פון היינט און פון נעכטן,
איז הענגט ער אַרונטער אַזוי ווי אַ פענדל, —
דער ווינט זאָל די האָר זיינע פאַסמעסווייס פלעכטן.

צעקלינגען זיך גלעקער. סירענעס שאַלן.
פאַרדרייסן זיך קעפּ צום פּערציקסטן גאָרן.
אַ פינטעלע־מענטש איז אַרונטערגעפאַלן
און פון זיין געביין איז אַ פענדל געוואָרן.

דאָס מענטשל? וועד ווייסט? צי שווייגט ער? צי
שרייט ער?
דער ווינט איז אַ מאַמע און וויגט אים אין וויגל.
און אפשר וויל ער פון דער הייך פליען ווייטער
און שפּרייט אויפן ווינט זיינע פאַלעס ווי פליגל?

פאַרקוקט האָט זיך שעילפן: אינמיטן דערינען
אַ שאָטן, ווי ס׳הענגט אויפן פענצטער אַ גלית.
דאָס שפּיזל? צום טייפל. ער קאָן זיך פאַרגינען
אפילו אַ מיידל אַ בלאָנדס פון די „פאַליעס".

— צענטראַל פּאַרק וועסט.
— כאַ־כאַ, אַ וואַרעמע „נעסט”.
— ידעדי ברענגט אַ ברילאַנט.
— סווימי ציטערט: באַווייז.
— ס'קלענצטע פינגערל פון האַנט.
— אַ, דזשי, האַו נאַיס.

דער שאָטן צעוויגט זיך. פאַרשטעלט די שויבן,
ווי ס'וואָלט אַנגעפלויגן אַ מחנה ראָבן.
האָט שעילפן צום פענצטער די הענט אויפגעהויבן:
אַ מענטש קען זיך לעבעדיקערהייט נישט באַגראָבן.

די „וואַרעמסטע נעסט” איז הענגען געבליבן
אויף שעילפנס הענט ווי אַ געקוילעט הינדל,
האָט ער מיטן שוימיקן בלוט פאַרשריבן:
אַ מענטש דרייט זיך אַרום זיין געוועב ווי אַ שפינדל.

נאָר איידער ס'האָט שעילפן דעם פאָדעם דערשפּונען,
האָט ס'מענטשל פון קאַרניז זיך אָפּגעריסן.
די שיין האָט צעקוואָלט זיך ווי פון אַ ברונעם
די שויבן שעילפנס מיט שטראָמען צו פאַרגיסן.

צעפּראַלטע טירן און צעפּאַרענע דילן.
ווי הינט משוגענע, עלעוועיטאָרס לויפן.
די פערציק גאָרן האָבן זיך צעוויגט ווי מילן
מיט שיטערע רעדער אויף לויזע שרויפן.

דאָס מענטשל צו שעילפענען אַריינגעטראָגן.
אַ בינטל ביינער, צעמורשטן, צעבויגן.
און איידער ס'האָט שעילפן געוואָלט עפּעס זאָגן,
האָט ס'מענטשל געעפנט די שפּיציקע אויגן.

אַן אייגן פּנים. דער קוק איז אים אייגן.
קאָפּרעשט האָט פּאַר אים אָנגעהויבן בליצן.
אַט־דאָ אויף דער קאַנאַפּע זאָל מען אים לייגן
און ער וועט לעבן אים אַליין דאָ זיצן.

איז שטיל געוואָרן. פאַרמאַכט אַלע טירן.
די נאַכט האָט די שויבן צוגעדעקט ווי שטאָרן.
דאָס מענטשל האָט זיך אָנגעהויבן צו רירן
אין שעילפנם אָפּים אויפן פערציקסטן גאָרן.

האָט שעילפן אים דערלאַנגט ברענדי און וויסקי,
באַנעצט מיט געטראַנקען די טרוקענע ליפּן
און אַלץ זיך גע׳חזר׳ט: — מיין חבר, מיין איצקע,
ס׳איז מיינער דער טורעם און דיינע די ריפּן.

— כ׳בין הונגעריק, הערשל. אַ ווינט אין מיין מאָגן.
— איז וואָס איז דער תכלית פון טורעמס צו שפּרינגען?
דו ווייסט וואָס איך וועל דיר, מיין איצעקל, זאָגן?
אַ וואָלעכל ווי אין קאָפּרעשט וויל איך זינגען.

האָט איצקע געגעסן געבראָטנס מיט קאַשע
און הערשל האָט פון העם געריסן שטיקער.
מ׳האָט ביידע אויסגעטרונקען זיבן פלאַשן
און שפּעט אין דער נאַכט געוואָרן שיכור.

דערנאָך וואָלעכלעך געזונגען ביז באַגינען,
די שיין האָט געשניטן די גרינע באָקאַלן.
— כ׳האָב קיינמאָל נישט געמיינט דיך צו געפינען,
ביסטו פון פערציקסטן גאָרן געפאַלן.

## מיטן פנים צו דער זון

ס׳איז נאָך פרי, דער טאָג איז יונג,
דאָ אַ ציטער, דאָרט אַ קלונג,
בלוי דער הימל ווי האַלון.
מיט אַ האַלב-צעעפנט מויל
זיצט די זקנה איינגעקנוילט
מיטן פנים צו דער זון.

פּאַסן שיין אויף גרויע האָר
מאַכן ליכטיק נײַנציק יאָר,
פּלייצע — ווי אַ קרומע נון.
קאָרבן זענען פיין געשניצט
אַ פאַרטראַכטע ווי זי זיצט
מיטן פנים צו דער זון.

קלוגשאַפט וויגט זיך אין איר בויג.
אין איר אויפגעאַקערט אויג,
אָבער ווייסט זי דען דערפון?
ס׳איז איר גוף געבויגן, דאַר,
נאָר אַ וועלט מיט פרייד און צער
מיטן פנים צו דער זון.

פון די בערג קומט-אָן דער טאָג,
ס׳קלינגט אין גאַנג די קו איר גלאָק,
אויגן זשמורעט נאָך די הון.
דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט
זיצט דאָ אויפן גרינעם פעלד
מיטן פנים צו דער זון.

# עלישע

נישטאָ קיין פרייד פון מענטש צו מענטש,
נאָר פרייד איז דאָ פון מענטש צו לעבן.
עלישע פילט עס אויפן רענטש
פאַרנאַכט, אין רויטלעך-בלאָען נעבל.

דאָס סיגאַרעטל גיט אַ בליץ
מיט אָטעם זיינעם, מיט זיין טראַכטן.
עלישע ווייסט, אַז נישט נאָר איצט,
ס'איז אייביק אומעט אין פאַרנאַכטן.
ער ווייסט, אַז מענטש צו מענטש איז שׂנאה,
נאָר מענטש צו לעבן איז איין גאַנצקייט,
נאָר טרויעריק איז דאָס געמיט
פאַרנאַכט, ווען רויטע האָזן טאַנצן.

ס'וועט מערי באַלד זיך טאָן אַ שאַר
פון הינטער פלויט, מיט אויגן-שאָטנס,
און וועט אים פיינט האָבן דערפאַר
וואָס זי דאַרף גנב'ענען זיין אָטעם.

זי וועט אים שלעפּן צו אַ סטויג
מיט אים צו ליגן ביז באַגינען,
און לייב צו לייב, און אויג אויף אויג,
וועט מערי אויסברענען איר שׂנאה.

עלישע קאָרטשעט זיך פון שרעק
פאַר לייב, וואָס ווערט אין האַס פאַרסאַרפעט,
און וואַרט אויף איר, און זוכט איר פלעק
וואָס ווערט אַלץ בייניקער און שאַרפער.

ווייל מענטש צו מענטש איז נישט קיין פרייד,
נאָר מענטש צו לעבן טוט באַגערן,
אין לייב, אין אויגן און אין רייד
ווייל אייביק מענטש דעם מענטש פאַרצערן.

די פֿרעירי ווערט איצט ענג, פֿאַרשמאָלט,
נאָר קלאַנגען פֿונדערווייטנס קומען,
אין מערב שווימט אַ שטיקל גאָלד
צו שיינען אויפֿן זאַמד מיט אומעט.

עלישע הערט אַ קלאַנג, אַ שאָרך,
ווי ווערטער אייגענע און נאָנטע,
אַ שלאַנג, אַ האָז, אַ פֿליג אין מאָך
דערטראָגן ווייטע נעבט, דערמאָנטע.

אַ בענקעניש אין האַרצן בליט,
ווי שטילקייט נאָך אַ רעגן, —
אין פֿרעירי שווייגט אַצינד דער ייִד
און הערט אין זיך דעם גאַנג פֿון רגע'ס.

פֿינצטער ווערט, אויף זאַמדן פֿאַלט
די נאַכט אַ מידיקע אַנידער,
וואַקסט פֿאַר עלישען זיין געשטאַלט,
ער זעט זיך אויף די סטעפּעס ווידער.

אָרעמע שטוב אין לעקסענדרען,
אַ ברייטל און מאַמעליגע,
יאַדעשליווע דער טאַטע געווען,
מיט באַקן ווי בלייכע ציגל.

ציליעט די מאַמע אין אַמבאַר
ביים נגיד טוטון פֿאַפּישן
און לאָזט איבער אַ טאָג מיט צער
דעם מאָגערן עלישען.

טראָגט ער דעם צער ארום אין סטעפּ
צו קאָרנבלימלעך און גערשטן,
גייט די זון אין הימל אויף טרעפּ,
ווי אין מיינסעלע די פֿערשטן.

שטייט אַ קו, דער קאָפּ אירער מיד,
ס'איז טרויעריק דער בהמה,
צו דער קו עלישען ציט,
איר אומעט איז אים היימיש.

נאָר אירע הערנער טאָן אַ גלעט,
צו נאָז זיך דריקן אירער,
און עלישע אויף ברויטן טרעט,
ווי בעטלער אויף פרעמדע טירן.

פלוצלונג אַ סווישטש, אין לייב אַ שניט,
ס'איז פינצטער געוואָרן מיטאַמאָל,
אַ געשריי עלישע גיט
און בעט זיך עפּעס, און שטאַמלט.

לאַכט די בייטש, צי אפשר א קול? —
עלישע ליגט אויף די שטעכערס.
— קריכסט אין תבואה, שלעפּער, באַצאָל! —
די בייטש ווערט בייזער און פרעכער.

היים פאַרנאַכט, צעוואונדיקט דאָס לייב. —
פאַרוואָס? וויל פאַרשטיין עלישע.
מאַמע גיט עסן, טאַטע טרייבט,
און האַרט איז דאָס שטרויענע קישן.

יונגער גוף צונויפגעדרייט,
געזאַלצן דאָס לייב און געשוואָלן, —
קינדערשער חלום שפּרינגט איבער פּליימ
אַ לעבן פאַר זיך אויסצומאָלן.

ס'איז פון יענעם שלאָף דער טעם
געבליבן ביז איצטער עלישען,
און ביים אויג אַ טיפער שראַם,
מיט בייטשן, וואָס שניידן און סווישטשען.

# הערשעלע אָסטראָפּאָליער

חיים גוטמאַנען

א ייד, ווי הערשעלע אָסטראָפּאָליער,
וואָס פּעכנעט זיבן טעג אַ וואָך פון הונגער,
וואָלט ליבערשט ביי דער רובע כאַליען
און נישט געפּלוידערט און געזונגען.

נגידים זענען דאָ, און באַלעבאַטים, —
נישקשה, שטאָט איז נאָך נישט הפקר, —
נאָר הערשעלע זאָגט טאַמעוואַטע,
אַז פינגער זענען ביי זיי לעפּקע.

ווי זאָלן זיי אים צוּוואַרפן אַ ברעקל,
אַז פון די שיינע יידן מאַכט ער חוזק?
רעב זלמן, זאָגט ער, פּוצט זיך ווי אַ טעקל...
רעב סענדער, זאָגט ער, קעמט זיך און — איז לוּיזיק...

און גראָד איז הערשעלע אַ ייד, אַ למדן, —
דערפאַר איז טאַקע מער פאַרדראָסיק, —
אַ בלום באַגראָבן אונטער מדבר-זאַמדן,
איז, דאַכט זיך, דאָ אויף דעם אַ פּסוק.

אַנומלטן האָט ער די בעקעשע פאַרלאַטעט
מיט רויט געוואַנט, — אַ שפּיצל און אַ רעדל, —
און גלייך צום מזרח, צו די באַלעבאַטים,
ווי ער, נישט דאָ געדאַכט, דאָס רויטע שד'ל.

פאַרשטייט זיך, ס'איז געוואָרן אַ מהומה,
די באַלעבאַטים זענען בלייך געוואָרן,
און הערשעלע דאַרף נאָך צום רומל
מיט רייד זיי שטעכן, ווי אַ דאָרן:

— ויאמר הערשעלע, נגידים, שאַכערט!
מיט זאַקרויב פּילט זיך אָן די סטויגן!
נאָר אָקסן זענט איר, פול מיט פּחד,
ווען ס'טוט אייך רויט אַ פלאַטער פאַר די אויגן.

א שיינע מימרא, שבת נאָך, צו הגבה!
ס'האָט, מאָלט איך, הערשעלע נישט אָפּגעשניטן טרוקן,
מע זאָגט, אַז צוויי חדשים, יאַקבי,
איז ער דערנאָך געווען אַ חולה מסוכן.

נאָר, מיינט איר, ס'האָט אים אָנגעלערנט?
פאַרדאַרט, פאַרגעלט, צעקאַראַוואַשעט,
און שרייט: איך וועל אַליין זיך ווערן
אָקעגן אונדזערע מר-בר-רב-אשים.

אך, הערשעלע, אַ ייד אַ מופלג,
די שטאָט וואָלט דיר געגעבן פּיטע,
אַבי ביים אויוון אין דיין שטוב-ליג,
אַבי דיין כבוד אָפּצוהיטן.

סע קומט אַמאָל אים אָן אַזאַ מאַנקאָליע,
אַנטלויפט ער צו דער מיל ביים בריקל
און הייבט-אָן זינגען איבער אַסטראָפּאָליע
אַ וואָלעך, אָדער אַ חזנ'יש שטיקל.

ביים האַרצן נעמט עס ווי כל-נדרי,
די וועלט איז פול אַצינד מיט רחמים,
נאָר תיכף רעדט ער דיר קאַפּידרעך:
איר האָט זיך, יידעלעך, צעיאַכמערט...

די ברוינע אויגן זיינע זעסטו,
ווי נישט פון ד ע ר וועלט אויף דיר שפּוקן,
ווי שטילע פייגל פון די נעסטן
אַז ס'וויל דער שפּאַרבער זיי פאַרצוקן.

און ער? רעדט אויף נגתקאַן,
אויף וויסטע פעלדער זאָל עס פאַלן, —
וועט גיין צום רב אין הוילע גאַטקעס
און פאַר דער טיר אַ חזיר קאַלען.

צו חצות אמאָל גייט-אויף אַ יאָמער
פון הערשעלעס צעפאַלן הייזל
און יידן פרעגן: אפשר? טאָמער?
אַ הארץ איז נישט בחזקת אייזן.

ס'איז פול די קלאָג מיט אַ נגינה,
וואָס טרינקט דיר אָן דאָס הארץ מיט שאָמיר,
און יידן וואַכן ביז באַגינען:
חרטה, הערשעלע, איז אפשר? טאָמער?

נאָר הערשעלע, — כאור הבוקר, —
צעקרייט זיך ווי אַ האָן, און האָגלט:
נגידים, זשליאָקעט סאַמע פלויקע,
נאָר מיר איז גוט צו זיין פאַרוואָגלט...

קבצנים'לעך און די נחות-דרגא'ס
דערלאַנגען כעך: אַזוי, צעוואַלע!
אַ פרישטש זיי אין די גראָבע וואָרגעס
פאַר אונזער אָרעמקייט און דלות.

איז מיינט איר וואָס? צעלאָזט ער זיך ערשט איצטער
מיט זיין פה-קדוש — לאמר:
מיר קריכערלעך, קבצנים'לעך צעקריצטע,
אין דרערד אַריין אין איין קאַפּעליע גייען מיר.

פאַרשעמטע שטייען זיי, די אַמכעס נעבעך:
וואָס הייסט? און סטייטש? און היתכן?
וואָס קומט זיי, אויסצוכליאַפּען זיי אַ צעבער,
אַז ס'איז געגוג די נויט זיי אין געביין אריינגעקראָכן?

נאָר הערשעלע די טיר פאַרהאַקט אויף קליאַמקע
און שרייט פון פענצטער: דלות'ניקעס, שנאָרערס,
וואָס נעמט איר זיך דאָ איבער מיטן אַמכע
און טייעט-אָן פון אייער ביסל מרור?

אַ ייִד, ווי הערשעלע, אַז ס׳נעמט דער רבי, —
רעב ברוכ׳ל, זאָל לעבן, דער טאַלנער,
און גיט אים דאָס גבאות אויפֿן לעבן,
איז האַלט זיך און וויל נישט זיין אַ קל נאַר.

נאַר הערשעלע, — זיין בלוט איז, ווייזט אויס, טרייפֿן, —
רעב ברוכ׳לען דערלאַנגט ער אין די ריפּן,
מיט ווערטער שמייסט ער אים, ווי פייערדיקע רייפֿן,
ווי אַקרעפּ גיסט ער אים פון דינע זיפּן.

אַ שטייגער נעמט דעם זאָג: וואָס איז אַ רבי?
אַ גוטער ייִד, נאַר נישט קיין ייִד, ווי ייִדן...
און נאָך אַזוינע רייד האָט ער געבעבעט,
און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ ביים טיר-באַשטידל.

און איינמאָל האָט ער זיך אַזוי צעסאַרפּעט,
אַז ס׳האָט רעב ברוכ׳לען שוין גוט דערצערנט
און הערשעלען פון אַלע טרעפּ אַראָפּגעוואָרפן:
כ׳האָב איצטער, חצוף, דיך שוין אָנגעלערנט.

אָך, הערשעלע, צעבראָכן רוק-און-לענדן,
געלעגן איז ער ווי אַ פערד אַ האָרעפּאַשנע,
און שטיל געזאָגט: גאָטס נאָמען נישט צו שענדן,
וועל איך אים פרעגן נאָך די לעצטע קשיא.

די לעצטע קשיא: ווי איז דיין הנהגה?
דעם רייכן גלעטסטו, רק דו גיסט אים וואוילטאָג,
און אונדז, קבצנים, האַלטסטו אין איין שלאָגן
פאַר טרוקן ברויט, פאַר לינדזעלעך פאַרפוילטע.

די לעצטע קשיא, — וויינט אַן עדה,
און הערשעלע — אויף אייביק איינגעשלאָפן,
דאָס פּנים זיינס איז צער׳דיק און פריידיק,
ווי נאַר-וואָס אָפּגעזאָגט אַ בורא פּרי הגפן.

געווען איז, מאַלט אייך, אַ לויה,
אויף אַלע יידן נאָר געזאָגט געוואָרן,
אַ כשר'ע נשמה, נאָר זיין שרייען, —
איז וואָסער רויז האָט נישט קיין דאָרן?

רעב ברוכ'ל אליין האָט אים געמאַכט אַ הספד
און אויסגעטייטשט אַ פסוק פון ויקרא:
אַ ייד, בשעת'ן הונגערן, פאַרגעסט-ניט
אַז לעבן אויף דער וועלט איז פריקרע...

# אַ מענטש ביים טויער

געשטאַנען איז אַ מענטש ביים טויער און אַ שטרויעלע געקייט
און אויסגעקייט אַ בענקשאַפט, ווי ברויט אַ רייפטל.
ער האָט געהערט ווי בלוט אין זיינע אָדערן וויינט און שרייט,
ווי ס׳וויגט זיך אום דאָס האַרץ זיינס אויף אַ שלייפל.

די סטעפּעס פאַרן טויער זענען פול מיט מענלעך־רייף געזאַנג,
די זון צעשפּריצט אויף זיי אַ רעגן פינקלדיקע שפּריצלעך.
דער מענטש דערפילט ווי בענקשאַפט ווערט געדיכטער,
ווערט געדאַנק,
ווי ס׳הייבט זיך אָן אין האַרץ אַ שורה ווערטער קריצן.

דער מענטש האָט וואַרעמקייט דערפילט אין זיין צעבליט
געביין,
דאָס בלוט האָט אייגענער אַצינד אין אים געראונען,
צעטאַנצט האָט זיך דאָס שטרויעלע צעווישן זיינע ציין,
ווי רינגען, ווען אַ שטיינדל פאַלט אַריין אין ברונעם.

אַז בענקשאַפט ווערט געדאַנק און ס׳טראַכטן דיינס דו זעסט,
דערשפּירסטו דיינע טעג, ווי ערד אין זיבערע פאַרפריען,
דו לאָזט אַרויס פון האַרצן, ווי פייגל פון אַ נעסט,
שערענגעס רייד, — זיי זאָלן זיך מיט דיין געדאַנק צעפליען.

דער מענטש ביים טויער — יונג נאָך ווי ער איז געווען, —
האָט אָנגעכאַפּט זיך אַזש ביים קאָפּ פון קלאָרקייט שאַרפער,
ער האָט געשראָקן זיך פאַר דעם וואָס ער האָט איצט געזען,
ער זאָל אין זיך דאָס שפּירן מיטן שפּירן נישט צעוואַרפן.

געניטערט האָט די זון צום מערב אויף צעפלאַמטן סטעפּ,
אויף ברויטן האָבן שאָטנס אָנגעהויבן שפּרינגען,
דער מענטש האָט זשמעניעס שיין, ווי לויטער וואַסער אָנגעשעפּט
און שטיל אין זיי געבאָדן זיינע ביינערדיקע פינגער.

דערנאָך איז פון דער זון געבליבן נאָר אַ שערבל גאָלד,
אויף זאַנגען האָבן פלעקן ליכט געטאַנצט ווי פייגל,
דערציילן האָט דער מענטש אַצינד פון זיך אַליין געוואָלט,
ווי ס'איז אַ בענקשאַפט וואָרעם, אַ געדאַנק איז אייגן.

דער מענטש האָט זיין געזאַנג-געדאַנק דעם סטעפּ דערציילט
מיט רייד, וואָס האָבן זיך צעשוועבט ווי ווייסע פליגל,
פון זיך האָט ער דאָס וואָרט מיט פרייד אַרויסגעשיילט
און איז אויף זיך אַליין, ווי אויף טרעפּ אַרויפגעשטיגן.

דערציילט האָט יענעם טאָג דער מענטש:
גאָט גייט אַרום צווישן תבואה
אַכטונג צו געבן אויף ברויטן,
כ'האָב אים פאַרנאַכט געזען רוען
ווי אַ פאַרמאַטערטן פויגל.

בלאָנד, ווי פּאַפּשויעס צעזונטע,
וואָרעמע אויגן, ווי קווייטן, —
גאָט קומט צו מיר אַרונטער
אויף אַ פעלד אַ פאַרזייטן.

נעכטן האָט גאָט אָנגעטרונקען
דאָרשטיקע שעפּסן און לעמער,
ס'פּאַסטעכל האָט צוגעהונקען
און זיך געשפּיגלט אין עמערס.

היינט האָט ער קאָרן געדראָשן,
ווינט האָט זיין בלאָנדקייט צעשויבערט,
ביז ס'האָט די זון זיך פאַרלאָשן
האָט ער די סנאָפּעס געהויבן.

כ'וועל אים צו מאָלצייט פאַרבעטן,
קאָבן פאַר אים מאַמעליגע,
כ'וועל מיט זיין בלאָנדקייט זיך זעטן
און מיט זיין שלאָף זיך פאַרוויגן.

גאָט איז די ערד, איז דאָס וואַקסן,
גאָט וועל איך איבער דער וועלט נעמען,
אונטערצושפּאַרן צעפּאָרענע אַקסן,
אויפצוהייבן געפאַלענע ברעמען.

ביים טויער דער מענטש האָט דערציילט פון זיין געמיט
מיט פּשוט׳ע רייד, ווי אַ לייבלעכער מאַמען, —
דיין וואָרט האָב איך, גאָט, אין וואַרעמער נעסט געהיט,
מיט דיר צינד איך אָן דאָס ליכט אין מיין קאַמער.

# ווי מידע פייגל

ווי מידע פייגל פליען בלעטער
אין הארבסטיקן צעשטראַלטן רוים.
ס'איז טרויעריק אויף זיי צו טרעטן
ווען ס'אָטעמט נאָך פון זיי מיט בוים.

נאָר טרויעריקער די קאָלירן
וואָס כוואַליען זיך מיט רויט און געל
און צינדן שויבן אָן, און טירן,
און גייען אוים ביי אונדזער שוועל.

ווי טייכלעך, — בלענדע פאַרבן רינען
און קאָרטשען זיך צונויף אין ווינט.
דער אונטערגאַנג מיט פעדים דינע
די פלוינען און די בערג פאַרשפּינט.

דאָס דריבנע טייכל ברעכט די ביימלעך
מיט שפּריצלעך שיין, בורשטינען ליכט.
ס'איז אומעטיק ביים ברעג, און היימלעך
צו זיצן דאָ פאַרהילט, פאַרזיכ'ט.

אָן איינציק שיפל וויגט דעם עלנט
מיט רויטע רודערערס אין דנאָ,
צו ברעגן רייסט זיך, ווי צו שוועלן
און בלייבט, ווי צוגעקייטלט, דאָ.

פון בערג, פון וואַסער, בוים-טשופּרינעס —
אַ שאָרכן-פאַרכטן, אַ געברום.
די וואַנדער-פייגל — פון באַגינען
פאַרקלינגען: טשירי-גיי און טשירי-קום.

פון יעדן שאָרך — אַ שניט, אַ שוידער,
פון יעדן צוויטש — אַ שיין דערפּליט, —
אַז צווישן ביידע זיך צו הוידען
מיט ווינטיק־וואַכיקן געמיט.

דו שפּירסט אין זיך דעם גאַנג פון רגע'ס,
טאַפּסט אָן דיין לעבנס יעדן שפּור,
און צייט מיט צייט, און וועג מיט וועגן
פאַרבונדן ווערן מיט אַ שנור.

ווערט פּלוצלונג קלאָר אַז ערשטע פריידן
און ערשטער טרויער — נאָך אין דיר,
אַז טראָגסט די תמימות נאָך פון זיידן
און מאַמעס ציטעריקן באַריר.

נאָר שטאַרקער שפּירסטו שרעק פון טאַטן
ווען גוף האָט בייז אים אָפּגענאַרט,
ווען ס'האָט אים האַנט און פוס פאַרראַטן,
אַז קוים ער האָט מיט זיי געשאַרט.

אָ, טאַטע מיינער, קרעפּטיק, האַריק,
מיט אויגן פרייד און הענט געזאַנג,
דו ביסט געוועזן נאָך מיטליאָריק
ווען ביסט געוואָרן פּלוצלונג קראַנק.

דערשראָקן ווי אַ קינד פאַר לייבן,
ווען האָסט אינמיטן טאָג דערשפּירט
אַז האַנט און פוס קענסטו נישט הייבן
און מוסקול גיט זיך נישט קיין ריר.

אַ מין בייז־וואונדער אין די ביינער,
אַ שאַרפער, רשעות'דיקער נס,
און שרייען ווילסטו, מאָנען, וויינען,
נאָר פול איז אונדזער שטוב מיט געסט.

פארגליווערט ווי די ווינטער-רויכן,
האסטו מיט מענטשן נאך גערעדט
און טיף געשפירט: מיט לאזער שוחט
א בלינדער וואונדער היינט געשעט.

דערנאך — דאס פיינלעכע באגרייפן,
דער אויפשיין וואס האט דיך באזינט,
אז אברים ווערן הארטער, שטייפער,
אז שטראמיק בלוט פון זיי אנטרינט.

דיין בונט אקעגן גורל'ס שפיצל
האט אויפגעציטערט מיין געביין,
נאר שרעקלעכער דערנאך דאס זיצן
אין ווארטעניש אויף אונטערגיין.

דערקענט האב איך דיך צו די דרייסיק,
ווען ס'האט די פרייד אין דיר געשוימט,
מיט פרייד, חסידות און מיט מעשות,
מיט פעלד, מיט תניא און מיט בוים.

דו האסט פאר מיר אין ווארט צעוויקלט
ליבאוויטש, קאפוסט און לאדי,
געפירט מיך איבער שאקל-בריקלעך
צום ווייטן ליכטיקן נישט-הי.

דערציילט פון רב און גילדן רענדל,
פון צמח צדק'ס פראסטן גאנג,
ווייל ס'איז דער מענטש דאך נאר א שפענדל
און ס'לעבן איז אים א געשאנק.

צו זיבן יאר אין ערשטן ריקוד
אריינגעדרייט מיך, און געקווועלט
ווי כ'האב זיך אינעם ראד ספאטיקעט
און אויף די פיס זיך צוריק געשטעלט.

דו האָסט אַ וועלט מיר אויפגעריגלט
מיט פרייד און פשטות פון לאַדי,
דו ביסט אַליין געוועזן באַפליגלט
און מיך גענומען אין דיין פלי.

ס'איז האַרבסט אַצינד, דערווינט ווערט רויער
און שטורעמט אויף דעם קעטסקיל־קריק, —
אין מיר גייט־אויף דיין לעצטער טרויער,
דער אויסלעש פון דיין פייער־בליק.

ס'איז דאָ אין מיר דער אָנהייב דיינער,
נאָר שטאַרקער איז אין מיר דיין בראָך.
דער וועג פון פרייד וואָס פירט צו פיינען —
אין וואַסערס רויש, אין ביימערס שאָרך.

# אַ נאַכט

ביינאַכט האָט עלישע געהערט ביים דראָטענעם פּלויט
ווי עפּעס רייסט זיך מיט פאַרשטיקטן אָטעם,
ווי ס׳וואָלט זיך אַ פויגל געראַנגלט מיטן טויט,
ווי פליגלען ברעכן זיך אויף דראָטן.

און אַנגעגאָסן איז די נאַכט מיט עיטער,
ווי אויגן פאַרלאָפענע, בלינדע,
זי קריכט צום פענצטער אויף אַ לייטער
דעם לעצטן ליכט די אויגן צו פאַרבינדן.

און ס׳קלאַפּט דער געפאַנגענער פויגל אויף דראָטן
און רייסט-אויף די נאַכט ווי אַ בלאָטער.

עלישע האָט דערפילט ווי זיין לייב איז צעשניטן,
ווי ס׳וואָלטן זיך אויפגעריסן פאַרהיילטע שראַמען,
ער האָט מיטן נפש אין דרויסן געליטן
ביי זיך אין דער פינצטערער קאַמער.

מיט צעפּאָרענע הענט האָט ער אַ שיינוואַרפער געפונען,
די ביקס אָנגעלאָדן מיט דריבנעם שרויט,
אין דרויסן אַריין, ווי אין אַ פינצטערן ברונעם,
און באָרוועס געלאָפן צום דראָטענעם פּלויט.

דאָס ליכט אין די הענט האָט שטיקער נאַכט געקרישעט, —
פאַרוואונדעטע האָזן האָבן געשפּרונגען אַרום-אים,
צום פּלויט האָט זיך צוגעשאַרט עלישע
און האָט אינעם דראָט אַ קעלבל געפונען.

אין דראָטענעם קנויל דער גוף פאַרפּלאָנטערט,
אויף פעל טראָפּנס בלוט, ווי רויטער שוויים,
מיט אויגן פאַרגליווערטע בעט עס, מאָנט עס
און שטרעקט זיך צו אים מיט דער גאַנצער גרייס.

דעם קעלבלס צונג האָט געהאַנגען פאַרטריקנט
פון אָפענעם מויל, און לויז זיך געוויגט,
אַ כאַרבל אין האַלדז האָט געדרייט זיך ווי שטריקלעך
און איז געבליבן אין קעל דערשטיקט.

עלישע האָט מיט הוילע הענט געריסן דאָס דראָט,
זיין אייגן בלוט מיטן קעלבלס צו מישן,
און בלוט מיט בלוט איז דער פיינלעכער סוד
פון יענער נאַכט געבליבן עלישען.

דעם קעלבלס קוק איז געוואָרן ווייכער, —
דעם מענטשנס הענט זיין גורל פאַרטרויט,
עלישע ווערט ציטערדיקער, בלייכער
און בייסט מיט די ציין דעם דראָטענעם פלויט.

פון האַלדז זיינעם רייסט זיך אַ געשריי,
דאָס קעלבל ענטפערט מיט אַ מרוקען.
געדיכט די נאַכט, מענטש און קאַלב זענען צוויי
און ביידע מיט בלוטיקע אויגן קוקן.

דער אַלטער יערעמי האָט דערהערט אין שטאַל
געשריי פונעם מענטשן און מרוקען פון קאַלב,
און אויסגעשפיגן האָט ער אַ שטיק ביטערע גאַל:
— אָט האָסטו, געשמירט זיך מיט עסיק און זאַלב.

די ביינער טרעשטשען ביים אַלטן יערעמי
ווי דאַרע צווייגן אין טרוקענעם האַרבסט, —
—אָ, יעזוס, מיינסט ביינאַכט אַז דו שטאַרבסט
און ס'וויל דיך דער מלאך המות נישט נעמען.

יערעמי בורטשעט:
— דער ייד אוודאי,
ביינאַכט אפילו טרייבט אים דער טייפל...
געננוג נאָר ער זאָל אַריין אין דער סטאַדע,
אַז ס'זאָלן די אויערן ביים פי זיך פאַרשטייפן.

יערעמי וויקלט די פּיס אין פלאַנעל
און ס׳פּיקט אים דאָס איינציקע וואָרט: „ייד".
אַ פרעמדער דאָ, — מיט זיין קוק, מיט זיין שטעל,
זיין אויג נעמט דיך דורך, דאַכט זיך, און בריט.

אָן אומרו טראָגט דער ייד אין זיין גאַנג,
ער קערט אין דיר איבער דאָס אינגעווייד,
און אַז ער רעדט, איז ווי אַ שיכור געטראַנק
געגאָסן וואָלט זיך פון זיינע רייד.

פון ערשטן טאָג אָן קען אים יערעמי
און פרעמד איז ער אים פון ערשטן טאָג,
געקומען אַ יונגער, מיט מידע ברעמען,
און באַלד געהאַלטן די פּרעירי אויף דער וואָג.

יערעמי לייענט אַמאָל די ביבל
און ווייסט אַז דער ייד איז אויסדערוויילט,
נאָר דאָ, דער ייד אין הילצערנעם שטיבל,
ווי ס׳האָט זיך אַ וואונד אין אים נישט פאַרהיילט.

דער ייד האָט אַ גאָט וואָס די ביבל גרייסט,
נאָר וואו באַהאַלט ער אים, דעם גאָט זיינעם?
עלישע זוכט קיינמאָל ביי גאָט נישט קיין טרייסט,
עלישע וויל קיינמאָל נישט פאַר גאָט זיך אויספיינען.

אַמאָל האָט ער געפונען אין שטיבל רימענס,
מיט שווארצע שאַכטלעך, קנופּן און שריפט,
וואָס זענען מסתמא אויף עפּעס אַ סימן,
און אפשר, — טפו, — ליגט דאָרטן גאָר גיפט.

די שאַכטלעך פאַרוואַקסן מיט גרינלעכן שימל,
ווי פייער-צינגלעך איז די שריפט פאַרשפּיצט,
יערעמי האָט פאַר שרעק קוים דערזען דעם הימל
און טראָגט נאָך די מורא אין זיך ביז איצט.

יערעמי האט די געשוואָלענע פּיס פאַרוויקלט
און איבערגעציילעמט זיך מיט מורא,
געגומען אַ העקל, אַ ליכט און אַ דריקל
און אַלץ געבורטשעט:
— מיין גאָט, איך בין פאַרלוירן.

געפילט האט יערעמי ווי ס׳שטעכט אים די הויט,
ווי שפּיצן וואָלטן אויף אים געלויערט, —
נאָר הונדערט שפּאַן פון דער שטאָל ביזן פלויט
און ס׳דאַכט זיך אַז שעה׳ען דער גאַנג געדויערט.

דאָס כאַרבלען איז טיפער אַריין אין דער ברוסט,
ווי דורכגעוויקט מיט בלוט און מיט גאַרגל,
יערעמי האט פונדערווייטנס געוואוסט
אַז העלדזוער ווערן ביים פלויט דערוואָרגן.

— דער ייד... פאַרשאָלטן... אַ מענטש אַ שד...
צום פלויט איז יערעמי צוגעקומען
און ס׳קוקן אויגן אויף אים מיט געבעט,
געדיכטער ווערט די נאַכט און שטומער.

יערעמי האט געהאַקט דאָס דראָט מיטן העקל,
מיט טעמפּער עקשנות און בלינדן ברען,
דערשטיקט זיין קול, ווי די נאַכט נישט צו וועקן,
דעם פּחד ביי זיינע פּיס נישט צו זען.

דאָס דראָט צעריסן און דערפילט אַ פאַרדראָס
וואָס מער דאָס העקל דאַרף ער נישט שווינגען,
אַ שפּיי געטאָן:
— און איצט, באַלעבאָס?
ס׳איז דאָ נאָך שטעכיק דראָט פאַר פינגער.

פון זאַמד איז עלישע אויפגעשטאַנען
און שטום געוויזן אויפן קאַלב:
פון אויגן בלוט רינט ווי פון קראַנען,
די פּעל אויפן לייב איז ליידיק־געפּאַלבט.

א טרוקענער ווינט האט געטראגן פון פרעירי,
געטרעשטשעט האבן צווייגן ווי אין פלאם, —
— א קאלב א יאריקס, אן עבירה...
און איז נאך דערצו פון געזונטן שטאם.

— נאך וואס געקראבן? — האט געפרעגט עלישע,
דאס ווארט זיינס אפגעהאקט אויף דער האלב
און אנגעהויבן דעם שטערן צו ווישן
און שלינגען דעם צער פון שטומען קאלב.

— נאך וואס? נאך וואסער פארשטייט זיך...
דער ערשטער צייכן אז ס'איז דארשטיק דאס פי...
יערעמי האט אויסגעשטרעקט די פלייצעס,
די טרוקענע נאכט געטאן אין זיך א צי.

א שניט האט געטאן די נאכט דער אנזאג,
אין גומען האט דארשט געגעבן א ברען,
עלישע האט מיט די חושים דערמאנט זיך
די שווארצע סטעפעס ארום לעקסענדרען.

ער האט אין געביין דערפילט די קארבן
אין טרוקענער ערד, ווי צעפלאצטע הויט,
א סטעפ — א גלאנציק-נאקעטער שארבן
און דערפער, וואס קלינגען אין גלאקן: ברויט!

מיט פאנען און יויזלעך ציט זיך די מענגע,
פון פארנט גלחים אין רויטן געוועב
און איבער די דערפער די גלאקן הענגען
צו קלינגען געבעט צום טרוקענעם סטעפ.

ס'איז גלייך דער וועג, נאר די שורה איז משופע,
ווי ס'וואלטן זיך גופים געבויגן אראפ,
און קעפ, פארפלאנטערטע אין קנופן,
צעהוידעט ווי איין צעשויבערטער סנאפ.

דער מורמל צעוויגט אויף גילדענע שטריק,
געווײַן גייט אַרום מיט זונען צוקאָפּנס.
דער הימל — אַ בלאַער טוך צעפּליקט,
און וואָלקנס, דאַכט זיך, אַ קוואַל צו פאַרשטאָפּן.

בהמות און פערד, פאַרטרויערט און מאָגער,
ביי שטיבער שטייען און קייען סלונע,
נאָר פלוצלונג צעפלאַשעט זיך אַן אָגער
און ברעכט מיטן קאָפּ די העלצלעך ביים ברונעם.

אַ סטייע בושלען אויף שטרויערנע דעכער
ציט אוים די שנאָבלען צום דאַרשטיקן פיק,
צעשפרייטן די פליגלען ווי ווייסע פעכערס
און לאָזן זיי מידע אַרונטער צוריק.

די גלאָקן דרינדזשען ווי קראַנקע ברוסטן,
סע בייגן זיך נידעריקער די קעפּ, —
אָ, גאָט, אַזויפיל אומרעכט טוסטו
וואָס קוואַלן האָסטו אויסגעשעפּט.

עלישע בייגט זיך אַרונטער צום קאַלב
און פילט ווי סע אָטעמט אָפּגעריסן,
ווי ס'וואָלט אים געפּלאָטערט אין ברוסט אַ שוואַלב. —
— יערעמי?
— אָ! מע דאַרף אים שיסן...

אַ קנאַל אין דער נאַכט, פון שלייף אַ שטרעמל, —
און ביידע גייען מיט טויבע טריט,
אין קאָפּ פּיקט ווייטער ביי יערעמין:
— אַ מענטש אַ טייפל איז דער ייד...

# אייק דהי ווהיפּ

ס׳איז איינער נאָר געבליבן אייק דהי ווהיפּ
אַ בייטשל־פלעכטער אויף דער וועסט בראָדוועי
און אַלט איז ער, און ס׳ציטערט אים אַ ליפּ,
און דין־געבויגן ווי אַ לאַנגע פּעי.

די אויגן זענען מיד, דער קין פאַרשפּיצט,
פון גאָרגל שטעקט אַרויס אַ שאַרפער קנאָפּ,
איז קוקט ער אויס, געבויגן ווי ער זיצט,
ווי אַ צעשויבערטער, פאַרדאַרטער סנאָפּ.

און ווי אַ סנאָפּ אויף אָפּגעשניטן פעלד,
אַזוי איז אייק דהי ווהיפּ אויף וועסט בראָדוועי,
דאָס פּנים זיינס צעקנייטשט, פאַרגעלט,
די האָר ווי קויטיקער סוף־ווינטער שניי.

אַ מענטש איז אַבציק יאָר און העלפט דערפון
געפלאָכטן בייטשן און געטרונקען ביר,
און אַז ס׳איז צוגעמאַכט אַצינדערט דער סאַלון
און טרייבער עפענען נישט מער זיין טיר, —

איז ער געבליבן נאָר מיט בייטש־געפלעכט
וואָס וויגט זיך אויף די בייכער פון די ווענט,
מיט ליידיקע פאַרברענטע טעג און נעכט
און איבעריקע אַלטע, מידע הענט.

די שווערע טראָקס צעפּאַסעוועט די גאַס
און הייזעריקע האָרנס האווקען ווי די הינט,
די שטיינער אויסגעקרימט פון ראָד און לאַסט
און הייזער זענען גרוי און פענצטער זענען בלינד.

אליין איז אייק, מיט אכציק יאר אליין,
מיט בילד פון ווייב אין אפגעגילדטער ראם
און זיבניאריק אייניקל לארעין
וואס קוקט אויף אים א ווייסע ווי א לאם.

מיט פערציק יאר צוריק אויף וועסט בראדוועי
האט אייזיק רימער, אייזיק פון וואלין,
געמאכט א בייטש מיט סטענגעס אלערליי
און שלאנק איז זי געווען, און בייגיק־דין.

די בייטש מיט פוזשעלע ארויסגעשטעלט,
צו ווייב און זון געזאגט: „אימירצעשעם,
מיר וועלן דא זיך בויען א געצעלט
און איך וועל הייסן אייק און שמעון — סעם".

דאס ווייב האט פרום געענטפערט: „האלעוואי,
דער אייבערשטער זאל שיקן רו און פריד,
מיר האבן זיך געמוטשעט אלע דריי
און, אייזיק, דו צו פערציק יאר ביסט מיד".

און שמעון (האר האט ער געהאט ווי פלאקס,
דאס פנים ברוין געווען און אפגעצערט)
האט שווייגנדיק געטעסליעוועט אן אקס
און שטיל גע'חלום'ט פון וואלינער ערד.

געווען צום וואסער אפן וועסט בראדוועי,
ווי א פארהארעוועטע מענער־ברוסט,
און פערד מיט ברייטע ריפן, האבער, היי,
און טרייבער־יונגען, פלייציק, שווער און יוסט.

אויף וואגנס אנלאד: שפע פונעם לאנד,
מיט שטאל און אייזן, תבואה אין די זעק,
די פערד מיט שווערן כאמוט איינגעשפאנט
און שיפן ווארטן הונגעריק ביים ברעג.

אַ צי די לייצעס און געשמידטע טריט
פאַרקלינגען וועסט בראָדוועי מיט רויער פרייד,
אין נאַזלעכער ביי פערד דער אָטעם זידט
און פון די קריזשעס שוים און פּאַרע גייט.

און אַז סע הענגט אַ בייטש ווי אין אַ וויג
מיט סטענגעלעך קאָלירטע פון וואָלין,
ווערט צוגעשמידט צו איר דעם טרייבערס בליק,
ער טראַכט זיך: „זע נאַר, גאָר אַ נייער מין".

אויף וועסט בראָדוועי וואָלינער פרייד־קאָליר,
אין סטענגעס — פּאַסן רעטשקע, רויזן, מאָן, —
דער טרייבער שטעלט די פערד אָפּ ביי דער טיר:
„איטס מאיטי פאין, יו סאַנעוועגאָן".

און אַז ער גיט נאָך מיט דער בייטש אַ שניט,
צעטראָגט זיך איבער וועסט בראָדוועי אַ פייף,
סע הייבן־אָן צו ציטערן ביי פערד די טריט,
די אויערן פאַרשפּיצט און אָנגעשטייפט.

„איטס מאיטי פאין!" דער יונג באַצאָלט
און אייזיק זאָגט מיט פרייד: „אימירצעשעס,
מיר וועלן דאָ נאָך שאַרן רודעס גאָלד
און איך וועל הייסן אייק און שמעון — סעם".

די צייט האָט אָפּגעווישט פון אייק'ס געזיכט
וואָלינער ווייכע סטעפּעס אָן אַ סוף,
און כאָטש געבענטשט האָט נאָך דאָס ווייב זיינס ליכט,
האָט ער שוין קוים ארויסגערעדט די כאָף.

ס'האָט וועסט בראָדוועי געוואוסט ער איז אַ ייד
און אייק אַליין אוודאי האָט געוואוסט,
נאָר ס'האָט אַמעריקע צעשטורעמט זיין געמיט
און ס'איז געוואָרן שפּיציקער זיין ברוסט.

מיט אירלאַנדס זין געטרונקען פון איין גלאָז,
מיט שאַטישע געשפּילט אַ בייזע קאָרט,
און אַז אַ יענקי חוזק'ט פון זיין נאָז,
האָט אייך פאַר אים אַ שאַרף און ביטער וואָרט.

דער אַפּשטאַם האָט געשוויגן אין זיין בלוט,
אַ נאַקעט וואָרט געוועז פאַר אים איז ייד,
אין גאָלדן שוים פון ביר האָט ער גערוט,
ס'האָט דער סאַלון געבראַכט אים אוּנט-פריד.

צו דרייסיק יאָר האָט סעם פאַרלאָזט די נעסט
און נישט געוואוסט האָט אייך פון זיין געביין,
מיט יאָרן שפּעטער איז ער פון דער וועסט
געקומען מיט אַ ווייב און קינד לאַרעין.

דאָס ווייב — געמיש פון מעקסיקער און שוועד,
מיט בלויע אויגן און פאַרברענטער הויט,
האָט פון „דערלייזער יעזוסן" גערעדט
און אין איר קול דער שאָטן פונעם טויט.

זי האָט דאָס קינד אין טשוירטש אַריין געפירט,
גע'צלם'ט עם ווען ס'האָט געטאָן אַ הוסט,
מיט צלימ'לעך באַגילדטע אויסגעצירט
די לויכטנדיקע קינדיש-ווייסע ברוסט.

האָט אייך דאָס פּנים פון איר אָפּגעקערט
ווי פון אַ שפּין וואָס וועבט אַריין אַ פליג,
דערמאָנט זיך גאָר אַז אויף וואָלינער ערד
האָט ער געלאָזט אַ מעלקנדיקע ציג.

פאַר אים האָט אויפגעשיינט אַ ווייס געשטאַלט,
אַ קיטל, אויגן, בלייכע הויט, אַ באָרד,
אַ שויב וואָס האָט פאַרנאַכטיק זיך צעשטראַלט,
אַ פּשוט, ווייט און היימיש יידיש וואָרט.

פון וועסט בראָדוועי צום שטעטל הענגט אַ בריק
און נאָענט איז אַצינד דער וועג אַהין,
איז פּלוצלונג דאַכט זיך אייק׳ן אַז צוריק
געקומען איז ער — אייזיק — קיין וואָלין.

אַנטקעגן קומט דער שטויב פון ברייטן שליאַך,
אין סטענגעס האָט זיך אויסגעפּוצט דער סטעפּ,
זיין שטיבל מיטן הויקערדיקן דאַך
שטייט אויפגעהויבן איבער אַלע קעפּ.

צוריק — און אויפגעלייטערט ווערט די ווייט,
צעעפנט זענען פעלדער, בלוי און העל,
אַ דאָרף מיט גויים ווייץ און האָבער שניידט
און גאַרבן פאַלן האַריק אויף זיין שוועל.

און אַז פון דרויסן קומט דער רוף: „סעי, וותיפּ״,
גיט אייק אַ ציטער מיט זיין דאַר געביין,
ער כאַפּט אַ בייטש צו שמייסן פערד און ריפּ,
ווען וויטער שיין פאַר אים האַלט אין פאַרגיין.

נאָר אויף דער אַלטער האָט זיך שרעק געשפּרייט,
האָט זי זיך אין אַ ווינקל איינגעקנוילט
און האָט גערעדט צום מאַן אַזוינע רייד:
„האַלעוואַי וואָלט ער אין בויך ביי מיר געפוילט.

„אַ זון האָב איך מיט צרות אויפבאַוואָרט
„צו ברענגען שאַנד אויף מיינע גרויע האָר,
„אַז פּרעמד זאָל זיין דעם אייניקלס אַ וואָרט,
„אַז יאָרשענען דאָס יוזל זאָל מיין דור״.

געזעסן איז די אַלטע ווי אין שטייג,
ס׳איז אויסגעגאַנגען אומעטיק איר ליכט,
געקושט האָט אירע טויטע ליפּן אייק
און ס׳שייטל אויפן קאַלטן קאָפּ פאַרריכט.

דערנאָך האָט סעם גענומען ווייב און קינד
און שטוב געלאָזן ליידיק, הויל און קאַלט,
איז אייך געוואָרן דאַרער און פאַרדינ׳ט
און ער אַליין האָט ווי אַ בייטש געקנאַלט.

געפלאָכטן בייטשן אין דער שיין פון טאָג
און אויפדערנאַכט געזעסן אין סאַלון,
מיט לויזער צונג גע׳טענה׳ט: „אַז איך זאָג
אַ בייזער הונט איז ער געווען מיין זון".

„אַ הונט. אוודאי, אַלע זענען הינט",
האָט אירלאַנדער געפויסטיקט אויפן טיש
און אייך האָט זיך געשאָקלט אויפן ווינט
אין פעלקערדיקן, פאַרביקן געמיש.

נאָר פלוצלונג האָט זיך אייך מיט דינעם קול
און שאַרפע אַקסלען, דאַרער ברוסט צעוויינט:
„אַ הונט? איז ווער אַ הונט? דו זאָג עם נאָבאָמאָל.
מאַי, סעם איז גוד. מאַי סאָן, יו היער, הי עינ׳ט".

געקומען איז ער צו די שטומע ווענט
אַן אויפגעלייזטער, נאָר מיט צונג און טריט,
גערעדט: „איך וועל אים ברעכן רוק-און-לענד,
„מיין שנור איז גויע, אַבער סעם איז ייד".

די נאַכט — אַן אייזן שווער געקאָוועט ראָד —
האָט זיך געקייקלט מיט זיין אינגעווייד,
ער האָט געשריגן צו דער שטומער שטאָט
און זיך געוואָרגן מיטן שטראָם פון רייד.

אַזוי אַ טאָג, אַ חודש און אַ יאָר
און ס׳וואַקסן מויערן אויף וועסט בראָדוועי,
די הענט ביי אייקן זענען דין ווי ראָר,
די האָר ווי קויטיקער סוף-ווינטער שניי.

פאַרשטעלט דאָס וואַסער פינצטערער גראַניט,
געוואָרן וועסט בראַדוועי צונויפגעדרענגט,
ווי נאָר די זון גייט-אויף, איז זי שוין מיד,
דער הימל ווי אַ גרויע שמאַטע הענגט.

און אַטאָם יאָגן, שדים ווייסן וואָס,
מיט בייז געבֿרום, מיט אויפגערייצט געשריי,
האָט אייך אין האַרץ געכאַוועט דעם פאַרדראָס
אויף דער פאַרגייענדיקער וועסט בראַדוועי.

אַ וועלט איז אים פאַרגאַנגען אין וואַלין
און דאָ פאַרגייט פאַר אים אַן אַנדער וועלט,
און וואָס סע קומט, איז פרעמד און אָן אַ זין,
איז ווי דאָס וואַסער — לויטער און פאַרשטעלט.

צו פערציק יאָר פאַרטריבן האָט אים סטעפּ
ער זאָל פאַראייגענען דעם פרעמדן ברעג,
ער זאָל פאַרוועבן דאָ אַ ניי געוועב
פון שטורעמדיקע, ליכטיק-וויסטע טעג.

געפלאָכטן בייטשן, און די צייט מיט זיי —
אַ וואונדערלעך און ווייטיקדיק געפלעכט,
געווען איז ווי אַ מאַמע וועסט בראַדוועי
מיט אירע קלאָרע טעג און שטומע נעכט.

אין בייטשן — רויטע סטענגעס איינגעשטריקט,
נאָר קיינער שטעלט זיך פאַר דער טיר נישט אָפּ
און אייך, אַ מידער און אַ פרעמדער ליגט,
מיט זיינע אַכציק יאָר אין שווערן קאָפּ.

אַ וועלט פאַרגייט און ער פאַרגייט מיט איר,
נאָר אַז ער וויל דערמאָנען דעם אַמאָל,
פאַרפלעכט ער בייטשן מיט אַ ווילד-קאָליר
און שמייסט מיט זיי די אַטאָם אויפן שטאָל.

ליבשאַפט

## חברים מיינע

אויף הארבסטיקע וועגן גייען חברים מיינע
און טרינקען טרויער פון שטילעביימער,
זיי טראָגן הבל'ען אַנטקעגן קין'ען —
און יצחק'ן צו מוריה'ם גראָע שטיינער,
זיי טראָגן ליכטיקייט אויף וועגן פּיינען, —
הארבסטיקע חברים מיינע.

דער בלאָנדער הבל אויף זייערע הענט דערוואַרעמט
זיין חלום פון געבראָטענע זאַנגען,
אויף שטילע וועגן נעמט אַרום אַ צער אים
וואָס איצט דאַרף ער זיך קין'ען דערלאַנגען,
אויף גוטע הענט אַנטקעגן קין'ען, —
הארבסטיקע חברים מיינע.

ס'ווערט דינער דער פאַרנאַכט, אויף ביימער בליען
צעפּלאָמטע בלעטער — בלוטיקע קרישטאָלן,
אַזויפיל אומעט אין די הענט וואָס טראָגן צום מוריה
דעם יונגן גוף, פאַרהילט אין בלאָען וואָלנס,
אַזויפיל יצחק-טרויערס שיינען, —
הארבסטיקע חברים מיינע.

## צו רייפע פערציקער

אַמאָל האָב איך, אין בחור'ישער רויקייט,
פאר דיר און מיר א שטיבל אויסגעמאָלט,
באַדעקט איז עס געווען מיט שטילער בלויקייט,
געגאָסן האָט אויף דעם די זון איר גאָלד.

אַ פריזבע און אַ הויף מיט ווייסע הינער,
אַ שטאָל, אַ פערד־און־וואָגן און אַ קו, —
די פרייד איז אונדזערע, דער סטעפ ווערט גרינער,
דאָס ברויט גייט־אויף און צייטיקט זיך, ווי דו.

מיט מיר געזייט דעם סטעפ, געשניטן האָסטו,
דאָס שטיבל האָבן מיר אינאיינעם אויפגעבויט,
ווייל ביידע יונגע זענען מיר געווען, און פּראָסטע,
ווי זומערדיקע טעג, ווי זאַטע נעכט, ווי ברויט.

אַצינד, צו רייפע פערציקער, מיט גרויע שלייפן,
און דו, מיט ווייסע פּאַסמעס, פיינלעך־קלוגן בליק, —
אין האַרבסטיק גאָלד, אין רויט־צעגליטע רייפן,
האָב איך דאָס שטיבל אונדזערס געזען ביים „קעטסקיל קריק".

א בלאָנדער יונג, ווי איך אין יענע יאָרן,
האָט בוריקעס געגראָבן מיט די הוילע הענט,
דער דאַרער גוף געבויגן ווי אַ האָרן,
צעבראָכן איז געווען ביי אים די רוק־און־לענד.

ער האָט אַ קוק געטאָן צום שטורעמדיקן וואַסער,
צום באַרג אויף יענער זייט, וואָס האָט מיט סוף געגליט,
און כ'האָב געזען דעם צער פון פרעמדער ראַסע, —
אַ סלאַוו, אַ סקאַנדינאַוו, — און איך אליין אַ ייד.

פון באַרג צום „קריק" — אַ פּאַס אַן איינגעקלעמטער,
אַ ליימיקער, מיט אָדערן פון גרויען שטיין,
און ער — אַן אָרעמער, אַזאַ פאַרפרעמדטער,
רייסט בוריקעס פון דאַנעט פשוט מיט די ציין.

דאָס שטיבל, ווי אַ קו אַן איינגעמידטע,
דערוואַרעמט אויף דער זון דאָס קנאָביק-דאַר געביין,
און כאָטש די ביימער זענען פייערדיק-צעגליטע,
שרייט דאָך אַרויס פון דאָרט דאָס עלנטע געוויין.

דער חלום אונדזערער, פון יאָרן פריע,
איז איצט געשטאַנען לויטער, אָנגעשפּאַרט ביים פּלויט, —
מיר האָבן נישט געהאַט די שווערע זכיה
צו גראָבן און דערגראָבן פיינלעך אונדזער ברויט.

# פון אייגן בלוט

אין פריען פרילינג, פרי פאַרטאָג,
צוויי ווייסע פליגלען האָבן זיך צעווייט,
דערהערט האָב איך אַ ווייטן זאָג:
צעאַקערט האָסטו נישט דיין בייט.

איך האָב געוואוסט, אַז אין מיין גוף
געוואָרעמט האָבן זיך די ווייטע רייד,
פון אייגן בלוט צו מיר דער רוף
צו אַקערן מיין פריע בייט.

נאָר פליגלען האָבן זיך געוויגט
און ווייסע פעלדן איבער מיר געשפרייט,
אַ ווייטער האָט זיי מיר געשיקט
צו מאָנען מיין פאַרלאָזטע בייט.

אַמאָל האָב איך אין מיין געמיט
דאָס שאַרפע מאָנענדיקע וואָרט פאַרזייט,
מיט פיין האָט דענצמאָל אויפגעבליט
אַ רויטע שטעכעדיקע בייט.

אַ בייזער שניט געווען דאָס יאָר,
כ'האָב איינגעזאַמלט אייגנס זאַנג און קווייט,
און באַטש ס'איז וואָרט געוואָרן קלאָר,
פאַרלאָזט האָב איך די בייזע בייט.

אַ פראָסטער מענטש, אַ בלאָנדער ייד,
אַן אָפענער ווי ער שטייט און גייט,
אין מיין געמיט איז נאָך צעבליט
די שטילע זומערדיקע בייט.

כ׳בין אויפגעשטאַנען היינט קאַיאַר
מיט ווייסקייט, ווי סע וואָלט פאַר מיר געשנייט,
מיט פרייד וואָס אַלץ אין מיר איז קלאָר
ווי ס׳ווידערקול פון שטילע רייד.

נאָר נישט קיין שניי, ס׳איז איצט אַפּריל,
צוויי ווייסע פליגלען האָבן זיך צעווייט,
ס׳איז פיינלעך וואָס דער מאַנער וויל
צעאַקערן מיין פריע בייט.

# אַ פֿערטער צום דריילינג

איבער נאַכט איז דאָס וואונדער געשעען,
ס'האָבן שעה'ען אויף ביימער געקלעטערט,
און פֿאַרטאָג דורכן פֿענצטער געזען:
זון און ווינט און צעפֿלאַקערטע בלעטער.

ס'האָט דער דריילינג אויף וועגן שפּאַצירט
מיט צע'הפקר'טן שיין פֿון פֿאַרלענדן,
און דער מענטש איז געשטאַנען פֿאַרווירט
אַז דער אונטערגאַנג זאָל אַזוי בלענדן.

ביי אַ בוים האָט אַ וועווערקעס פֿעל
פֿון דערוואַרטונג און קעלט אויפֿגעציטערט,
און געגעבן זיך פֿלוצלונג אַ שטעל
מיט דערקענונג פֿון שטעכיקע ריטער.

גייט דער מענטש מיט צעזונגענעם גאַנג, —
צו דעם דריילינג אין הפקר אַ פֿערטער, —
טרינקט די זון ווי דאָס לעצטע געטראַנק,
וואַרפֿט דעם ווינט, ווי קערנער, ווערטער.

נאָר אויף בלעטער גיט זיין אויג זיך אַ צינד,
אינעם פֿלאַם זיך אַ פֿלאַמיקן זעט ער.
ערשט אַצינד דעם צונויפֿמיש באַזינט:
זון און ווינט און צעפֿלאַקערטע בלעטער.

# מיר מיט די בלויע אויגן

ה. לייוויק

מיר מיט די בלויע אויגן
האָבן זיך באַגעגנט אויפן שטעכיקן פעלד.
און מיט די הונגעריקע פייגל אויף סטויגן
איבער דער נאַכט זיך געמאַכט אַ געצעלט.

ס'איז שוין געווען אין שפּעטן אָקטאָבער,
איז נאָר געבליבן דער אָפּשניט פון שטרוי,
ליידיקע מיצלעך פון האָריקן האָבער
און אַ ווינט, אַ ווינט, אַזוי בייז, אַזוי רוי.

ס'האָבן די פייגל אוודאי פאַרשפּעטיקט,
וועלן זיי אונדז פאַרלאָזן גאַנצפרי, —
איר האָט ביי אונדז זיך מיט זון אָנגעזעטיקט,
זייט איצט געבענטשט אין אייער האַרבסטיקן פלי.

אָבער מיר מיט די בלויע אויגן
וועלן דאָ בלייבן אַ נאַכט מיט אַ טאָג
און זיך דערציילן פון געזאָלצענע לויגן,
און פון אַ האַרץ וואָס הענגט אויף דער וואָג.

ווייל פאַר אונדז איז נישטאָ קיין צוריקקער
פונעם שטעכיקן פעלד אין האַרבסט, —
נעמסט דאָס פיינלעכסטע פון זיך, דעם עיקר,
און מיט דער רויטקייט פון זון באַפאַרבסט.

דאָ אויפן שטעכיקן פעלד אין צווייען,
אויף אַ צעפוילטן, וואַרעמען סטויג,
און אַז די זון וועט איבער אונדז פאַרגיין,
וועלן מיר בלייבן אויג־צו־אויג.

דאָ איז דער לעצטער טאָג פֿאַרביידן,
דאָ וועט צעבליען אונדזער זאָג,
וועלן מיר אויג־אויף־אויג דאָ ריידן
ביזן רויטלעכן פֿאַרטאָג.

און דערנאָך זיך נישט צעשיידן
איבער דער שטעכיקייט פֿון וועג,
נאָר זיך אַנטבלויזן אינעם ריידן
און זיך אויסשעפּן ביזן דעק.

ווייל איבער אונדז מיט די בלויע אויגן
הענגט דער גורל, ווי אַ שאַרפֿער שניט,
ס'האָט דער קאַפּריז אונדז צוגעצויגן
צו האַלטן אַ וואָגשאָל אינדערמיט.

האָבן מיר אונדזער בלוט אָפּגעוואויגן
און דעם סך־הכל צונויפֿגעשטעלט, —
נעכטן צעשיידט זיך, אַז מיט בלויע אויגן
היינט זיך באַגעגענען אויפֿן שטעכיקן פֿעלד.

ס'האָבן דעם הימל צעריסן אויף שטיקער
ווינטן און כמאַרעס, — און אונדזערע רייד,
אַז ס'איז נישטאָ פֿאַר אונדז קיין צוריקקער,
וועלן מיר טראָגן דעם צובונד, די קייט.

# ווי ברוריה

חנה׳ן

דער שוים פֿון קאַווע קיל איז ווי בורשטין
און דיינע קאַווע-אויגן זענען קאַלטער פֿלאַם,
די לאַנקע נאָכן רעגן זוניק איז און גרין,
נאָר זוניקער דיין רעדן פֿון קרשקש און רמב״ם.

סע זענען לויטער דיינע רייד ווי טראָפּנס טוי,
זיי טרינקען אָן, ווי טוי, מיין געמיט,
גערעדט האָט ברוריה צו איר מאַן אַזוי
און רו, אין אַנגעזיכט פֿון טויט, געהיט.

דו האָסט צו זיך אַליין געמאַכט אַ סיג
און אָפּגעהיט די ריינקייט פֿון דיין שטאַם,
דיין האַרץ געוואַויגן האָסטו אויף דער וואָג,
מיט חכמה האָסטו אָפּגעקילט דיין פֿלאַם.

מיט שטילן צער פֿאַר קאַרגער פֿרייד געצאָלט,
איך האָב געהערט ווי ליבע אין דיר זיך רייסט,
נאָר ריינקייט האָסטו אין דיין שטוב געוואָלט
און ליבע געצוימט אין לויטערקייט פֿון גייסט.

נישט איך בין רבי מאיר און מיין גאַנג
איז נישט קיין תמימות׳דיקער מיט מיין גאָט,
אין מיר — די שטרויכלונג פֿון אַ יעקב פֿראַנק
צערייסט דאָס גוטס פֿון דעם בעל-שם׳ס גענאָד.

נאָר דו, ווי ברוריה, ס׳גוטסקייט אין מיר היטסט
און ווייזסט מיר קלוג, ווי שלעכטס דאַרף זיין פֿאַרווערט, —
אין אייביקייט וואָלט איך דיך איינגעקריצט,
נאָר זיין אַ רבי מאיר איז מיר נישט באַשערט.

## צוגאַסט

א ווייסע נאַכט. די בערג — אַ זילבער־קייט.
דער טייך צופוסנס אין זיין בלויקייט פרירט, —
ער רעדט צו איר אַצינד אַזוינע רייד
וואָס קיינמאָל האָט ער נישט גערעדט צו איר.

די שטיבלעך — ווי אַ דאַלעד אויסגעשטעלט,
און איינס איז אירס, ער זאָגט: אירס נאָר.
איך קום צוגאַסט, דער וועג צו דיר צעהעלט,
ווי ס'איז די ווייסע פּאַסמע דיינע האָר.

ער קומט אַרויף צום באַרג מיט שווערן גאַנג,
ווייל ס'טראַכט זיין יעדער טראָט פון בונד, פון רים.
אַ ביימל רוישט, אַ פליגל גליט און צאַנקט, —
אַ לעבן דאַרף זיין אַנדערש ווי סע איז.

אַ גאַסט ביי איר. ער זאָגט עס איר: אַ גאַסט.
אַנטלאָפן ביסטו, ווייב מיינס, אין אַ הייל,
כאָטש אויסגעשפּרייט ליגט אויף דיין שוועל אַ פּאַס
וואָס האָט זיך פון אַ וואָלקן אויסגעשיילט.

אַנטלאָפן אין אַ הייל — פאַר וועמעס זינד,
אַז דיינע אויגן לויטערן פון צער?
דו רעדסט, און דיינע ווערטער כאַפּט דער ווינט
און טראָגט זיי צו אַן אַנדערן, וואָס וואַרט.

אַרום דיין שטיבל שיינט אַ דין געוועב
פון זילבער, מענטש, געטריישאַפט און געשריי,
איך ווייס: דו הערסט ביינאַכט אויף דיינע טרעפּ
ווי ס'גייט אַ מענטש און קומט נישט, כאָטש ער גייט.

ער קומט נישט און איז דאָ, דו הערסט די רייד
אין אָפּגעשיידקייט, אין דיין שטיבל-הייל.
און איך בין דאָ. אַ קול צו מיר דערגייט:
אַז אויב נישט גאַנץ, איז כאָטש אויף צוויי צעטייל.

אַ בליאַסק. אַ זילבער-שפּריץ. אַ שניט. דו זעסט?
אַ שטרוי. אַ פֿעדער. צווייגעלעך און מאָך. —
צום ברעג פֿון דאַך הענגט צוגעקלעפּט אַ נעסט
און הערט זיך צו — צו אונדז, צו נאַכט, צו שאָרך.

אַ בליאַסק, — און אויסגעלאָשן איז דער דאַך,
אַ שאָטן האָט זיך אין דער לענג צעלייגט,
אין שטילקייט שטייט אַן עפּלביימל וואַך
און אָנגעלאָדן, צו דער ערד די צווייגן בייגט.

# ואני

און איך האָב מיט מיין מוטער חיה׳ן נישט אַזוי געטאָן:
אַז די עלטער האָט פאַרטונקלט אירע אויגן,
האָב איך געלאָזט איר ליכט אין עלנטקייט פאַרגיין.
קום דו, מיין זון, און רעכענונג ביי מיר מאָן
פאַר אירע טעג אין טונקלקייט, פאַר אירע נעכט אַליין.
איר לעבן האָט זי אויסגעוויינט אין געזאַלצענע לויגן,
ווי די מוטער לאה אין איר עלנטן געצעלט, —
און איך האָב אפילו נישט קיין נאָמען נאָך איר אויפגעשטעלט.

אַז יעקב איז געקומען פון פדן,
איז רחל אים געשטאָרבן אויפן וועג קיין אפרת, —
דאָס זאָג איך דיר, מיין טאָכטער אַדאַ׳ן,
אַז דו זאָלסט מיינע רייד פאַרנעמען.
געדענקען דאַרף דער מענטש ווער זיין באַשעפער איז
און איבערענטפערן אַ גאַנצע קריק זיין זעל.
מיר שטייעןביידע אויף דער שוועל,
נאָר איך אַוועקצוגיין און דו צו קומען,
און קומען וועסטו, — ווייס איך נישט מיט וועמען,
נאָר קלעפן זאָלן מיינע רייד צו דיין גומען:

און איך האָב מיט מוטער חיה׳ן נישט אַזוי געטאָן.

# אין מײַנע יאָרן

אַ שנײ איז אויסגעפאַלן,
די זון האָט זיך צעשפּילט,
אין בלענדיק-װײַסע שאַלן
האָט זיך די װעלט פאַרהילט.

אויף דעכער און אויף ביימער
אַ פרייד האָט זיך צעבלענדט,
נאָר ברענג אַ גלעזל טיי מיר
מיט זון אין דײַנע הענט.

אַ מענטש אין מײַנע יאָרן,
װאָס טראָגט שוין שפּרענקלעך שנײ,
דאַרף ציטער זײַנעם שפּאָרן
בײַ װאַרעם גלעזל טיי.

איך װעל איצט דורך די שויבן
די װינטער-װײַסקייט זען,
װי דימענטענע שטויבן
צינדט-אָן די זון מיט ברען.

די טיי איז גאָלדיק-הימלעך,
די פאַרע — װאַרעם-װייך, —
דאָ בלישטשען מײַנע ביימלעך,
דאָ זילבערט זיך מײַן הייך.

די זילבער-פּאַסמעס דײַנע, —
אין כװאַליעכלעך פאַרקעמט, —
װי שנײ-בריליאַנטן שײַנען,
נאָר שטילער און פאַרשעמט.

מיט טרויער און מיט חכמה
איז אַנגעזעט דיין קוק,
וואָס דאַרף איך האָבן נאָכמער,
אַז דאָס איז מיר גענוג?

דערלאַנג אַ גלעזל טיי מיר
און מיט דיין קוק דערפריי, —
דאָ בלישטשען מיינע ביימער,
דאָ זינגט מיין ערשטער שניי.

# יוחנן׳ס היים

ס׳האָט יוחנן געהאַט אַ הויזגעזינט
און מער האָט יוחנן נישט געוואָלט,
אויף וועגט פֿון שטוב האָט ער ווייב און קינד
מיט ליכטיקע פֿאַרבן אויסגעמאָלט.

אַז יוחנן האָט נאָכן טאָג פֿון מי
צו זיינעם צום אייגענעם הויז געגענט,
איז אים געקומען אַנטקעגן דער בלי
פֿון ווייב און קינדס צעצווייגטע הענט.

די שטוב איז פֿאַרנאַכט געווען נאָך העל,
ווייל זי האָט געקוקט צום מערב ראַנד
און ס׳האָט זיך די זון געזעצט אויף דער שוועל
צו שפּרייטן פֿאַר אים קאָלירט געוואַנט.

האָט יוחנן זיך אַזוי געטראַכט:
פֿאַרוואָרצלט בין איך און איך וואַקס,
כאָטש ס׳איז מיין וועג נישט ווייט פֿאַרשליאַכט
און ס׳ברענגט מיין פֿעלד מיר נישט קיין פֿלאַקס.

מיין האַרץ איז דער אָפֿענער, ברייטער שליאַך,
מיין פֿלאַקס זענען בלאָנדע ווייב און קינד,
ביי טאָג הענגט די זון איבער מיין דאַך
ווי זי איז געהאָנגען איבער פֿער גינט.

דערמאָנט האָט זיך יוחנן דאָס אַלטע ליד
פֿון גילדענער פּאַווע איבערן ים,
האָט ס׳האַרץ אין אים פֿריידיק אויפֿגעבליט
וואָס ווייס איז זיין קינד און שטיל ווי אַ לאָם.

און נאָך האָט זיך יוחנן דערמאָנט:
דעם פייגעלע איז ביטער אָן אַ נעסט
און ס׳ווייב איז גוט און ס׳ווייב איז בלאָנד
און האַלט אים ווי אַן איידעמל אויף קעסט.

צעוואָרפן זענען ביים ווייב די האָר
און שמעקן ווי פריש אָפּגעשניטן היי,
און יוחנן שטייט ביי איר בעט קאַיאָר:
אַ גוטן טאָג, מיין ווייב, איך גיי.

ביים ווייב דער קוק איז פאַרטאָגיק קלאָר,
זי טראָגט אים אַנטקעגן אַ האַנט ווי שניי,
און יוחנן שטייט ביי איר בעט קאַיאָר:
אַ גוטן טאָג, מיין ווייב, איך גיי.

אוודאי איז שווער דער טאָג אין שטאָט,
די מי צעשרויפט אים דאָס געביין,
די אָדערן ווערן הארט ווי דראָט
און לויז פון קריצן ווערן די ציין.

נאָר איבער אים האָט געוואָרקעט אַ טויב
און האָט אים די מי אין רו פאַרוויגט,
ער האָט דער שטאָט געגעבן איר רויב
און האָט מיט איר זיך נישט געקריגט.

זיין טאָג וועגט ער אָפּ אויף דער שאָל,
נאָר ס׳הארץ אין אים האָט אייגן גאָלד,
די שטוב האָט אַ לויטער, ליכטיק קול
און מער האָט יוחנן נישט געוואָלט.

# יוחנן׳ס פריינט

גערהאַט האָט יוחנן אַ גוטן פריינט
מיט אויגן ווי דער שוים פון ביר,
אוודאי האָט יוחנן זיך אויסגעפיינט
און אויפגעפּראַלט פאַר אים די טיר.

געזאָגט האָט יוחנן: ביסט מיר נאָנט,
מיר טרינקען ביידע פון איין קרוג,
און כאָטש ס׳איז ברוויזיק דיין האַרץ און מאָנט,
איז ווייַן פאַר אונדז ביידע דאָ גענוג.

פאַר דיר צו פאַרשפּיצן דיין געמיט
און אָנצושאַרפן דיין מאַנעריי,
פאַר מיר צו קרעפּטיקן די פריד
און ביידע בלייבן זיך געטריי.

האָט יוחנן׳ס גוטער פריינט געזאָגט:
אַ שווערד אפילו דאַרף אויך אַ שייד,
אַ שטוב האָב איך אויך אַמאָל פאַרמאָגט
און אויף מיין שטייגער געהאַט האָב איך פרייד.

און מער האָט ער נישט געזאָגט קיין וואָרט,
דאָס מויל פאַרשלאָסן ווי אַ שער,
האָט יוחנן דערלאַנגט אים ווייַן מיט טאָרט
און זיך געטראַכט: אין שייד די שווערד.

און יוחנן האָט דעם ווייב דערנאָך
געזאָגט: דו טאַנץ פאַר אונדז און שפּיל,
אַליין האָט ער אינמיטן דער וואָך
געזעצט זיך פליעסקען אויפן דיל.

האָט יוחנן׳ס פריינט זיך אויפגעשטעלט
און האָט אין טיש דערלאַנגט אַ זעץ,
דער ווייַן האָט דאָס ווייסע טישטעך פאַרגעלט,
צעגאָסן ווי פעדעמלעך פון אַ נעץ.

דערשראָקן האָט זיך יוחנן, און דאָס ווייב
האָט ס׳קינד געכאַפּט אויף אירע הענט,
נאָר ס׳האָט דער פריינט זיך געריסן דאָס לייב
און ס׳ביסל גוטס אין זיך פאַרלענדט.

אוודאי האָט אים יוחנן איינגעשטילט
מיט ווייבס און זיינע גוטע רייד:
איך וואָלט דיך, מיין פריינט, אָפּגעגילדט
אַבי זאָלסט אַריינלייגן דיין שווערד אין שייד.

ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט אים גערעדט,
געפרעגט דעם פריינט וואָס ער באַגערט,
דערנאָך האָט ער אים אָפּגעגעבן דאָס בעט,
אַליין זיך געלייגט מיטן ווייב אויף דרערד.

באַנאַכט האָט יוחנן געזען
ווי ס׳שלאָפט דער פריינט צענויפגעראָלט,
האָט ער צום ווייב מיט ליבע גענענט
און מער האָט יוחנן נישט געוואָלט.

# שכנה׳שאַפט

א. ראַבאַיין

ס׳איז דאָ אַזויפיל פרייד אין שכנה׳שאַפט פון שטיבער,
אין ברודערשאַפט פון פענצטער, אַז די זון פאַרגייט,
נאָר שכנה׳שאַפט פון מענטש איז פריידיקער און ליבער,
און בונד פון שווייגעניש איז שטאַרקער ווי פון רייד.

מיר ציילן אונדזער שכנה׳שאַפט אויף קאַרגשאַפט נאָר פון וואָכן,
נאָר איין מאָל שיינט דער מולד איבער אונדזער דאַך, —
אַזויפיל אומעט רעדט דאָס שוויגן פון מיין שכן,
אַזויפיל פרייד איז דאָ אין פראַסטקייט פון זיין שפּראַך.

סע טיילט אונדז אָפּ אַ דין און פול מיט קלאַנגען ווענטל,
נאָר הערן הער איך, ווי מיין שכן שוויגט צו זיך אַליין,
אָט גייט ער אין די מעשטעס, אָט דרייט ער אָפּ דאָס קרענטל
און בלייבט ביים שטרעמל וואַסער ווי פאַרוואונדערט שטיין.

מיין ערד מיין היימישע געטראָטן האָט מיין שכן,
ער האָט, ווי איך, דעם סטעפּ געטרונקען אַ געטראַנק,
און איצט אפילו, אַז סע ציטערן ביי אים די קנאָכן,
דערשפּיר איך אין זיין קוק דאָס סטעפּישע געזאַנג.

מיר האָבן שוין אינאיינעם גענעסן מאַמעליגע
און וואָלעבלעך געזונגען, און איינגעזאַלצן קעז,
מיר האָבן שוין אינאיינעם שעה׳ען אָפּגעשוויגן
און אָפּגעזעסן ווייט אַ ליכטיקן מעת-לעת.

מיר האָבן שוין אינאיינעם לולקעס אויסגערייכערט,
מיר האָבן שוין געזען ווי אויף די בערג סע טאָגט,
דער אָוונט קומט שוין האַרבסטיקער און ווייכער, —
נאָר עפּעס איז געבליבן אַלץ נאָך נישט דערזאָגט.

# קראַנקער בוים

אינעם ווייסן אויפגאַנג פון באַגינען
האָסטו מיר געזאָגט מיט טרויעריק געמיט:
זע, ביי אַנדערע פענצטער ביימער גרינען,
אונדזער בוים איז קראַנק, ער האָט זיך גאָל צעבליט.

זיינע בליטן ברענען ווי געשווירן,
בלאָטערס אויף זיין גוף, ווי טשוועקעס איינגעשמידט,
פרייד פון ביימער זינגט אויף אַלע טירן,
אונדזער בוים איז קראַנק, ער האָט זיך גאָל צעבליט.

אונדזער בוים, ווי אונדזערע פאַרפריען,
טראָגט אין זיך דעם צער, וואָס מיר האָבן פאַרזייט,
ס׳איז דער גורל זיינער גאָל צו בליען,
ווי דער גורל פון די אַנדערע איז פרייד.

# אַ מידער פּרואוו

וואָס איז שייך אים, איז ער דער מענטש,
שטייט ער דאָ ביים אויסבייג פונעם קעטסקיל קריק
אָנגעשפּאַרט מיט גאָר זיין פּיין אין אַ פּאַרענטש
און צום ווינט זיין גוף גיט זיך אַלעמאָל אַ וויג.

שפּעט דער האַרבסט, און בלעטער אויפן שטראָם
וועבן אוים אַ רויט און געל געוועב,
איבער אים דער הימל — אַ קאָלירטער שוואָם,
אונטער אים די ערד — מיד און אויסגעשעפּט.

שטייט ער דאָ, דער מענטש, און זוכט באַשייד
אויף אַ רים אין אים, אויף דעם רים אַ זין.
וואָס איז ער? אַ רינג, צי גאַנצע קייט?
איז ער נאָר אַ פאָדעם אין געשפּין?

וויגט אים ווינט אינאיינעם מיטן פלויט,
פאַלן בלעטער אויף זיין מיד געביין.
אויף פּאַרשפּעקטיקטע גראָע הייפּטלעך קרויט
טאַנצט אַ האָז מיט ציטערדיקע ציין.

שטייט דער מענטש מיט אָפּגעשטעלטער צייט
אויף דעם אומעטיקן וואָרט: רים. רים. רים.
און דער האָז די בלעטלעך קרויט קייט,
ביז דער הימל פאַלט און אַ רעגן גיסט.

יאָ, ס'איז דאָ אַ שטוב, אַ שטול, אַ טיש.
מענטש איז דאָ, צעריסענער ווי דו מענטש.
דו מיט אים — אַ בלוט מיט בלוט געמיש,
וואָסזשע שטייסטו דאָ אין רעגן ביים פּאַרענטש?

ס'איז נאָך דאָ אַ בוים מיט בלעטער־קרוין,
נעמט דער מענטש אַרום דעם בוים ווי אַ גוף,
שמעקט דאָס לעבן און ער זאָגט: שוין. שוין.
ס'איז דער לעצטער, ס'איז דער מידער פּרואוו.

און ער פילט ווי ס'רינט אַריין אין אים פון בוים
צער, וואָס איז אייביקער פון אים אַליין.
מענטש האָט אָנגערירט די וועלט נאָר ביים זוים,
און ער וויל זי שוין צעשניידן ביזן ביין.

גייט דער מענטש אין שטוב אַריין צוריק
מיט דער פרייד פון אַ צער'דיק געפינס.
שרייט אים נאָך דער בייזער קעטסקיל קריק,
און דער ווינט באַלייט אים מיט קול אַ דינס.

## רייפּטלעך ברויט

בלויער פאַרנאַכט. וויפל זענען מיר? דריי.
אונדזערע קינדער ביים נאַקעטן פלויט.
פשוט׳ע רייד זענען שניידיק־ניי
ווען מיר צעשניידן דאָס קלייענדיק ברויט.

פאַסמעס פאַרזילבערטע. טונקעלע הויט.
וויעס באַהאַלטן אַ קוק ווי אַ שניט.
הערינג, קאַרטאָפל און קלייענדיק ברויט,
וועטשערע עסן מיר דאָ זאַלבעדריט.

רייפּטלעך צעשניטן, פאַר אים און פאַר דיר,
ס׳לעצטע — אַ רייפּטל געבליבן מיין טייל.
קריכט אַ געשטאַלט פון דער סאָפּע אַפיר, —
איך בין דער אורמענטש, מיין שטוב איז אַ הייל.

בויגן און פייל אין פאַרבלוטיקטע הענט.
כ׳האָב דיר אַ לעמפּערט געבראַכט צו דער שוועל
שיר נישט אין שטרייט דאָס געביין מיינס פאַרלענדט
פלייש דיר צו ברענגען, און פאַרביקע פעל.

שטיינער און צווייגן, אַ פייער צעלייג,
מיד בין איך, ווייב, פונעם לעמפּערטס געפּעכט.
אָבער דו האָסט זיך געגעבן אַ בייג
מיר צו דערלאַנגען אַ פאַרטיק געקעכץ.

טראָפּנדלעך בלוט אויף די שטיינער צעשפּריצט.
רויך איז צעגאַנגען, דער פּריסעק פאַרשאַרט.
ס׳האָט נאָך אַ פונק אין פאַרנאַכט אויפגעבליצט, —
ווייב, אויף מיין פאַנג האָסטו היינט נישט געוואַרט.

שפּעט דער פאַרנאַכט. ציטערט גראָז. ציטערט בלאַט.
ס'איז אונדזער הייל אַזוי קראַנק, אַזוי געל.
ווייב, ס'איז דיין פּנים מיט חלום'ען זאַט,
ווייך דיינע פיס ווי פאַרטאָג אויף דער פעל.

שאַרט זיך אַרוים פון דער הייל אַ געשטאַלט.
פייל אָנגעצויגן און בויגן געשפּאַנט.
ווייב, ס'האָט דיין פּנים פאַנאַכט אויפגעשטראַלט, —
פאַלן וועט איינער פון אַנדערנס האַנט.

כ'האָב היינט געטראָגן מיין אומגליק אין גאַנג.
זון איז אַנטלאָפן פון מיר אויפן וועג.
איצט וועל איך לאָזן אויף שטיינער מיין פאַנג
ביז ס'וועט זיך ענדיקן אונדזער געשלעג.

דין איז דער פרעמדער און האַרט ווי אַ שטאַם.
האַלט ער מיין גוף אין זיין שטיינערנער צוואַנג.
ווייב, דיין געלעכטער איז ביטער ווי סם, —
איך בין געפאַלן דעם פרעמדן אין פאַנג.

בלויער פאַרנאַכט, וויפל זענען מיר? דריי.
גייט אוים די זון ווי אַ מאָגערער קנויט.
הייב-אויף דיין קול און צום אונטערגאַנג שריי:
הערינג, קאַרטאָפל און קלייענדיק ברויט.

# רים און צובונד

ס׳איז דאָ אַזוינס ביים מענטשן, וואָס ער האַלט פאַרהוילן
אפילו פאַר זיין אייגענעם געדאַנק:
די שפּירונג, אַז אין אים וועט זיך אַמאָל צעקנוילן
דאָס לעבן זיינס, דער וואַקל אינעם גאַנג.

ס׳איז דאָ אין מענטשן אַזאַ רוי געבאָט, וואָס רופט אים
צוריק צום אָנהייב, ווי דעם וואָלף צום בלוט,
ער שפּירט מיט נאָזלעכער דעם גאַנג זיינעם אין לופטן, —
דער מענטש בין איך, מיין גאַנג — בן־שמן לעבן לוד.

ווייל נישט אומזיסט האָב איך געאַקערט אין בן־שמן,
געריסן שטיינער פונעם גרונט מיט הוילע הענט
און נאָכגעקלאַפּט דעם גאַנג פון בעדואינערס קעמלען
ווען ס׳האָט די נאַכט, מיין מידע נאַכט געגענט.

ווייל נישט אומזיסט האָב איך די ווייגגערטנער אין ראשון
מיט ציטערדיקן האַרץ און שטילער פרייד געהיט,
איך האָב מיין טרוקן ברויט געקייט ביי פּראָסטע טישן
און מיטן ווייַנשטאָק האָט זיך דאָרט מיין ליד צעבליט.

רחובות, פּתח־תקוה, זאַמדיקע יהודה
און איבער איר — די בערג אין בלויאיקייט פאַרוויסט,
וואו יעדער האָרעפּאַשניק איז געווען אַ ברודער, —
האָב איך איך אָפּגעגעבן מיינע טעג און נעבעך אומזיסט?

בן־שמן. ווינטער. מיר האָבן שוין דערלעבט אַלפאַלפאַ,
וואָס קרויזט זיך צו דער הייך מיט בלימלעך אינדערמיט.
איך שאַרף די קאָסע, ווי דער טאַטע שאַרפט דעם חלף,
אַ ברכה זאָל איך מאַכן אויפן ערשטן שניט.

פאַרטאָג. דער גלאָק זאָגט אָן: מיר גייען היינט נאָך קאָסען,
און ס׳קומען ברידער צו צוויי, צו דריי, צו צען.
די שאַרפן בלישטשען, ס׳פינקלען פלעמלעך פאַפּיראָסן,
די אויגן ציטערן און פרעגן דאַכט זיך: „ווען?״

פון יענער זייט, פון לייוונט-ברעטערדיקע היימען,
וואו ס׳ליגט דער שטיינבאַרג איבער זיי ווי אַ קאַפּקאַן,
דערשראָקן קומען אַן די פרעמדע זין פון תימן —
דער דאַרער יחיא און דער טענצער סולימאַן.

דער צווייטער גלאָק פאַרקלינגט. די קאָסעם אויף די אַקסלען.
צום אַנהייב גייט מען שטיל, און מיטאַמאָל צעשאַלט
דאָס ליד פון בויען, דאָס געזאַנג פון וואַקסן,
וואָס גיסט זיך ווי אַן אויפגעצוימטער קוואַל.

אומזיסט האָב איך צו יענעם טאָג מיין ליד געטראָגן
אינאיינעם מיט די ציבעלעס און אַלטגעבאַקן ברויט?
אומזיסט, ווי אַנדערע, דאָס הארץ מיינס אַנגעלאָגלט
מיט בייזער ווירקלעכקייט און חלום וועגן בוי?

דער מענטש צערייסט אַ קייט, צעפאַלן זיך די רינגען
און דאַכט זיך, אַז דער צובונד איז נישטאָ שוין צום אַמאָל,
נאָר ס׳גייט אים נאָך דער קלאַנג און פרעגט ער: וואוהינגיין
אַז פייניקן זאָל נישט דער רוף, דאָס שטומע קול?

נאָר צובונד רייסט זיך איבער מיט מיין וואָרט אין גומען,
אַזויפיל פיין, אַז אייגנס איז דיר שאַנד,
אַז ס׳איז דאָס טייערסטע, — דיין וואָרט, — אַ טומאה,
אַז חרם ליגט אויף יידיש אינעם לאַנד.

עברית איז מיר נישט פרעמד, איך קען אפילו פשט׳לען,
אַז נאָר מיט לאַנד און שפּראַך איז עם ישראל חי,
נאָר פעלשן וועל איך נישט אין אָרעמקייט פון שטעטלעך,
דאָס וואָרט, — דעם טרויער, — וועל איך זיין געטריי.

ס׳איז דאָ אין מענטשן אַזאַ רוי געבאָט אַן אייגנס,
וואָס שרייט פון אים אַרויס מיט שטראָמיק בלוט:
ווי גוט איז דיר דעם קאָפּ אַוועקצולייגן
פאַר לאַנד און וואָרט, — בן-שמן לעבן לוד.

# ביים טייך

הערשלען

צעוויגט האָט זיך דער שלאַנקער גוף, די לופט געשניטן,
דאָס ברוינע לייב האָט אַזש געציטערט אין צעוויג, —
מיין זון איז אויף זיין יוגנט היינט אַרויסגעריטן
מיט מוסקולן ווי שטאָל צונויפגעדרייט אין שטריק.

פון נאָזלעכער אַ שוים, פון אויגן פונקען שפּריצן,
צעפּאַסמעט ווי אַ גריווע ווילד־געדיכטע האָר, —
אַ נחת איז דעם טאַטן דאָ ביים ברעג צו זיצן
ווען ס׳וויגט זיך איבער אים זיין אויפגעשטעלטער דור.

אַ שפּרונג פון הונדערט פּוס — אַ לעמפּערט ביים פּאַרצוקן,
דאָס וואַסער ברעכט זיך אונטער אים ווי אַ גלאָז, און שוימט.
ער שווימט אַרויס, צעהוידעט אויפן שטראָם זיין רוקן,
און פּאַטשט מיט הענט, די גרויע לייבן־כוואַליעס צוימט.

העי, יונגער דו, פון הייך קען איך נישט שפּרינגען,
נאָר שניידן וואַסערן קען איך אַזוי ווי דו,
איך האָב אַמאָל דעם דניעסטער אויסגעדרייט אין רינגען,
די כוואַליעס האָב איך אויסגעבויגן ווי אַ דוה.

דאָס וואַסער ברויזט. מירביידע שוויגן און מיר שווימען.
דער ברעג, ווי רויך אין מיטנטאָגעדיקער זון, צערינט.
אַ, ווער האָט אַרום האַלדז מיר איינגעקרעמפּט אַ רימען?
די כוואַליעס וואַרפן זיך אויף מיר ווי בייזע הינט.

מיך שלעפּט צום גרונט, אין שלעסער הענט און פּיס
געקלאַמערט,
און דיך די שטורעמדיקע וויטקייט רופט און ציט.
איך האָב אַזויפיל לידער אויף מיין לעבן אויסגעהאַמערט,
פאַר דיר, מיין זון, מיט פרייד דאָס פיינלעך־לעצטע ליד.

# שיכור

מיין זון ליגט אויף דער גאַס צעשפּרייט
און טרינקט, ווי שיכור, ליכט און שטיין
און רעדט אַזוינע פרעמדע רייד
מיט זיין צעריסענעם געביין.

צעפליגלט האָט זיך שטאָל-מאָטאָר,
מעטאַל האָט זיך אין הייך צעוויגט, —
מיין זון, מיט ברענענדיקע האָר,
אַ שיכור׳ער אויף גאַסן ליגט.

די ווענט צעהוידען זיך אויף דראָט,
פון אויטאָס אויגן שרייען הינט, —
מיין זון טרינקט אויס די גאַנצע שטאָט
און ליגט דאָ שיכור אויפן ווינט.

ער שטעלט זיך אויף, שטרעקט-אויס די קני,
רייסט-אויף דעם גוף, שפּרייט-אויס די הענט
און גיט אַ הייב זיך און אַ פלי
אַרויף צו ברענענדיקע ווענט.

אויף טורעמשפּיץ און פלאַם-געדריי,
אין רויך און פייער איינגעקנוילט,
פון אויבן הער איך זיין געשריי
וואָס קומט אַרונטער אויסגעהוילט.

ס׳איז נאַכט. ער פאַלט צו מיינע פיס
און רעדט אַזוינע פרעמדע רייד,
איך טראָג אַהיים מיין זון, מיין ריס
און וויג אים ביז די נאַכט פאַרגייט.

# קאַטשקעס-שיפן

ביידע האָבן מיר זיך גרימירט
און באַשפּרענקלט זיך די האָר מיט קרייד,
און אַ קינד אַ בלאָנדס ביי די הענט געפירט,
חידוש'ן זאָלן זיך קלוגע לייט.

מיינען זאָלן זיי, אז ס'איז אַ שפּיל, —
גרוי-בלאָנד-שוואַרץ אין איינס פאַרבינדט,
נאָר דאָס קינד אין אַ שאַלעכל פאַרהיל,
ווייל ס'איז שאַרף סעפּטעמבערדיקער ווינט.

ס'הענטל איז אין מיר אַזוי פאַרטרויט,
ווי אַ פליגעלע אין וואַרעמער נעסט.
רעדט זי רייד, פּשוט'ע אַזוי ווי ברויט:
„בלימעלעך, פּאַפּעלע, דו זעסט".

און דערנאָך צו דיר: „קוק, אַ ים"...
קאַטשקעס ווערן ביי איר שיפן און זי שרייט:
„קום אויף שיפן, ביידע, אַלע, מאַם...
לאָמיר פאָרן ווייט פונדאַנעט... ווייט"...

אויף די קאַטשקעס-שיפן — מיר, די דריי,
איך און דו, באַשפּרענקלטע מיט קרייד.
זי — אַ בלאָנדע וויטקייט אונדז דערביי —
צו דער וועלט מיט גלייבן שרייט.

# קאָרנבלימלעך

אדעלען

רייסט דאָס מיידעלע קאָרנבלימלעך,
בלויע ווי פאַרטאָגן,
און דער מאַמען מיטן טאַטן
ברענגט זי זיי צוטראָגן.

האָט דאָס מיידעלע בלויע אויגן, —
קאָרנבלימלעך אויגן, —
ברענגט דאָס מיידעלע קאָרנבלימלעך
אין די הענט און אויגן.

טאַטע ! מאַמע ! קאָרנבלימלעך !
זעט ווי בלוי זיי זענען !
און די אויגן־קאָרנבלימלעך,
ווי צוויי שטערן ברענען.

קאָרנבלימלעך? וואו א שטייגער?
דאָ, צי אין די אויגן?
שטייט דאָס מיידעלע פאַרוואונדערט,
בלאָנדער קאָפּ געבויגן.

דאָ ! איר זעט דאָך, קאָרנבלימלעך !
כ'האָב זיי אָנגעריסן.
איר זענט גרויסע, טאַטע־מאַמע !
זאָלט איר נאָך נישט וויסן?

ווייסן מיר, — נאָר קאָרנבלימלעך !
ווייסעך־וואָס זיי טויגן,
אַז אַליין האָסטו אַזוינע
קאָרנבלימלעך־אויגן

לאַכט שוין מיידעלע צופרידן,
איר געפעלט די מעשה:
אָבער מיינע קאָרנבלימלעך
קען מען דאָך נישט רייסן.

אויב נישט רייסן, איז כאָטש קושן
קאָרנבלימלעך־זונען,
און דאָס בלויקייט פון זיי שעפּן,
ווי פון טיפן ברונעם.

# זילבערנע מאַמע

זילבערנע מאַמע מיט גילדענעם קינד,
שויבן צום מזרח אין ווייסן פּאַרפֿרי,
זינגט אויף די פֿירהענגלעך פֿאַלדיק דער ווינט:
— וואו איז דער טאַטע? ער איז נישטאָ הי.

ער וועט נישט ברענגען קיין פּעסעלע ביר,
ווען פֿון דיביימער וועט שנייען מיט צוויט.
אויב ער וועט קומען, איז הינטער דער טיר
וועט ער זיך שטעלן מיט פֿיינלעך געמיט.

אויב ער וועט קומען, — אַ גרויער ווי שטיין
וועט ער אייך ברענגען די ליידיקע הענט:
נאָט אייך מיין גורל, איך האָב דאָך נישט מיין,
אונטערגעגאַנגען מיט גאָלד מיין אַקרענט.

כ'האָב נאָר געראַטעוועט בלעטלעך מיט טינט
ווערטער צו שרייבן און לאָזן אין פֿלי, —
זילבערנע מאַמע מיט גילדענעם קינד,
וואו איז דער טאַטע? ער איז נאָך דאָ הי.

אויף די שפּיצפֿינגער צום בעט צוגענענט,
זילבערנע מאַמע מיט גילדענעם קינד,
אייגענע מיינע, אַזוי ווי איר זענט,
ווען דער אַפּריל זיינע ברעגן צעצינדט.

# רעפּאָרטערן

# נייעס*)

אין מיינע פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט,
איך בין אַ נעץ פון דראָטן
אַ פולס פון טויזנט פולסן,
אַ סעיסמאָגראַף פון וועלט׳ס געלאַף.
אין מזרח־לאַנד גייט־אויף אין מיר די זון,
אין מערב־לאַנד פאַרגייט אין מיר די זון,
מאַראָקאָ שטורעמט מיינע פעסטונגען,
אַן אוראַגאַן מאַכט חרוב מיינע תבואה׳דיקע פעלדער,
אויף ברום סטריט פאַרגיי איך אין פלאַמען,
דער שוואַרצער האַדסאָן שלעפּט מיך צו זיין גרונט,
די וועלט צינד איך אין פייער פון מרידה,
מיט ברוסטן נאַקעטע, צעוואָונדיקטע,
מיט אויגן הונגעריקע, פויסטן פלאַמיקע
אויף זאַטע וועלטן גיי איך, —
אין מיינע פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט
און איך אין איר — אַ פינצטער משוגעת.

פּאַפּירן שטויביקע און פנים׳ער פאַררייכערטע,
מאַשינען — קלאַפּנדיקע הערצער,
דערוואָרגענע געדאַנקען אויף פּלייצעס פרעגנדיקע,
טייוואַלעמלעך אין אויגן מידיקע
און פינגער שפּרינגען ווי אויף דראָטלעך.
דער בלינדער מחבל אויבן
דערשלינגט די אותיות אין ברענענדיקן בויך
און שפּייט זיי אויס אין שורות, שורות.
דער מולך פון געפילן ווערט נישט זאַט,
ער וועט מיך אויך פאַרשלינגען
און אויסשפּייען אין שורות בלייענע.

---

*) צוליב דער גאַנצקייט פון דער סעריע „רעפּאָרטערן", דרוק איך דאָ איבער דאָס ליד פונעם בוך „רויטער פּאַדעמ".

די וועלט אין מיינע פינגער
און איך אין זודיקן בויך פון זעץ-מאַשין.
האָט אָפּגעשטעלט די וועלט זיך פלוצלונג
און מיינע פינגער בלייבן רוען
אויף קלאַפּערלעך פון שרייב-מאַשין,
צעוואָרפענע, פאַרגליווערטע.
דער קאָפּ זינקט בלייאיק אויפן דעסק,
די דראָטן-נעץ ווערט פליגלען שטעכיקע,
וואָס שפּרייטן זיך אויף מיר מיט בלינדער רואיקייט,
מיט קאַלטע, דריבנע שפּילקעלעך, —
און מולך אויבן רייסט אין זיך דעם בויך.
זיין צאָרן זעצט אַרויס מיט גרויען רויך,
דער הונגער קרעמפּט אים די געדערים,
פון זיינע אויגן קריכן רויטע ווערים —
און מיינע פינגער
אויף קלאַפּערלעך פון שרייב-מאַשין,
צעשפּרייטע און פאַרגליווערטע.

## אונדזער גורל

אַ מענטשן, וואָס זיין נאַכט איז אויסגעשפּילט,
איז קאַלט אין האַרבסטיקע פאַרטאָגן,
האָב איך זיך אינעם מאַנטל איינגעהילט
און זיך געשטעלט ביים קרייץ פון זיבן ראָגן.

וואו גאַסן שניידן זיך אין אייגענעם געביין,
צופוסנס פון דער שוואַנען-בריק מאַנהעטן,
האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר דער שאָטנדיקער מיין
פון נייעם-שרייבער — יידישע פּאָעטן.

אָ, יידיש וואָרט פון ד י ז ע שרייבער ז אָ ג ע נ אַ נ ט,
אַ ב ו ו אָ ה ל אַ יידיש י ו ז ע ן זייאַ פ ל ע י נ ע ם,
דיין ליכטיק פּנים האָבן זיי באַדעקט מיט שאַנד,
פאַרהאַנדלט דיך אין גאַס מיט זיך אינאיינעם.

צו נערן דיך מיט אונדזער אומעטיקער פרייד,
דערגראָבן מיר אין נייס פון טאָג דיין רויערד,
און אַז ס׳גייט־אויף געזאַנגיק דיינם אַ בייט, —
אַ לויב דעם גורל, וואָס האָט אונדז פאַרפויערט.

## רויבפייגל

מיר זענען די רויבפייגל פון דער צייט
און זענען אַליין די רויב,
די פריילעכע מיר די יונגלייט
וואָס גנב'ענען שיין פון שויב.

מיר האָבן אונדזערע פליגלען צעשפּרייט
צו נעמען שטאָט אויפן ווינט
און וואַלגערן זיך אין שטויב פון דער פרייד
ווי הונגעריקע הינט.

מיר צינדן אונטער דעם האָריזאָנט
און ווערן אַליין פאַרברענט,
דערפאַר וואָס די צייט האָט אויפגעמאָנט
איר חוב פון אונדזערע הענט.

מיר ציען אַרויס דעם טאָג פון זיין שייד
צו פאָכן מיט אים ווי מיט שווערד,
מיר אַקערן-אויף די נאַכט ווי אַ בייט
און ווערן פון אומרו פאַרצערט.

אָ, מיר רעפּאַרטערן צעברעכן דעם צאַם
וואָס יאָרן האָבן געשטעלט,
ווי שמשון'ס שאַקאַלן צעטראָגן מיר פלאַם
אויף פלאַקסענע פליינען פון וועלט.

אָ, מיר רעפּאַרטערן — ס'איז אונדזער פאַרמעג
די הייך און די טיף און די ווייט,
דאָס ברוזיקע מאָנען פון שטאָטישע טעג, —
די פריילעכע מיר די יונגעלייט.

## דזשימי פּלאָפּלט

לאָמיר די פּעדים פון מענטש־צו־מענטש קניפּן
און זיך פאַרפּלאָנטערן אַליין אין קנויל, —
איבער דרייסיק יאָר טראָג איך אויף מיינע ליפּן
פרעמד וואָרט, איז אייגנס הויל.

האָט איר אַמאָל געזען דעם כוואַליעס־גלאָק זיך וויגן?
האָט איר אַמאָל געהערט זיין לויטערע שטים?
ער איז אַ וועלט, ער איז אמת, ער איז ליגן,
ער איז איך און איך — בין דזשים.

דזשים האָט געוואָרפן ווערטער ווי קאָלירטע באַלן,
דזשים דער קונצנמאַכער, דער דזשאָנגלער,
פרייד פון ווערטער און ווייטיק פון ווערטער געמאָלן, —
זשאַווערט ביי דזשימען דאָס וואָרט, ווי קלינג פון שער.

איך האָב געשריבן טרויעריקע „סטאָרים",
מענטש דערהויבן צו דער הייך פון פּיין,
און געדאַכט האָט זיך: דאָס האַרץ מיינס קלאָר איז
און וועט אייביק לויטער זיין.

ווידער האָב איך דעם מענטש דערנידערט
און זיך אונטער דער הויט געשעמט,
איך האָב געפילט, ווי מיינע לייבלעכע ברידער
האָב איך אויסגעטאָן אין הוילן העמד.

איך האָב געהאַלטן אין מיינע הענט קנוילן,
ווי די קאַץ אויפן זוניקן דיל,
אָבער פאַר מיר איז געווען פאַרהוילן
אַז איך פאַרפּלאָנטער מיין געפיל.

איצטער קוק איך אוים ווי אַן אַלט אַקטיאָרל,
וואָס האָט אויסגעטאָן דעם גרים,
עפּעס איז געווען אַ חלומל, אַ וואָרל
און געבליבן איז — אַ דזשים.

איצטער וואָלט איך נאָכגעיאָגט מיינע ווערטער,
ווי נאָך ווייסע טויבן אויף דער לאַן,
כ'וואָלט זיי געהיט ווי אַ געטרייער גערטנער
היט דעם שפּראָץ פון אַ טולפּאַן.

אָבער פאַר מיר איז קלאָר, אַז איצט אפילו
בין איך קונצנמאַכער און זשאָנגלער,
אמת, די קונצן אַנדערע, שטילע,
אָבער נישט מער ווי קונצן, —
יעם סער.

# גאָווערנאָר אין ביווידים

דער גאָווערנאָר אין ביווידים,
שאַמפּאַניער פּלעשער אויסגעלערט, —
אַ זעט, ער האָט דאָך קרומע פּיס
און אויף די ליטקעס וואַקסט אים בערד.

דאָס בייכל ווי אַ רינשטאָק־רער,
דאָס פּנים גליטשיק ווי אַ רעלס,
די ליפּן ראָסטן ווי אַ שער,
דאָס קעפּל שאָקלט זיך אַ געלס.

דעם גאָווערנאָר איז איצטער גוט,
שאַמפּאַניער שטייט נאָך אויפן אייז,
איז טאַנצט ער אונטער ווי אַ שוט:
„נו באָיס, איר ווילט אַוודאַי נייס".

נאָר ס'שוויי‌גן איינגעשפּאַרט די „באָיס",
דאָס וואָרט אויף ליפּן איז פאַרשעמט,
זיי דאַכט זיך: ווי אַ רויטע טויז
קוקט אוים דער גאָווערנאָר אין העמד.

דער גאָווערנאָר בלייבט שטיל אַליין
און שאָקלט זיך איבער אַ פּלאַש
ווי אַ צעריסענער רעפרעין
פון דזשאַז אין נאַכטיקן מיראַזש.

שאַמפּאַניער אין די פּלעשער זידט,
ביי פּיס אַ הונט צעשויבערט ליגט,
און מיט אַן אויסגעהוילט געמיט
האָט זיך דער גאָווערנאָר צעוויגט.

אַרום — דער שווייגנדיקער קרייז
האָט אים אין צוואַנגען איינגעקלעמט, —
„אַ באָיס, איר ווילט אוודאי נייס,
איז וואָס־זשע זיצט איר דאָ פאַרשעמט?"

דער זייגער שלאָגט ווי שווערע טריט
און בייגט צום טיש אַראָפּ די קעפּ,
דער גאָווערנאָר האָט זיין געמיט
פון פוסטן הארץ ארויסגעשלעפּט.

די „באָים" צערייסן דאָס פּאַפּיר,
די בלייערס האַלטן זיי פאַרשניצט
און ס'דאַכט זיך ביי דער שטומער טיר
אַ פרעמדער איינגעהויקערט זיצט.

ער וואַרגט דעם האַלדז זיך מיט אַ שטריק
און שטעקט אַרויס אַ בלויע צונג.
דער גאָווערנאָר גיט זיך אַ וויג
און זעט אַז ס'איז דער פרעמדער — יונג.

דער פרעמדער, ווי דער זייגער, שלאָגט
די צייט מיט איינגעוויגטן וואָרף,
ס'איז נאָך ביינאַכט און שוין געטאָגט
מיט שיין וואָס איז ווי מעסערס שאַרף.

דער גאָווערנאָר טוט זיך אַ ריס
און בלייבט פאַרגליווערט ווי אַ שטיין,
נאָר ס'צאַפּלען-אויף די ביוווידיס
און הייבן אָן אַליין צו גיין.

די באָים צערוקן שטול און באַנק
און גייען נאָך די ביוווידיס, —
אַרום דעם גאָווערנאָר די צוואַנג
איז איצטער ענגער ווי זי איז.

און אַז זיי קומען צו דער טיר,
הייבט זיך דער פרעמדער אויף פאַר זיי,
ער גיט די ביוווידיס אַ ריר
און זאָגט: „אָט נעם דעם שטריק און גיי".

און אַלע גייען זיי אַרויס,
דער פֿרעמדער פֿירט זיי מיטן שטריק,
מיט בלייערס שפּיציקע די „באָיס",
די ביוּוידים מיט בייזן וויג.

דער זייגער שלאָגט זיי נאָך די צייט
און ס'טראָגט זיי נאָך אַ וואָרט דער ווינט, —
די נאַכט צום שוואַרצן הימל שרייט
און בלינדע בייזע שטערן צינדט.

# בלעטלעך

רעפּאָרטער:
איצטער רוט זי קעניגלעך אויף שמאַטעס,
פון דער שלייף — אַ שנירל רויטע צירונג,
וויפל רואיקייט און שטילער פּאַטאָס,
וויפל בלייכע קינדישע פאַרווירונג.

ס'איז נישטאָ קיין ביסל ליכט אין קעלער,
ווייל די פענצטער זענען קליינע, שיפע,
אָבער מיט איר טויט איז דאָרט געוואָרן העלער,
שיינען אויף די ווענט שימל־היעראָגליפן.

אָ, זי איז געווען אַ יונגע און אַ בלאָנדע
(כ'האָב איר בילד געפונען אין אַלבאָמען),
ווי אַ סלאַווישער באַגריף פון דזשיאָקאָנדע,
נאָר ביז איצטער ווייס איך נישט איר נאָמען.

רעדאַקטער:
ס'רויטע שנירל, הערסט, איז וויכטיק,
שרייב אַריין: „דאָס בלוט פאַרקילט".
און באַשרייב דאָס פּנים ריכטיק
מיט אַ צולאָג צו איר בילד.

מאַך דעם קאָפּ אַ פּעטן טאָפּל קאָלום:
„מיידל טויט — זעלבסטמאָרד, צי אַ מאָרד?"
אונטערקעפּל: „ליגט ווי אין אַ חלום,
אויף די ליפּן שוועבט דאָס לעצטע וואָרט".

רעפּאָרטער:
ס'לעצטע וואָרט, — מיט דעם איז פול דער קעלער
(אין ניו יאָרק און איך בין נאָך אַלטמאָדיש),
זי האָט עס געבראַכט אַהער פון בעלער
און געווען איז עס אוודאי ריין, מעלאָדיש.

ב׳האָב געקוקט אויף אירע דינע שטריכן
ווי געוועבט פון טייער זיידנס,
אַ געמיש פון בייז־און־גוטע איכ׳ן,
נאָר דער עיקר — ליידן, ליידן.

ווי ביים אייגן בעט פון מיין געליבטער
בין איך לעבן איר געשטאַנען
און געוועזן צו איר אַזאַ פאַרקניפּטער,
אַ, פאַרוואָס, פאַרוועז, פונוואַנען?

ב אַ י:
ס׳איז שוין שפּעטלעך,
בלעטלעך, בלעטלעך.

ר ע ד אַ ק ט ע ר:
ס׳איז דער זייגער באַלד שוין זיבן,
ווייניק צייט איז דיר פאַרבליבן,
האָסט נאָך גאָרנישט אָנגעשריבן.

ר ע פּ אָ ר ט ע ר:
אַ, געוועזן איז זי אין שטאַרבן געטלעך.

ב אַ י:
בלעטלעך, בלעטלעך.

# מיטן בלוט וואָס ברויזט

טריט, —
הונדערט טויזנטער אין גאַנג.
בריט, —
הונדערט טויזנטערס געזאַנג.
נישט הכנעה און געבעט,
אונזער מאָנונג איצטער רעדט.

ווערט, —
פאָנען טויזנטער אין ווינט.
גייט, —
וועלט מיט אייער וויטיק צינדט.
פלאַם אין רייען אויסגעשמידט,
קלאַפּט אַ וואָרענונג אין די טריט.

שרייט, —
אונדזער טענה צו דער ערד.
שניידט, —
אונדזער צאָרן ווי אַ שווערד.
קעגן האַס און רויב און מאָרד
אָנגעצונדן אונדזער וואָרט.

טראָגט, —
אייער וואונד און צער אַנטבלויזט.
שלאָגט, —
מיטן בלוט אין אייך וואָס ברויזט.
מיט דער פּיין, ווי ברידער, שפּאַנט,
בלוט און וויי איז נישט קיין שאַנד.

היינט, —
ברענען איינגעצאַמטע טריט.
פּיינט, —
לעבערט אונדזער בייסיק ליד.
אונדזער שטאָלץ און אונזער פּיין
היינט פאַר אונדז — אַ זייל פון שיין.

# ווי אַ גוי אויפֿן יאַריד

כ׳האָב פֿאַרטאַכלעוועט מיין גאַנץ פֿאַרמעג:
ווערטער, קלאַנגען און מיין ליד,
און אויף וואָס? — האָב איך זיך אַלץ געפּרעגט
ווי אַ גוי אויפֿן יאַריד.

אַלדאָס גוטס האָב איך מיט זיך געבראַכט:
ס׳דאָרפֿיש־זינגענדיק געמיט,
זיך איך אינעם שאָטן פֿון פֿאַרנאַכט
ווי אַ גוי אויפֿן יאַריד.

פֿינגערוט האָב איך געשפּילט,
קאָרטן דריי און וואָס דען ניט?
איצטער האָט מיך גוטע נאַכט פֿאַרהילט
ווי אַ גוי אויפֿן יאַריד.

ליידיק איז דער וואָגן, האַרץ איז פּוסט,
ליידיק איז דער קלאַנג פֿון טריט, —
נו, האָב איך דאָס לעבן מיינס פֿאַר׳שטות׳ט
ווי אַ גוי אויפֿן יאַריד.

כ׳בין נישט בייז, אַזוי איז מיר באַשערט,
כ׳בין צעטומלט נאָר און מיד,
צי איך אויס מיין גוף אויף האַרטער ערד
ווי אַ גוי אויפֿן יאַריד.

# אָנגעצונדענער פּאַקל

איך — אַן אָנגעצונדענער פּאַקל אין אַ הונגעריקער נאַכט.
הענט, — הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען דאַרע הענט, —
טראָגן מיך, הייבן מיך, שווינגען מיך פון דאַך צו דאַך,
צינדן פלאַמען, איך אַליין זאָל ווערן דאָ פאַרלענדט.

העכער הענט !

צויטן. קנויטן. בינדט. צעצינדט אין ווינט.

וואַרפט מיך איבער שטעט, איבער דערפער, איבער גיטער,
שליידערט מיך אַרום דעם קיילעך פון דער ערד,
ס'לייב מיינס פיבערט און דאָס האַרץ מיינס ציטערט
פון דער פרייד, צו ווערן אין אייער פלאַם פאַרצערט.

ס'הונגערט היינט די נאַכט. אויגן צאַנקען.
אויסגעלאָשן איז דער הימל. די ערד איז בלינד.
ס'בליצן נאָך, ווי שאַרפן, מטורפ'ע געדאַנקען.
בלוט אין רינשטאָקן, ווי אין מענטשנס גופים, רינט.

נעמט מיך הענט !
פלאַמט. סמ'ט. רויכט. לויבט.

איך בין דער טרוקענער מדבר-דאָרן
אויפצוהעלישן אין אייך דעם צאָרן.

און פאַרפרי, ווען אייערע פיינען
וועלן אויסגעברענטע שיינען,
וועל איך וואַרעמען מיין מיד געמיט
און אין שטילקייט וועל איך זינגען:
סע פריט,
סע בליט.

זייט געלויבט ! דאָס פאָלק עסט ברויט, טרינקט ווייַנען.

# די שטילע וועלט

# אומעטיקע שניטער

מיר, די אומעטיקע שניטער,
שניידן אַפּ די לעצטע גאַרבן.
ווער וועט זייען אונדזערע גיטער?
ווער וועט אונדזער אומעט אַרבן?

קאָסעס בלענדן, שניידיק, פריידיק
איבער בייטן בלאָנד-געקרויזטע,
פּאַסן זאָלן בלייבן ליידיק,
שטעכיקע צום ווינט אַנטבלויזטע.

פון פאַרפרי ביז נאַכט געשניטן,
אויפגעשטעלט אַ שורה סטויגן.
זע דעם ערשטן, צווייטן, דריטן, —
וויפל צער אין זיינע אויגן.

נאַכט. אויף סטויגן ליגן שניטער.
שטילקייט אָטעמט. שווייגן שומעט.
זאָג מיר, ערשטער, צווייטער, דריטער:
ווער וועט ירש'ענען דיין אומעט?

# אומעט שפּרייטן

צעקאַרבט איז די ערד. אין קאַרבן רינגען
די בלויע טייכלעך פון באַגינען.
אויף שטעכערס הענגען אונדזערע געמיטער, —
די שניטער מיר און מיר די היטער.

אַ מחנה ראָבן איז אָנגעפלויגן
ביינאַכט אויף אונדזערע צעשפּרייטע סטויגן,
צעפּיקט די קערנער, צעפליקט די גאַרבן
און אונדז געלאָזט אַ פעלד מיט קאַרבן.

די סטויגן איצט, ווי איבערגעקערטע בעכערס,
צעוואָרפן קערנער אויף די בייזע שטעכערס.
דעם גורל, שניטער, וועט איר נישט פאַרמיידן,
דער טאָג גייט-אויף, מיר דאַרפן ווייטער שניידן.

מיר דאַרפן ווייטער אונדזער אומעט שפּרייטן
מיט שאַרפע קאָסעס אויף געקרויזטע בייטן.

## פעלדער ברענען

פעלדער ברענען. שטויביק שטייען ברויטן.
אויסגעהוילטע זאנגען וויגן זיך פארצערט.
ווייץ האט מען פארזייט און אויסגעוואקסן קנויטן
אנצוצינדן אונדזער אומעטיקע ערד.

אונדזערע פארנאכטן פלאקערן ווי שייטערס.
אונדזערע בייננאכטן זענען מיד און געל.
ס'קומען די בהמות מיט צעקנייטשטע אייטערס
אויסצומרוקען פיין אויף אונדזער הונגער-שוועל.

פייגל פיקן אוים די קערנדלעך פון קארן,
אבער אין די נעסטן ברענגען זיי נאר שטויב.
זענען זייערע שנאבלען שטעכיקער געווארן
און די פליגלען פאטשן, הונגעריק נאך רויב.

ס'האט די זון ארומגענומען אונדז מיט רייפן
און אין אירע פלאמען האט זי אונדז פארקלעמט.
הענגען אונדזערע טעג דערוואָרגענע אויף שלייפן,
וויגן זיך אונדזערע נעכט דערשטיקט אין הוילן העמד.

# נאָך נישט געזונגען

מע ברענט שוין אויף די פעלדער געלע בלעטער,
געוויין פוןביימער טאַנצט אין פייער,
אין פרייד פאַרגייט ארום דער שטח,
אין אונטערגאַנג איז ער פאַרטייעט, —
ווי וועסטו היינט דעם הונגער זעטן
צו מאַנען מענטש און מענטש צו שרייען?

דאָס פייער ציטערט פריילעך מיט דיין טרויער
און עסט אים אויף — דערנאָך צו צאַנקען.
אין פינצטערניש ווערט גרעסער דער נסיון
צו ברענען אייגענע געדאַנקען,
צו גראָבן זיך אַליין אין רויערד
און וואַרפן רודעם ז י ך צו מענטשן קראַנקע.

פון וואַקסן מיד די ערד און דו — נאָך מידער,
און דו האָסט נישט געוואָקסן שפּע,
אין בלעטער־פייער טאַנצט דיין ווידוי
נאָך איידער האָסט דיין האַרץ געעפנט, —
אָ, טרויער מיינער, מענטש מיין הונגער,
דו וועסט פאַרברענט נאָך נישט געזונגען.

## מענטש—ריס

מענטש איז איינער, מענטש איז אַלע,
מענטש איז קוואַל פון אַלע קוואַלן,
מענטש בין איך און איך בין — ריס.
בין איך פריידיק און פאַרטרויערט,
בין איך גרויסשטאָט, בין איך רויערד,
בין איך אַלצדינג וואָס סע איז.

פיל זיך אָן, מיין וואָרט, ווי טרויבן,
און דערנאָך אין אַלע שטויבן
גים אין רינעלעך דיין טרונק.
איך אַליין, מיט הייסן גומען,
וועל צו דיינע רינעס קומען
צוצופאַלן נאָך אַ שלונג.

# זון אויף שויבן

ביַיטאָג. די זון אויף שויבן רינט.
אויף ביַימער דראַפּען זיך נאָך פרעסט.
און זון מיט קעלט אַ וואָרט פאַרבינדט:
געשיקט, ווי פייגל אויפן ווינט,
געזאַנגען אָן אַ נעסט.

ס'איז דאָ אין טאָג אַזאַ געוועב
פון שיַין מיט אָפּשיַין, פרייד מיט שרעק,
אַרונטער, מיט דער זון אויף טרעפּ,
גייט מענטש, וואָס האָט אין רים פאַרלעבט
צעבליטע זיַינע טעג.

טרינקסט־אויס דעם טאָג ווי אַ געטראַנק
און בליַיבסט פאַרנאַכט, ווי ער, פאַרצערט,
נאָר איין געדאַנק אין דיר נאָך צאַנקט:
געזייט, ווי קערנער, הפקר, פראַנק
געזאַנגען אָן אַ ערד.

## צוויי שעה צופוס

צוויי שעה צופוס איז מיטן זומער־טראַקט
פון בעלץ צו דער קאָלאָניע קאַפּרעשט,
די זון פאַר דיר אויף כוואַליעס ברויטן וואַקסט,
צינדט־אָן אַ דערפל דעכער און פאַרלעשט,
די ערד, ווי האַרעפּאַשנע הענט צעהאַקט,
מיט קאַרבן זינגט, מיט רויטן שטויב ווי מעש.

אויף יענעם טראַקט גייט איצטער נאָך אַ יונג
דעם ערשטן גאַנג צו מענטש, צו שטוב, צו דאַך
און דאָרשטיק נאָך אַ וואָרט, ווי נאָך אַ טרונק,
דערשוויַיגט ער זיַינע רייד ביז צו דער נאַכט,
ביז ס'לעשט זיך אויס אין גאָלד דער לעצטער פונק
און ס'צינדט זיך אָן מיט שטערנשטויב דער שליאַך.

די ביימער האָבן זיך מיט שניי צעבליט,
דער ווינט אויף פּאַסן ליכט די נאַכט צעשניידט, —
איך הער אויף זומער־טראַקט די יונגע טריט,
נאָר ווינט און ציַיט דאָס ווידערקול פאַרשרייַט:
דעם גאַנג צוויי שעה צופוס גייט נאָר אין ליד
אַ מענטש, וואָס זיַינע שלייפן שפּרענקלען קרייד.

# אויבסן אַ קאָרב

ווען מיין געביין וויל צו מענטש אַ געשריי־טאָן,
זיך צו באַהעפטן מיט אים אין זיין גאַנג,
אָקער איך אויף מיינע ווערטער ווי בייטן,
אויפגיין פאַר אים זאָל מיין וואָרט אין געזאַנג.

זאַנגען־געזאַנגען, גאָלדיק צעקרויזטע,
ערדיקע רייד, מיט אַ סווישטש אין דער רייש,
סטעפּעס אויף מיילן, צו דער זון אָנטבלויזטע,
בראָטן זיך זומער ווי שאָפן פליישׂ.

אמת'ער ווײַן איז ביטער און זויער,
אויבסטיקער בוים האָט אַ וואונד און אַ האָרב, —
וואָרט — מיין ברויט, מיין וויין, מיין טרויער,
איך טראָג דיך מיט פרייד, ווי אויבסן אַ קאָרב.

## בלעטער־רייד

צווישן די שיטערע, נאַקעטעביימער
זיפט זיך שיין פון צעוואָרפענע שטיבלעך,
דער פאַרנאַכטיקער אומעט פון היימען
ווערט אויף שטויבעלעך ליכט דאָ צעדריבלט.

הערסט די קאָרעס אין וואַקסן זיך שפּאַלטן,
אין די הענט פּילסטו בלוט זייערס רינען,
דו אַליין ווערסט צעצווייגט אויף געשטאַלטן,
דיין געשטאַלט אין דער נאַכט צו געפינען.

ווערן וועגן פאַרשאָטנטער, ענגער,
נאָר אַרום דיר צעוואַקסט זיך דער שטח,
ווילסט אויף נאַקעטע צווייגן צעהענגען
דיינע רייד — דיינע בליאיקע בלעטער.

הענגען רייד, און די נאַכט הייבט־אָן בליען
מיט אַ ווינט אין צעמורמלטע בלעטער,
הערסט אין גאַנג פון צעוואַקסענעם פרי־יאָר
דיינע רייד, — ביז אַצינד נישט גערעדטע.

אינעם ווידערקול הערסטו די שטרעקעס
וואו דיין וואָרט איז געפאַלן ווי זריע,
וואו די בלעטער, צעקלונגען ווי גלעקער,
מיט דיין האַרץ, מיט דיין לויטערקייט בליען.

## ווינט אין אָקטאָבער

דער ווינט צערייסט די וואָלקנס אויף קנויטן,
ס'איז וואָרעם ווי אַ נעסט דיין קוק.
האָסט אויסגעלעבט אַזויפיל טויטן,
אַז דו האָסט דעם טויט פאַרצוקט.

דו רעדסט און ס'איז אָפן דיין פּנים
מיט קלוגשאַפט, ווי פרי־האַרבסטיק גאָלד,
ווייל אַלץ, וואָס געווען איז צו מאָנען,
איז אויפגעמאָנט, איז שוין באַצאָלט.

דיין וואָרט, ווי דער ווינט אין אָקטאָבער,
מיט פרילינג און זומער איז זאַט,
מיט זייען, מיט שניט און מיט גראָבן,
מיט בוים, מיט געפאַלענעם בלאַט.

געקאַרבט איז די צייט אין דיינע ביינער,
ווי ליכטרינגען אין מערב־פאַרגאַנג, —
האָסט אויסגעוויינט אַזויפיל געוויינען,
אַז איצט איז געווען דיינס — געזאַנג.

# צעשויבערטע טראַלדן

די נאַכט קומט אָן מיט צעשויבערטע זילבערנע טראַלדן,
די רויטלעבע בערג נעמט אַרום אַ טונקעלער ראַנד.
איין בוים נאָר ביים פענצטער איז קופערדיק-גאָלדן,
איין מענטש נאָר צום פענצטער מיט ציטערדיק וואַרטן שפּאַנט.

צום פענצטער דער גאַנג איז עטלעכע שפּאַן נאָר געציילטע,
זיין ציטער איז אָבער אויף מיילן און מיילן די ווייט.
ער גייט דורך ווענט, צעבויגענע און אָפּגעשיילטע,
ווי גאַנג דורך היילן, וואו לעבן הונגערט און שרייט.

ער פילט אויף זיין לייב ווי שטעכיקע אויגן קוקן,
ווי פייער צעשפּריצט אויף זיין הויט דעם הונגער.
אויף עטלעכע שפּאַן וועט דאָס לעבן אים פאַרצוקן,
און ער דאַרף נאָך קומען צום פענצטער אַ יונגער.

ער ווייסט אַז צום פענצטער דער גאַנג איז נאָר רגע'ס,
און גייט אים אויף שעה'ען, אויף גאַנצע טעג.
אויף בלוטיקע רייד און אויף בייזע געשלעגן,
ער גייט ביז צום אָפּגרונט, ביז צום פינצטערן דעק.

אַליין ער דערפילט אין זיך בלוט פון אַ רויבער,
דעם ציטער פון טויט אין זיינע אייגענע הענט, —
און זילבערנע טראָלדן זענען איצט מער נאָך צעשויבערט,
און אָפּגעשיילטער נאָך די צעהויקערטע ווענט.

דאָס רויבערשע בלוט הייבט אָן וויינען און מאָנען
דער מענטש זאָל פארגיסן מיט מאָרד זיינע שפאָן,
נאָר בלייך, ווי זיין מאַמע, גייט אויף די לבנה
און אויסגעשטרעקט איז דער וועג, ווי דער האַלדז ביי אַ שוואָן.

צום פענצטער דער גאַנג איז עטלעכע רגע׳ס, —
אַ לעבן גייט דורך דער מענטש אויפן גאַנג,
די פינצטערע שויבן־חית — דער סוף פונעם וועג איז,
פון יענער זייט וויגט זיך דער טויט אויף אַ שטאַנג.

ס׳איז נאַכט שוין. מיט וועלפישע אויגן צעשטאָכן,
פארפייניקט דער גוף, דאָס האַרץ פארקנוילט, —
דער מענטש איז צום פענצטער שוין דערקראָכן
און צוגעפאַלן צו שויבן, בלינד און אויסגעהוילט.

## אין דער קילקייט פון טאָג

אין דער קילקייט פון טאָג ווערט וואָרעמער דער עלנט,
ווערן פּאַסיקלעך שיין אויף שטאַמען דינער.
זעסט ווי ביימער אין אייגענעם אומעט פאַרגעלן,
הערסט דעם אָפּקלאַנג פון וועלט ווי אַ וואַסערל רינען,
אין דער קילקייט פון טאָג וואָרט אויף ביימער בליט
ווי אויף אהרנ׳ס שטעקן דער שנייאיקער צוויט.

וואָרט איז דיינס, ווי ס׳איז דיינער דער גילדענער עלנט,
טראָגסט אַנטקעגן דעם נאַקעטן בליעכץ זיי ביידע.
שאָטנס ווערן פאַרפרעמדט, ווי די אייגענע שוועלן,
זעסט אויף קוסטעם דערברענען דיין שיין — דיין עקדה,
זעסט ווי פונקען פון צווייגן רייסט דער היימישער ווינט, —
און דער אָפּקלאַנג פון דיר ווי אַ וואַסערל רינט.

## פויערישע פלייצעם

הויך בין איך, מיט פויערישע פלייצעם,
מיט דער וואַרעמקייט פון ברויט און זומערס ענד,
כ'האָב נאָך זון מיין ווינטער צו באַהייצן,
כ'האָב נאָך ליכטיקייט פאַר אייגענע פיר ווענט.

ס'איז דער בוים צעפייניקט מיט געשווירן
איידער צווייגן רייסן־אויף זיין הויט,
אָבער מיט די נאַקעטע קאָלירן
צינדט ער זיך אין זון, צו ברענען ווי אַ קנויט.

ערד צעשניטן אויפצונעמען זריעה,
און געזאַנג גייט אויף פון פּאַס און שניט, —
ס'איז אַ פּיין צו וואַקסן און צו בליען,
ס'איז אַ פרייד אויפצוגיין אין ליד.

# טריט

זענען טריט אויף די נאַכטיקע גאַסן געפאַלן
ווי די טראָפּנס פון זומערגעזאַנג,
אַזאַ פרייד אין די זוילן פון לייכטע סאַנדאַלן,
אַזאַ ליכט אין אַ נאַכטיקן גאַנג.

האָט מיין לאָמפּ זיך צעשטראַלט מיט פרימאָרגן־קאַלירן,
האָבן ווערטער פאַר מיר זיך געדרייט,
האָט געשיינט אויפן רויכיקן שטויב פון פּאַפּירן
אַרעאַלן פון ליכטיקע רייד.

# בראָדוועי

נישט מיין האַנט האָט אָנגעצונדן וואונדער אויף בראָדוועי,
נאָר מיין האַרץ מיט זייער ציטערשיין איז אָנגעלאָגלט,
ב׳בייג מיט פרייד און שרעק דעם קאָפּ ווען ס׳פּויקט דאָס
ליכטגעשריי,
ווי דאָס ברויט ווען ס׳קומט אויף דעם אַ זומערדיקער האָגל.

איבער מיר די שיינען פון דער נאַכטיקער בראָדוועי
ווי אַ מחנה פייגל מיט צעפלאַמטע זוימען פליגל,
ברענט אויף יעדן ראָג מיין האַרץ אין פייערדיק געדריי,
איז געצירקלט פאַר מיין טראָט אַ כישופ׳דיקער עיגול.

כ׳האָב פאַרברענט דאָס האַרץ און אויפן ווינט דאָס אַש
צעשפּרייט,
פלאַטערט שטיקערוויים מיין נאַכט אויף די בראָדוועיער הייכן.
אין דער נידער איך, מיט האַרץ אין מורא וואָס פאַרגייט,
קען דאָס אייגנס, קען דאָס לויבטנדיקע נישט דערגרייכן.

## בלווישיין

צעווישן דיביימער אין פארק קראטאנא
צעגאסן ווי טייכלעך דער בלווישיין,
אויף צווייגן צעהאנגען די קאלטע לבנה,
אויף פאלעם פון ווינטיקן רוישן.

אויף בענק ליגן נעכטנס צונויפגעדרייט, בלווילעך,
מיט טרעמפישן בלוט אין די גופ'ן,
און קוקן אויף מיר אזוי היימיש פארטרווילעך
און מיך ווי אן אייגענעם רופן.

צי מיינע, צי פרעמדע, נאר איך בין דא אייגן
מיט נעכטנס וואס בלווילעך פארגייען,
מיט זיי אויף פארטאגיקע בענק זיך צו לייגן
און אינעם פארגייען זיך פרייען.

# פריטאָג

מיין ליד איז צעבראָכן אויף אַזויפיל ברוכן, —
און דאָס דערציייל איך מיט פריטאָגיקער פרייד,
ווייל היינט וועל איך דאָס גאַנצקייט פון מיין וואָרט זוכן
און אויפאַקערן אויפסניי מיין ליד, ווי אַ בייט.

די גאָלדענע דאַמע אַקעגן אויפן גאַניק
האָט אָנגעטאָן די זון אויף זיך און אויף איר קינד,
און מיר דאַכט זיך, אַז מיין עלנט וואָרט פון דאַנעט
וועט היינט אינדערפרי זיך טאָן אַ צעצינד.

ס'איז דאָ אַזויפיל פרעמדקייט אין אירע דינע פּאַלבן,
אַזויפיל אייגנקייט אין בייג פון אירע קני,
נאָר נענטער איז דאָס קינד, מיט הענט ווי שוואַלבן,
וואָס ווילן זיך צעלאָזן אינעם פלי.

אויף אייך, פריטאָגיקע, אויף שוואַלבן־קינד און מאַמע,
האָט היינט אַ מענטש זיך ווי אַ בוים צעבליט,
כ'האָב נעכטן נאָך געוואָלט רייד פאַרשטעלטע שטאַמלען,
געבענטשט זיי איצט, מיין אויפגעפּראַלט געמיט.

# ווערטער-הינדעלעך

ווערטער האָב איך ווי די הינדלעך אויסגעבריט
און געלאָזט זיי אויף דער וועלט מיט ווייכן פוך,
פליגלען וואַרעמע, ווי מיין צעהעלט געמיט,
האָבן אויף דער נאַכט אַ דאַך געזוכט.

ווייסע הינדלעך, אין בלוילעכן פּאַרפּרי,
נעמען זיך צונויף, מיט פליגעלעך צעשפּרייט,
אַז די זון וועט אויפגיין, — טאָן צו איר אַ פלי
צו דערציילן איר פון זייער שטילער פרייד.

מיטנטאָג. אַ לויטערקייט, ווי רעגן גיסט.
ס'כוואַליעט זיך דער ווינט אויף ברויטן, ווי אַ שפּריי.
ווייסע הינדלעך, אין בלוילעכן פּאַרפּרי,
וואַרעמען די שנאָבלען אין געשמאַקן היי.

אויסגעפּיקט אַ קערנדל, — דערנער מיך, וואָרט,
זעטיק מיר דעם טאָג מיט קלייענברויט און שיין,
ווייל איך האָב דיך אין דיין פּראָסטקייט אויפבאַוואָרט
און געלאָזט דיך יערן אין מיין האַרץ, ווי ווייַן.

# שייער אויף וויסטן פעלד

אַרויסשרייען פון זיך די אויסגעשוויגענע יאָרן,
דאָס אייגענע געשריי, דעם צוגעדישעטן פלאַם,
אַ מענטש, וואָס האָט אין זיך דערשטיקט דעם צאָרן,
גייט אויף דער וועלט אַרום אַ נעבעכל, אַ תם.

אַליין דערהערן זיך אַליין.
דער הונגער פונעם וואָלף אויף שנייאיקע פעלדער,
דאָס ביטערע געוויין פון דאָרשט נאָך בלוט,
וואָס ברילט דער לייב אין שטומען וואַלד,
דאָס יאָמערן פון ווינט אויף חורבות,
וואָס ער האָט אין זיין צאָרן אָנגע'חרוב'ט.

געפאַלן זענען פייגל מיט ווינטיקע פליגלען,
מיט שטויביקע פליגלען פון וועגן,
דער ווינט האָט געלע בלעטער געשמיסן צו טירן,
אויף נאַקעטע צווייגן דעם צער פון וועלטן אויסגעפייפט, —
אויף וויסטן פעלד שטייט אַ פולער שייער,
זיין האָב-און-גוטס ווער וועט קומען נעמען?
דער ווינט האָט שוין אָפּגעריסן די טירן.

# דער ווייסער לאַם

די זון אויף די הערנער האָט גענומען דער ווייסער לאַם
צו ברענגען דעם פּאַסטעך זיינעם אַ געשאַנק,
איז אָבער דער פּאַסטעך געווען אַ בלאָנדער תּם
און אויף זון דער האָט ער געמיינט, אַז ס'איז בלעך וואָס בלאַנקט.

דער לאַם איז געשטאַנען מיט פאַרכט און מיט פרייד,
מיט אויסגעוואַשענער וואָל און הערנער פאַרפלאַמט,
ביים פאַסטעכס פיס האָט די זון צעגראָבן אַ בייט
און האָט אים מיט ליכטיקייט ארומגעצאַמט.

און אויפגעהויבן האָט דער לאַם זיין צעבראָכן קול,
ווי ס'וואָלט זיך שטיקערווייס געקייקלט אויף דער ערד,
געקנוילט האָט זיך אין פרייד אין ווייסע פאַסמעס וואָל,
נאָר וואָס ער האָט געזאָגט, האָט דער פאַסטעך נישט געהערט.

פאַרקערט, דער פאַסטעך האָט געוואָלט אַרויס פון צאַם,
ווייל ס'האָט זיך זיין סטאַדע איבער די בערג צעשפּרייט,
ער האָט אפילו דעם שטעקן געוואָרפן דעם ווייסן לאַם,
נאָר ליכטיק און שטעכיק איז געווען די זוניקע בייט.

און אַז דער פאַסטעך האָט נאָענט צום ראַנד צוגעשפּאַנט,
האָט ווידער דער לאַם צעבראָכן זיין קול אויף שטיק,
געמיינט האָט ער זאָגן:
— איך גיב דיר אַ זון אין דער האַנט
און דו ווילסט זי מיר וואַרפן, ווי אַ בלעכענעם טעלער, צוריק.

און אויפגעהויבן האָט דער פאַסטעך זיין קול און געזאָגט:
— וואָס טויג מיר דאָס פייער, וואָס וואַלגערט זיך ביי מיינע פיס?
איך האָב אַמאָל אַ זון אין דער הייך פאַרמאָגט,
און איצטער ווייס איך איינס: אַז שאָפן פלייש איז זיס.

ווען כ׳וואָלט פון דיין זון מאַכן אַ טעלער געקענט,
און בראָטן אויף אים אַזאַ נאַרישן לאַם, ווי דו ביסט,
וואָלט איך זי גענומען אין מיינע האַריקע הענט,
אַז ס׳זאָל דיין טרחה נישט זיין אומזיסט.

דער ווייסער לאַם האָט גענומען די זון אויף די הערנער צוריק
און איז מיט איר אַנטלאָפן אויף די בערג צו די שאָף,
ער האָט פון איר אויסגעפלאָכטן אַ דרייענדיקן שטריק,
וואָס זאָל די וועלט אַרומנעמען פונעם אָנהייב ביזן סוף.

און אָנגעבונדן האָט ער דעם שטריק ביי די עקן וועלט,
אַז גיין זאָל ער איבער אים ביזן סוף פון זיינע טעג
און ס׳האָבן זיך ביים ווייסן לאַם די הערנער צעהעלט, —
צו באַשיינען די גאַנצע וועלט פון עק צו עק.

# צוריקוועגס

דעם איצטיקן גאַנג וועסטו מער נישט גיין,
ווייל איין טראַט איז דער סוף פונעם גאַנג,
ווייל טויט הייבט זיך אָן מיטן לעבן אַליין,
ווייל אָנצינד איז שוין דער אָנהייב פון צאַנק.

האָסט לעבן געבראַכט און לעבן פאַרלענדט,
פון אין האָסטו אויסגעשפּונען אַ יש,
מיט פרייד האָט אין דיר דאָס בלוט דיינס געברענט
און אייביקן רוף נישט פאַרנומען: פּ אַ ר ל ע ש.

איצט הערסטו דעם רוף, ווי אַ משפּט אויף דיר,
דער אָנהייב און סוף אין דיין בלוט איצטער שרייט, —
איך נעם דיך, מיין לעבן, צום אָנהייב דיך פיר,
צו זען ווי ס'איז נאָענט, צו זען ווי ס'איז ווייט.

וואָס האָסטו געפונען? אַ פונקעלע זשאַר.
מיר וועלן עס איצטער צעבלאָזן אין פלאַם,
ס'איז דאָ אַזאַ פרייד אין צעצונדענעם צער,
ווי פרייד אינעם בלי אויף צעשניטענעם שטאַם.

ס'איז דאָ דער אין-סוף אפילו אין בליץ,
ס'איז דאָ אַזאַ כוח, וואָס אייביק געבערט, —
איך נעם דיך, מיין לעבן, צוריקוועגס און קריץ
דיין אומעט, דיין גאַנג אויף דער ליכטיקער ערד.

# בלינדע הערשלדן

אויף ווייסע פערד זענען אָנגעקומען די בלינדע העראָלדן
און זענען געפאַלן אין שטויב פאַר די טויער־היטער,
פון הימל האָבן ארונטערגעהאָנגען גילדענע טראָלדן
און אויסגעוויינט דעם פאַרנאַכט פון אונדזערע געמיטער.

הערשלדן בלינדע, פון אונדזערע פאַרנאַכטן די אָנזאָגער,
די ווייסע אייערע פערד, ווי מידע, טונקעלע כוואַליעס שוימען,
און איר אַליין ליגט אויסגעצויגן, הונגעריק און מאָגער,
און לאַנג איז שוין פאַרשוואומען דער רויך פון לעצטן קוימען.

מיר האָבן צוגעבונדן צו די דערנער קראַנקע שאָף און רינדער.
די זקנים אונדזערע האָבן מיר געלאָזט אויף פריזיבעם הויערן,
צו ווייבער האָבן מיר איבערגעענטפערט אונדזערע קינדער,
אַז מיר אַליין זאָלן וואַרטן ביי די צוגעמאַכטע טויערן.

און איר זענט היינט געקומען, — **בלינדע, מאָגערע,**
פאַרשטויבטע שלעפער.
די צונג איז אייך פאַרטריקנט און ברענט אַרום דעם גומען,
און וואָס האָט איר געבראַכט? פאַרטריקנט ליים דעם טעפער,
אפילו מיט קיין וואָרט פון אָנזאָג זענט איר נישט געקומען.

מיר וועלן ביי אייערע פערד אַרונטעררייסן די ציימלעך,
מיט ליידיקע זאָטלען וועלן מיר אין דער נאַכט זיי לאָזן,
און מיר אַליין וועלן ווייטער וואַרטן ביי דאָרע, אויסגעקרימטע
ביימלעך,
און מיר וועלן ווייטער שטעכן זיך די לייבער אויף דערנער־גראָזן.

די בלינדע הערשלדן האָבן די קולות זייערע אויפגעהויבן,
די שוימיקע פערד מיט בלינדקייט אין דער נאַכט אַריין צו
באַלייטן,
די קאָפּיטעס האָבן מיט ביזקייט דעם שליאַך געטומען שטויבן,
און אויפגעאַקערט דאָס זאַמד, ווי שניי, אין ווינטערדיקע בייטן.

## מיטן גילדענעם וועג

ביינאַכט האָט דער ווינט זיך געבייזערט ביים פּלויט,
געביסן דיביימער מיט ציין ווי אַ זעג,
ס'איז היינט דער פאַרפרי צעפּיבערט און רויט, —
מיר וועלן היינט גיין מיטן גילדענעם וועג.

צעשאָטענע בלעטער אין הויפנס פאַרקערט,
די גראָזן מיט שפּיזלעך געלע צעהעלט,
ס'איז היינט אונדז דער ליכטיקער גורל באַשערט
צו גיין מיטן שליאַך ביזן סוף פון דער וועלט.

דער האַרבסט האָט פאַר אונדז אויף די בערג
אויסגעוועבט
אַ טעפּעך פון רויט און פון גרין און פון געל,
דער טאָג האָט אַן עמער מיט ליכט אָנגעשעפּט
און האָט אים צעגאָסן ביי אונדז אויף דער שוועל.

מיט ליידיקע הענט און צעשפּילטן געמיט,
מיט רייד פון אַ ווייט און אַ פאַרהוילן פאַרמעג,
מיר שפּאַנען אַריבער די שוועל מיט אַ ליד
צו גיין ביזן סוף אויפן גילדענעם וועג.

## פאַרן משפּט

מיר שטייען אַלע פאַרן משפּט פון דער וועלט, —
דער האַמער און די פען, דער מוסקול און דאָס וואָרט,
נאָר ווער וועט משפּט'ן, ווען זון וועט זיין צעהעלט
און אויפדעקן דעם גאַנג פון פאַלשקייט און פון מאָרד?

דער משפּט'ער אַליין שטייט שולדיק פאַרן דין,
און דער גע'משפּט'ער טראָגט אין דער שולד זיין גזר,
דאָס ביסל גוטס אין זיך פאַר יענעם טאָג געפין
און ווער אויף זיך אַליין דער משפּט'ער דערפאַר.

# קיום

א חדר'ל אין שטוב ליידיק,
אַ בעט, אַן אַלמער און אַ טיש,
און לייכטער, וואָס געפלעמלט פריידיק,
ווען ס'מחזור האָבן הענט געמישט.

דער מענטש איז דאָ, איך שפיר זיין אָטעם,
ווען ס'חדר בליאַסקעט אויפגעזונט,
איך זע אים דורך די נעכט אין שאָטן,
ווייל לעבן איז מיט טויט אַ בונד.

אָקטאָבערס לעצטע טעג דערגליען,
ס'איז פוסט דאָס חדר און די נעסט, —
איך שטיי ביי אייביקייט פון קיום
ווי פאר אנטפלעקונג פון אַ נס.

## וואַנדערפייגל

וואַנדערפייגל האָבן היינט ביי אונדזער שוועל זיך אָפּגעשטעלט,
מיט די פליגלען זייערע פונעם צפון׳דיקן פלי,
הונגעריק די שנאָבלען, אָבער ס׳האָט זיך היינט דער טאָג
צעהעלט,
מיט געזאַנג איז פול געוועזן די שטוב דעם גאַנצן אינדערפרי.

וואַנדערפייגל האָבן זיך אין הויף מיט זובעניש צעשפּרייט,
קערנדלעך געפּיקט און האַרבסטיק-געלע בלעטער אָנגעשאַרט.
ס׳איז פאַר אונדז די לעצטע, אומגעריכטע זומערדיקע פרייד,
איידער ס׳קומט דער ווינטער אויף די בערג, בייז און
פראַסטיק-האַרט.

מיר אַליין, ווי וואַנדערפייגל, זענען מיד און אויסגעשעפּט,
זיצן מיר צופוסנס פון די בערג, אינעם רויטן גלי פון טאָג,
ציילן מיר די יאָרן, — יאָרן וואָס מיר האָבן אָפּגעלעבט,
און מיר וויגן זיך מיט זיי, ווי אויף שאָלן פון אַ וואָג.

באַלד וועט נידערן דער טאָג, אונדז פאַרהילן אין טומאַן,
וואַנדערפייגל וועלן לאָזן זיך אין פלי אָנגעזעצט,
בלייבן וועט אַ נאָכקלאַנג אויפן בערגלדיקן, געלן לאַן
און דער טעם פון פרייד, וואָס איז געקומען שטיל און שפּעט.

# אַ פויגל געפאַלן

אַ פויגל איז געפאַלן — צווי... צווי...
אין שטעכלעך געלן דראָט צונויפגעדרייט,
און פייגל פליען ווייטער — פלי... פלי...
און לאָזן איבער אומעט און צעשייד.

דער פויגל קוקט אַרויף — רינג... רינג...
שערענגעס פייגל האָבן זיך צעווייגט.
די הייך איז בלאָ און פליגל — גרינג... גרינג...
און מיד איז ער אויף שטעכלעך וואו ער ליגט.

דער לעצטער צווי פאַרלאָשן — וויט... וויט...
דער פויגל דאָ ציט אוים דעם מידן גוף,
איך הער: אין מיר דער טרויער — שרייט... שרייט...
צום נאָכקלאַנג פון אַוועקפלי אין דער לופט.

איך נעם דעם ציטערפויגל — ליג... ליג...
אַ קערנדל, אַ טראָפּנדל און ווארעם היי,
דעם לעצטן קוק צו פליער — שיק... שיק...
און בלייבן וועלן מיר דאָ ביידע צוויי.

אַ טאָג, אַ נאַכט געבליבן — מיד... מיד...
און וואַנדערפייגל ווידער מיט געזאַנג.
דער פויגל צו די שויבן —פליט... פליט...
און פאַלט אַרונטער, איינגעשרומפן, קראַנק.

# פויגל און פויגעלעכע

וועך האָט געמאַכט ביי אונדזער שטוב אַ נעסט?
אַ פויגל מיט זיין פויגעלעכע.
זיי וועלן אויפנעמען היינט געסט, —
דער פויגל טאַטע און זיין ווייב נעכע.

זיי רעדן בראָדעריש די פויגלשפּראַך.
— וואָס שטאַיסטע דאָרטן, נעכע?
פאַרקיקט זיך אויפן רויטן דאַך...
— יאַך?
—נו, ראַם אַ ביסעל געכער.
צעשרייט זיך נעכע:
—וואוס טראַבסטע מעך?
נאָר ראַמען, רוימען, רעמען.
— וואודען? דאַרפסט קיקן אויפן רויטן בלעך
און מעך דאָס הארץ זאָל קלעמען?

— האַנט קימען געסט, דער שפּערלינג און די שוואַלב,
און אפשר וועט דער פּיקהאָלץ זעך נאָך יאַווען,
ברוט אופּ אַ שטרויעלע, צעשפּאַלט אַ ווייץ אויף האַלב,
שטעל-צי אַ טעפּעלע מיט פויגלדיקער קאַווע.

דער פויגל טאַטע רעדט, נאָר ווייסעך וואָס,
די פויגעלעכע פאַרדרייט דעם קאָפּ נאָך העכער,
ביז טאַטע ווערט אַזש אָנגעצונדן פון פאַרדראָס
און שרייט:
אַ סוף זאָל נעמען, נעכע.

נאָר נעכע הערט שוין ניט. זי גיט אַ שפּרייט
די פליגלען און פאַטיוק! פאַרפלויגן!
צו הוידען זיך אויף טייכן זון מיט פרייד,
צו פּיקן וואָלקנדלעך, גאָלדענע ווי סטויגן.

## רויטע טייכלעך

וועלדלעך — וואָלקנדיקע רויכן,
קרויזן זיך אויף רויטע טייכלעך,
ווייסע שטיקער הימל טויכן
מיט די אָנגעפּעלצטע בייכלעך
אין די אויסגעשפּרייטע שטראָמען, —
זוניקע און בלוטיקע תהום׳ען.

נאָר איין זון געקוילעט, און צעשניטן
האָט איר בלוט די ערד אויף פּאַסן,
וואונדן רינען און אינמיטן
שטראָמען רויטע גאַסן,
שיכור און דערוואָרגן
צו אַ בלייכן פרימאָרגן.

מיינע פּיס, אין בלוט געטונקען,
וואקלען זיך אזויווי שיכור,
כ׳האָב דאָך גאָרנישט היינט געטרונקען,
נאָר געקוקט ווי ווייסע שטיקער
טויכן אין די רויטע טייכלעך
מיט די אָנגעפּעלצטע בייכלעך.

## האַרבסט

אָנגעצונדן האָבן זיך די בערג,
ברענען מיט די פייערדיקע קרוינען
פון די תאוה׳דיקע בערעזעס.
אין דער רייפקייט פונעם האַרבסט גליען זיי
און פאַרצערן, און פאַרברענען
זייער יוגנטלעכע גרינקייט.

וואָלקנס לאָזן זיך אַרונטער
צו פאַרדעקן זייער שאַנד, —
פע! נישט שיין! נאַקעט...

נאָר די קרוינען ברענען דורך די וואָלקנס —
נאַקעט צו דער זון,
נאַקעט צו דער גאַנצער וועלט.
מיט די קרומע רוקנס,
מיט די הויקערדיקע לייבער.

# שאָטן, באַרג און שטיין

וואו דער וואָלקן רייט אויף וואָלקן
אינעם נעפּל־בלוי געיעג,
וואו די בערג, ווי גרויע הויקערס,
וואַכן איבער הימלס ברעג.

וואו די גראָזן, אויסגעפרוירן,
דראַפּען זיך אויף שוואַרצן שטיין
און אַ ביימל, ווייס און נאַקעט,
טריקנט אויס זיך דאָס געביין.

וואו די שאָטנס־סילועטן
שפּילן זיך מיט זונענליכט
און די שיין און פינצטערניש
קומען ביידע אומגעריכט.

וואו די בערג אינמיטן זומער
זענען פראַסטיק און פאַרוויסט,
וואו סע דרימלט אין זיין עלטער
דער פאַרשטיינטער „ריז פון איסט".

דאָרטן האָב איך דיך געפונען,
דיך, וואָס דו ביסט איך אליין,
מיין פאַרשוואונדענע־געזוכטע
צווישן שאָטן, באַרג און שטיין.

## די מעשה פון ליכטיקן טאָג

דאָס איז די מעשה פון ליכטיקן טאָג,
ליכטיקן טאָג און לויטערן זאָג.
זון האָט געגאָסן עמערס מיט גאָלד, —
ווער האָט גערדאַפּט און ווער האָט געוואָלט?
עלנטע נאַר, צעשפּרייטע ווי שאָף,
האָבן געוואַרט אויפן אָנהייב פון סוף.
אָנהייב פון סוף און ליכטיקע ענד
האָט זיי, די עלנטע, זוניק פאַרבלענדט.

דאָס איז די מעשה פון ליכטיקן טאָג,
ס'ליכטיקסטע, אייגנסטע וואָס איך פאַרמאָג.
שטראַלן, ווי זיילן, אין פּאַרק אויפגעשטעלט,
מיר, ווי די אַנדערע, פּאַר אַ געצעלט.
האָב איך בייביימער ס'געמיט אָנגעלענט,
אייגענעם אומעט גענומען אין הענט
און אים געבאָדן, ווי מאַמע דאָס קינד,
אינעם פאַרבלענד פון דער זון און דעם ווינט.

דאָס איז די מעשה פון ליכטיקן טאָג, —
וויגט זיך דאָס האַרץ ווי אַ גאָלדענער גלאָק.
הוידען זיך קלאַנגען אין בלוילעכן הויך,
זעגען די שפּיצן פון ביימער שוין רויט,
בליט אויף די שטאַמען אַ וואונדיקע פרייד.
מענטש ליגט אין גראָז צונויפגעדרייט,
מענטש ווי איך, — אפשר איך אַליין, —
ביז איבער אונדז וועט די זון פאַרגיין.

## געלע בלעטער

טרעט נישט אויף די געלע בלעטער,
לעבן אָטעמט נאָך אין זיי,
בוים איז נאָך אין זיי פאַרוואָרצלט
און דער אָפּריים טוט נאָך וויי, —
טרעט ניט אויף די געלע בלעטער.

ברעך נישט די צעקרומטע צווייגן,
ס'איז נאָך דאָ אין זיי געוויין,
נאַקעט מאָנען זיי דאָס לעבן
מיטן וויסן פון פאַרגיין, —
ברעך נישט די צעקרומטע צווייגן.

## ווינט און בערג

ווינט און בערג און ביימער רויטע,
זון און וואָלקנס אין געיעג,
אַט ווערט פינצטער, אַט ווערט לויטער, —
שפילן זיך אַזוי די טעג.

נאַכט פאַלט צו, און קעלטער, בלייכער
ווערט פאַר אונדזער שטוב דער שליאַך,
זיץ איך איינגעהילט און רייכער
אונטער שאָטנדיקן דאַך.

ס'איז די קעלט נאָך נישט געקומען,
נאָר די ווארעמקייט שוין צאַנקט, —
טרויעריק איז סוף פון זומער,
ווי דער סוף פון אַ געזאַנג.

# ערד

אינדערוויַיט. פונדערוויַיט.
זונדערוויַיט —
ערד.

פלאַנטערוואַלד. מאַנט דער וואַלד.
נאָנט דער וואַלד —
ערד.

פראָסט און קעלט. האָסטו פעלד.
פראָסטע וועלט —
ערד.
יידיש וואָרט. מיד דאָס וואָרט.
היט דאָס וואָרט —
ערד.

יידיש וואָרט. פריד דאָס וואָרט.
בליט דאָס וואָרט —
ערד.

ברויט און וואָרט בויט'ן דאָרט.
רוי די וואָר —
ערד.

דו'סט פאַרזייט רודעם פרייד,
רוף דאָס רייד —
ערד.

# אָנהייב מאַי

אָנהייב מאַי, אויף עוועניום צעבליט
ווייסע קאַרשנבליעכץ — אַ באַגינען,
וואָלקנס — העפּטערייען דינע,
זענען אָנגעטרונקען מיטן צוויט,
צווישןביימער, דאַכט זיך, טייכלעך רינען,
ווי דאָס לויטערקייט אין מיין געמיט.
כ'טרינק דעם אָנהייב מאַי ווי אָקעוויט
זיך אַליין אין קלאָרקייט צו געפינען.

ווייי צו מיר, איך בין נאָך אַלץ אַ באָרד,
כ'טראָג נאָך דאָס געזאַנג מיינס אָפן, ווי מיין פּנים,
אומעטיקן שיין פון דער לבנה
טרינק איך נאָך מיט דאָרשטיקייט און צער,
ס'ציטערט היינט אין מיר נאָך די דערמאָנונג
ווי איך האָב אויף פרילינגען געוואָרט,
נאָר דאָס לעבן האָט מיך אָפּגענאַרט
און צעשטורעמט בלוטיק-שוואַרצע פאָנען.

בלוט-געזאַנג אין אָדערן מיר רינט,
כ'זינג צו זיך אַליין די שורות מיינע,
זופּ דעם קלאַנג ווי בעסעראַבער וויינען,
כאַפּ דאָס ווידערקול אין רויש פון ווינט,
נאָר דער ווינט ברענגט שניט פון פּיינען,
פאַר די אויגן אותיות צעצינדט:
קוף-יוד-נון, — ברען זיך און פאַרבינד
אות-צו-אות — דעם ברודער דיינעם קין-ען.

אָנהייב מאַי, און ווי אַ ווייסער לאַם
ווערט געבוירן היינט דער טאָג געקרייזלט,
שטויניק רייסן-אויף די אויגן הייזער,
ס'ליגט די שטאָט פאַר'חלומ'ט ווי אַ תם,
זון קומט-אויף — אַ שפּיץ פון ווייזער
שניידט אין ווייסקייט איין אַ רויטן שראַם,
שניידט אַריין אַ וואונד מיר אין מיין שטאַם
ס'לעבן מיינס אין נאַקעטקייט צו ווייזן.

אַנהייב מאַי, אַקאַציעס ווי שניי,
אויף די דעכער שטייען שוין באַטשאַנעס,
אויף אַ רעגן וואַרטן די צאַראַנעס,
ס׳רייכערט זיך דער שטרוי־דאַך אין בורדעי,
ס׳קאַרבן זיך די הערנער ביי באַראַנעס,
ס׳פּריעט זיך אין הויף פּאַריאַריק היי, —
אויפגעגאַנגען איז אויף סטעפּעס דער פּאַרזיי, —
אַנהייב מאַי, ווי ווייט ער איז פון דאַנען.

ב׳בין אַוועק פון היים צעשויבערט-בלאַנד,
אַנגעלאָדן מיט אַ זאַק געזאַנגען,
מיט דער וועלט פאַרמעסטן זיך אין ראַנגלען,
זיך אַליין אַן אַפּענעם דערלאַנגען,
ווייל איך האָב דאָס ליד אין זיך געאַנט,
ווייל דאָס וואָרט אין מיר האָט אויפגעשטראַמט,
ווייל געזאַנג אין מיר איז אויפגעגאַנגען.

וואָרט — אַמאָל ווי ברויט פאַר מיין געמיט
אַנצוזעטן הונגער, צו דערנערן,
נאָר אַמאָל פאַרפּלאָנטערט נאָר צו ווערן
אין אַבסטראַקציעס פון פרעמדן ליד,
נישט דערגראָבן דעם געזונטן קערן, —
אמת וואָרט מיינס ווי אַקאַציע בליט,
פאַלשס, ווי קראָפּעווע, די פינגער בריט, —
היט מיך, וואָרט מיינס, אויף ניויאָרקער סקווערן.

אַנהייב מאַי, ס׳ווערט נענטער מיין ווייט,
און דער צוריק ליגט אויסגעשפּרייט-צעבלעטערט,
כ׳ווייס, אַז שאָטן פאַסן ליכט צעשניידט,
נאָר דער טאָג היינט, ווי אַ קינד אויף טרעפּלעך
קלעטערט
און די זון אויף וואָלקנס ווי אַ פערדל רייט, —
אַנהייב מאַי, סע וויגט זיך אויף דער וואָג די צייט
און אויף צווייגלעך הוידעט זיך דער שטח.

# דער בוים

מיטן פּנים צעשמיסן און נאַקעט
שטייט דער בוים אינעם שטיין איינגעקאַרבט,
נאָכן טויט, — און אַ ראָב אויף אים קראַקעט,
אַז ער דאַרט, אַז ער דאַרבט, אַז ער שטאַרבט.

פון די זייטן — דריי צווייגן פאַרברענטע
האָט דער בוים צו אַ שטוב אויסגעשטרעקט,
ס'איז פאַרנאַכט, בלויער רויך, ווי אַ לענטע,
האָט מיט ליבשאַפט איין צווייג צוגעדעקט.

נאָר די אַנדערע צוויי, — אָפּגעריסן
פונעם ברודער, וואָס הילט זיך פאַרטרויט, —
טראָגן קלוגשאַפט פון אייביקן וויסן,
אַז אין ליבשאַפט אפילו איז טויט.

ס'איז פאַרנאַכט, אַלע פייגל צעפליען
אין די נעסטן מיט האָב און מיט גאָב,
אויפן בוים, ווי צו רייסן זיך קריעה,
בלייבט נאָר איבער אַן איינציקער ראָב.

# איצט איז שטיל

מיט פארגליווערטן פלי איז געפלויגן א שפארבער
און אויף פייגל געטשאטעוועט ווייט אין דער נידער,
זענען פייגל געקומען צו צייטיקע גארבן
זאנגען־קערנער צו פיקן, — א חברה ברידער.

האט די פרייד אין די פייגלשע פליגלען געפלאטערט,
האט א רעגן געזאנג אויף די גארבן געזשומעט,
ווי א וואונד האט דעם שפארבערס לאקער געיאטערט
און זיין פלי איז געווארן פארפרווירענער אומעט.

ס'איז נישטא אזא רויב, וואס זאל פרייד נישט פארשטערן,
ס'איז נישטא אזא פרייד, וואס זאל רויב נישט דערשפירן, —
האט א פויגל געהאלטן אין פיקן א קערן
און דערהערט ווי די רויבערשע פליגלען זיך רירן.

פון געזאנג צו געוויין, ווי פון ציטער צו שווידער,
איז אן איבערגאנג נאר, נאר א בייג פון א הארן, —
האט דעם פויגלס געוויין זיך געגעבן א הוידע
און די פייגל, די אייגענע ברידער, געווארנט.

שיסט דער שפארבער ארונטער מיט רויבערשע נעגל,
מיט שפיציקן שנאבל און אויג צום פארצוקן,
פליט דער ווארענער־פויגל דעם שפארבער אנטקעגן
מיט געשריי צו חברים: אנטלויפט, ס'איז מסוכן.

פליען פייגל צו מזרח, פליען פייגל צו צפון
און דער ווארענער פויגל פליט אלץ צו די הייכן,
ביז סע האבן זיך שפארבער און פויגל געטראפן
און פארצוקער זיין קרבן געטאן האט דערגרייכן.

איצט איז שטיל, פייגל ליגן באהאלטן אין נעסטן,
ס'וועט דאס לעצטע געוויין אין דער הייך באלד צערינען,
ס'וועט דער שפארבער זיך ווידער אויף פייגל פארמעסטן,
נאר א ווארענער־פויגל ווער וועט איצט געפינען?

## בערעזעם

ווייסע, קלוגע זקנים
האבן צוגעדעקט די קעפּ,
ס'בוך פון חכמה צו לייענען
אויף די בערגלדיקע טרעפּ.

ווינט מישט זיי די בלעטער,
ס'טייטל האלט די זון, —
שוין גענוג ארויף געקלעטערט,
וואס איז די טייטש א קרומע נון?

ווייסע, טרויעריקע זקנים
הייבן־אן פון אלעף, ביים, —
קרומע נון — דאס הארץ פון וויינען,
וואוון, יודן, סאמעך — וויים.

פאלט אויף זקנים א שאטן,
וויגט זיי איין פארנאכט דער שלאף, —
ווינט, דו זעסט, זיי זענען געראטן,
קענען שוין פון אלעף ביז טאוו.

נאכט. צו ווייסקייט קומט א צומיש
פון א דינעם בלוי, —
זקנים הייבן־אן שוין חומש —
לא...

## חוזק-פויגל

ביי דער שטוב, אין א בוים באהאלטן,
ליגט דער חוזק-פויגל און שפעט,
שפעט פון שפערלינגלעך און שוואלבן,
שפעט פון פייגל וואס ער זעט.

שפעט פון פרייד און שפעט פון טרויער,
מיט א ביטערן טשיריק,
שפעט פון שטילע נעסטן-בויער,
שפעט פון פייגעלעך אין וויג.

מאמעס-פייגל קינדער שיקן
מיט געזאנג אין ערשטן פלי, —
פליט אליין זיך קערנער פיקן,
טראגט די פרייד, טראגט דעם יאך פון מי.

חוזק-פויגל ליגט אין עלנט
אויף א בוים און הערט די פרייד,
קרימט ער איבער פייגל-טרעלן,
אין געלעכטער זיך פארגייט.

לויפט א ציטער דורך די בלעטער,
גיט דער ווינט דעם בוים א גלעט, —
חוזק-פויגל, פויגל-שפעטער,
כ'הער געוויין אין דיין געשפעט.

# אַלטמאָדיש

מיינע געזאַנגען, פון ערד אויסגעקנאָטן,
זענען אין מיר מיט אַלצדינג געראָטן,
אָבער נישט איך, און נישט די געזאַנגען,
זענען נאָך אַלץ צו דער וועלט נישט דערגאַנגען.

כ׳בין נאָך אַלטמאָדיש, ווי דאָרפישע קוויטן,
כ׳גראָב נאָך די ווערטער ווי גויים די בייטן,
ס׳האָט שוין די וועלט נייע ווערטער געפונען,
איך אָבער האַלט נאָך ביי ווינטן און זונען.

ס׳איז מיר אַ חרפה פאַר מיינע קאָלעגן
היינטיקע צייט צו דערמאָנען דעם רעגן,
לעיעלעס, גלאַטשטיין און אהרן צייטלין
שמייכלען אוודאי: ער האַלט נאָך אין קוויטלען.

ס׳שטייט היינט אַ פינצטערער בארג מיר צוקאָפּנס
און אויף מיין פענצטער קייקלען זיך טראָפּנס,
אָבער אַ פייערל ציטערט פון נעפּל,
ווי אַ באַלויכטן קינדעריש קעפּל.

גייט אין מיר אויף אַזאַ פרייד, אַזאַ טרויער,
ווערן די רייד מיינע פשוט׳ער, רויער,
בין איך אַלטמאָדיש, — דער שד זאָל עס נעמען, —
וועל איך היינט זינגען פון בארג און — זיך שעמען.

צווישן היימען

# מײן חרוב׳ע הײם

מײן חרוב׳ע הײם גײט אַרום אין אַ זײדענער קאַפּאָטע, —
אַז װײ די יאָרן זײַד — צעפּאָדעמט און פאַרלאַטעט,
דעם סטאָליער אָבער האָדעװעט די דלאָטע
און זײַנע קינדער זענען נאַקעטע און זאַטע.

מײן חרוב׳ע הײם קוקט צום סטעפּ און װײַטער,
דער סטעפּ איז אָבער איצטער בײז און מאָגער,
פון פּאַשע קומט די קו מיט אַ לײדיקער אײטער
און טרוקן זענען די לענדן בײם אָגער.

שטײט־אויף מײן חרוב׳ע הײם כּאור הבוקר
און קעמט זיך אויס די באָרד נגיד׳יש, באַלעבאַטיש
און טוט זיך אָן דעם יחוס׳דיקן הויקער
און גײט מיט אַ שטעקעלע אין גאַס אַרויס אַפּאַטיש.

דער חורבן קומט אַנטקעגן מיט אויגן אויסגעלאָשן,
דער שטויב פון אָפּגעברענטע פעלדער קנױלט זיך אין
אַ װאָלקן,
געדענקט מײן הײם, אַז װינט האָט מען געדראָשן
און אַז די קו האָט מען אומזיסט געמאָלקן.

איז שלעכט אװדאי, — און קינדער נעבעך װאַקסן,
נישטאָ קײן זײַד, אַפילו נישט קײן לײַװנט אויף די לײַבער,
די ברײטשקע סקריפּעט אויף די פוילע אַקסן
און װאו נעמט מען חתנים? און װאו נעמט מען װײַבער?

איז װאָס־זשע טוט מײן הײם? זי קלאָגט אויף אירע יאָרן
און שרײַט, אַז איך מיט איר זאָל קלאָגן
אויף דעם, װאָס ס׳איז נישט אויפגעגאַן דער קאָרן
און ס׳האָט צעבראָכן זיך דער לעצטער װאָגן.

איז זינגען װעל איך די קלאָג פון צעפּאָסעװעט זײדנס,
פון נאַקעטע פעלדער און צײטיקע מײדן,
פון הויקער, װאָס שײַנט אין דער קרױן פון לײדן
און קלאָגן אויף דעם, װאָס דער סטאָליער לעבט אין פרײדן.

# גרויע פעטערס

אַלע מיינע פעטערס האָבן אָנגעטאָן זיך גרויע בערד,
האָבן זיך די פּנים'ער צעקנייטשט ווי אַלטע פעל
און זיך אויסגעשטעלט צום וויטן וועג געקערט
ביי מיין הרוב'ער הײם, אויף מיין הרוב'ער שוועל.

אַז זיי האָבן מיך דערזען פון ווייטנס, האָבן זיי געוויינט,
אויפן קול געוויינט: מיר זענען וויסט און גרוי.
אָבער איך האָב נישט געגלייבט זיי און געמיינט,
אַז זיי האָבן זיך פאַר מיר פאַרשטעלט אַזוי.

האָב איך זיך צעלאַכט אויף דעם געוויין און זיי געזאָגט:
טוט זיך אוים די בערד און זייט מיר ווי אַמאָל,
זענען זיי געפאַלן אויף דער ערד און אויסגעקלאָגט
ס'ביטערקייט פון הערצער אויפן הויכן קול.

האָב איך אויסגעטאַפּט די בערד: גרוי און בייז און האַרט.
און געוואָלט האָב איך זיי ווײנען דאָס מייניקע געוויין,
נאָר אויף מיר האָבן באַן און שיף געוואַרט, —
האָב איך זיי געזאָגט: אַ גוטע נאַכט, איך דאַרף שוין גיין.

נעכט אויף באַנען. טעג אויף שיפן. וואַסער. שטויב.
גרויע בערד צעשויבערט הוידען זיך אויף שטריק.
איך — אין ווינט פון ים, צי ביי אַ לויפנדיקער שויב, —
הער, ווי מיינע בייזע פעטערס רופן מיך צוריק.

# לאַנד

דאָס לאַנד איז יונג געװען מיט רויערד,
מיט ווינט, מיט זון און מיט בוריאַן,
אַ שטויב האָט ווי אַ שטאָל געטרויערט
און ס׳האָט אַ טאָג און צוויי געדויערט
פון שטויב צו שטויב אויף אַ געשפאַן.

דאקאָטעס, יוטא, קאראָלאינעס, —
וואו מענטש האָט אָפגעשטעלט זיין בויד,
האָט ער געוואוסט ס׳איז שטרעקע זיינע,
אַז ערד וועט שפייזן, זון וועט שיינען,
און דאָ האָט ער זיין היים געבויט.

דאָס לאַנד איז יונג געווען מיט שטויבן,
מיט אָקסלען, הענט און בליצלעך שרויט,
ווי פייגל האָבן זיך פאר שויבן
געזאנגען צו דער הייך געהויבן —
אָקעגן לעבן, בויט און טויט.

דאָס לאַנד איז אַלט אַצינד און ברויזיק
מיט קראַפט, קאָמבאינער און מאָטאָר,
פאַבריק־רויך איז, ווי שטורעם, ברויזיק, —
דער מענטש נאָר איז געוואָרן חוזק,
צו אַלדע שווארצע יאָר.

## ברודער פֿאַרזיצער, איך בעט אַ וואָרט

באמת דאַרף עס זײַן צום וואויל־און־בעסטן
דאָס וואָרט וואָס איך וויל איצטער זאָגן,
נאָר ווער קען וועגן דען און מעסטן
אַ פּשוט וואָרט מיט מאָסן, וואָגן ?

אַ קימאַ־לן שוין דרײַ־און־צוואַנציק יאָר
אַז כ׳בעט אַ וואָרט, — נאָר אָבער־ווידער
זאָגט ברודער פֿאַרזיצער און אַלע מײַנע ברידער,
אַז נישט צום פּונקט איז עס, איך רעד פֿון וועג.

אַז אָנגעהויבן האָב איך בעטן,
זענען בלאָנד געווען נאָך מײַנע האָר,
און איצט איז מײַן פֿאַרמעג
אַ קאָפּ שיטערע ווײַסקײַט וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט.
נאָר מילא, איך בעט אַ וואָרט.

אַקעגן דעם וואָס שטענדיק רעדט׳ן
פֿון קראַנקן־בענעפֿיט און קרקע,
פֿון קויפֿן טיקעטס פֿאַר באַנקעטן,
פֿון צושרײַבן אַ נאָמען אויפֿן פּאַרקן.

און מיר אַליין ?
מיר האָבן דאָ פֿאַרטאָבלעוועט דעם עיקר.
אַמעריקע האָט אָפּגעריסן שטיקער
פֿון אונדזער תוך.

אז פעידע אלע וואך
איך וויל איר זאלט פארשטיין
איז נאר א דרויסנדיק לבוש, —
דער מענטש איז טיפער, טיפער איז דער ייד.
געשטארבן איז משה פון גאטס א קוש
און ביז אצינד נאך פליט
דער קוש צו אונדז און זוכט זיין תיקון.
וואס טויגן מיר די אלע זיבן גליקן,
אז צאלן דארפן מיר אזויפיל צינדזן
פאר אונדזער טאפ געקאכטע לינדזן?

מיר האבן אנגעהויבן אונדזער לעבן מיטן טויט, —
א שטיקל קרקע און א פלויט.
יא, ברודער פארזיצער, און אלע מיינע ברידער,
מיר ווערן עלטער, אויסגעשעפטער, מידער.
מיר האבן אויפגעכאוועט קינדער, א געזונט אויף זיי,
און זאל דער נחת אונדז נישט זיין פארשטערט, —
נאר הערט איר נישט אמאל ביינאכט אזא געשריי,
אז אייער צובונד איז צעריסן אויף דער ערד?

איך פרעג אייך, ברידער, צי סע האט א טעם דען
צו בויען לעבן נאר פאר ברוקלינס זאמדן?
ממה נפשך, אויב ס'האט א ייד א שייכות
מיט ייד פ א ר אים, דארף דאך קינד זיינס נ א ך אים
דעם פאדעם ווייטער שפינען.
למשל, לאמיר זאגן: לעבן ווי א טייך איז,
די וואסערן זיינע רינען
און קומען קריק צום קוואל.
נאר מיר, מיר האבן אונדזערע וואסערן צעשפרייט
און זיך אליין געשטעלט בדיל הדל.
מיר זענען ווי די אויסגעטריקנטע זאנגען,
וואס ס'האט דער ווינט די קערנער זייערע צעווייט.
ס'וועט וואקסן ערגעץ, נאר נישט אויף אונדזער ערד.
מיר זענען באלד דעם וועג שוין אפגעגאנגען
און וויפל לעבן איז אונדז נאך באשערט?

איר זעט דאָך, נאָר אַ וואָרט צו זאָגן
האָט דרײַ־און־צוואַנציק יאָר בײַ מיר געדויערט.
אַ בלאָנדער אָנגעהויבן און געזאָגט — אַ גרויער.
און איצט אפילו, באַלד הייבט אָן צו טאָגן
און איר האָט נאָך דעם מאָלצײַט נישט פאַרדײַט,
און אײַער געניץ וואַרגט שוין מײַנע רייד.
איך ווייס נישט, צי איך האָב געטאָרט,
נאָר, ברודער פאָרזיצער, איך בעט אַ וואָרט.

## יוניאָן־סקווער

פאָנען. פּלאַקאַטן. מענגעס.
רופן. געשרייען. פרייד.
הונדערט יאָר קאָלירטע סטענגעס,
הונדערט יאָר צעפּלאַמטע רייד.

טרויער. יום־טוב. פּראָטעסטן.
קלאַנגען. מאָנעכץ. באַגער.
פייגל אויף צעשטערטע נעסטן —
אָרעמקייט אין האַרץ פון סקווער.

מאַסן. רייען. באַראַבאַנען.
טריט — איינס־צוויי־איינס — טריט.
צען מאָל צענדליק יאָרן שפּאַנען
מיט אַן אויפגעברויזט געמיט.

פעלקער. לשונות. הויטן.
פרעמד. אינאייינעם. קאָלירט.
איינגעהילט דער סקווער אין רויטן,
ווייס, ווי מיידל־גוף, באַצירט.

זונען. אָפּשיין. פאַרנאַכטן.
דעכער און טורעמס באַגילדט.
נאָך בייטאָגעדיקע שלאַכטן
האָט דער מענטש זיך דאָ צעשפּילט.

שטויב. געבויגענער טרויער.
הונגער. עלנט און פאַרצער.
טאָג האָט צוגעמאַכט דעם טויער,
וויינט די נויט אין האַרץ פון סקווער.

# דער דריטער

זיי האָבן געטראָגן דעם קאַסטן
אַרונטער דעם ליימיקן שליאַך,
ווען ס'האָבן נאָך ביקסן געקראַכט,
ווען פיינט האָט געשניטן נאָך פּאַסן
פון לייבער ביי פינצטערער שאַכט.
זיי האָבן געטראָגן דעם קאַסטן
מיט טריט ווי צעשאָקלטע מאַסטן.

דריי מאָגערע מענער פון פראָנט,
און איינער פון זיי גיט אַ שפּיי:
אויך מיך וועט צעלעכערן בליי,
נאָר ער איז פון בליי שוין באַוואָרנט,
איז גוט וואָס מיר טראָגן אים דריי,
און ער וועט שוין איצטער פאַרשפּאָרן
מיין קאַסטן צו טראָגן פון פראָנט.

דער אַנדערער וויגט זיינע פּלייצעס,
ווי ליידיקע זעק אויפן ווינט:
איר זעט ווי די במאָרע צערינט,
אַ זון, אַז מיט אונדז זיך צו רייצן,
מיט אויפשיין דעם וועג אונדז פאַרפּלייצן,
ווען ע ר ליגט אויף אונדזערע פּלייצעס.

דער דריטער, — איך טראָג נישט דעם קאַסטן
אַרונטער דעם ליימיקן שליאַך,
נאָר ס'האָט מיר דער ווינט היינט געבראַכט
דאָס לעבן, דעם טויט — זיינע לאַסטן.
איך גיי מיט זיי אונטער מיין דאַך, —
מיר טראָגן אין דרייען דעם קאַסטן
מיט טריט ווי צעשאָקלטע מאַסטן.

## CHALFEN TOWER

אויף דער צוויי-און-פערציקסטער גאַס האָט שעילפן אַ טורעם אויסגעבויט.
רערן און דראָטן, צעמענט און ציגל, געבויגענע שטאָלענע שטאַבעס,
ווינקלען פֿאַרשאַרפטע, אין יעדן ווינקל אַ גלעזערנער שפּיץ ווי אַ קנויט,—
ברענען די ווינקלען פֿאַרנאַכט ווי אין קאָפּרעשט די לייכטער ערב שבת.

צינדן זיך אָן די שויבן פונעם ערשטן ביזן זעכציקסטן שטאָק,
הייבן זיך פֿייערדיקע גאָרנס אויף דער נאַכטס צעהוידעטע שטיגן,
הערי שעילפן שטייט אויפן העכסטן שפּיץ און וויגט זיך ווי אַ גלאָק,
ווייל אַזוי וויל ער, ווי אַ גלאָק, אויף זיין אייגענעם טורעם זיך וויגן.

האַלעמאַי וויל ער אויף אַ שטאָלענעם דראָנג זאָל פֿלאַטערן אַ פֿאָן,
אַז דער נאָמען שעילפן זאָל אין דער הייך זיך רייסן מיט אַלע ווינטן,
אותיות צען און יעדער אות איז דער ציטער פון זיינעם אַ מיליאָן,
ה—ע—רי—ש—ע—י—ל—פּ—ן ווערט צעשאָטן אין די אייגענע לאַבירינטן.

האלעמאי האט ער אויפגעהאנגען אין דער הייך א מאגאפאן
און ווי נעצן צעשפרייט די דראטן, אז זיין קול זאל זיך טראגן,
טראגן,
וועט ער ארונטערשרייען, ארונטערברומען פון א סאסקאפאן
די צוויי-און-פערציקסטע גאס זאל הערן וואס ער וועט זאגן.
ס'האט געבלאזן שופר דער אלטער חיים-בער אמאל אין
קאפרעשט,
הערשל חלפן האט אונטערן טלית געציטערט ביי תרועה-שברים,
נעמט אצינדערט הערי שעילפן און אלע פייערן פארלעשט
איינצוהילן זיך אין פינצטערניש און ווינטיק זיין, און ארעם.

Chalfen Tower — פון אונטן פאררייסן מענטשן נייגעריקע
קעפ.
אויסגעוואקסן זענען גארנס, ווען שעילפן איז ארויף געגאנגען,—
איבערגעקערט האט הערשל חלפן פאפערעק קאפרעשטער
סטעפ,
אנגעצונדן איבער אלעמען די סוף-זומערדיקע זאנגען.

נעמט למשל דעם פייערדיקן זייגער אויפן טורעם-שפיץ,
ווייזט ער אן דעם גאנג פון צייט, ווייזט ער אן מינוטן, שעה'ען.
ווייזערס רוקן זיך ווי הענט. אין די געדערים הערי שעילפן זיצט
און די הענט האלט ער צענומען צו דוכענען ווי א כוהן.

אט וועט ער ארויסשפרינגען פונעם זייגער מיט צעשפרייטע
הענט,
פאלעס וועלן שוועבן אויפן ווינט און טראגן אים ווי פליגלען,
איבער ניו יארק וועט שווימען שעילפן, ווי אן עלנטער אקרענט,
ס'לעבן זיינס אויף ליכטיק-אויפגעברויזטע כוואליעס צו
פארזיגלען.

אויסגעגראבן אן אריינגאנג צום סאבוועי. קאכליעס איינגעפאסט.
זאלן צענדליקער טויזנטער אין בויך פון טורעם זיך ראיען,
אבער שעילפן פילט: פון אונטן, פון דער טיפקייט, וואקסט
א לאסט,
אז ארויף הייבן-זיך מאנענדיקע, פארהארעוועטע שעה'ען.

אונטערגעגראָבן זיך אַלײן מיט אומרו פֿון טריט און מיד געבײן,
אױפֿגעריסן דאָס אינגעװײד פֿון אַלע זײַנע זעכציק גאָרן, —
האָט ער הײַנט געהערט װי ס׳שלאָגן האַמערן אין האַרץ פֿון
שטאָל און שטײן,
װען אױף רעלסן די װאַגאָנען מיט פֿאַרשטױבטע גופֿים פֿאָרן.

דאכט זיך אים, זײ װעלן נעמען אױף די אַקסלען אים און
זײַן געבײ
און אַרונטערשלעפּן אונטן צו צעשפּענדלען און צעשטױבן, —
הערי שעילפּן, נעם דעם מאַגאַפּאָן און צו די גאַסן שרײַ,
אַז דו װיגסט זיך נאָך מיט זעכציק גאָרן ברענענדיקע שױבן.

# באַלאַדע פון שוועסטער שאָפּ

זענען מיידלעך — חבר׳טעס פון שאָפּ,
צוגעגאַנגען צו דעם אָרון
און אָװעקגעלייגט אויף ווייסער ברעט
באַשעם האָרעפּאַשנע יאָרן.

איינע האָט אַ נאָדל איר דערלאַנגט,
איינע — פּאָדעם אויסגעצויגן
און אַ דריטע האָט מיט שטיקלעך זייד
צוגעדעקט די מידע אויגן.

ס׳האָט די שוועסטער — חבר׳טע אין שאָפּ —
אָפּגעציילט צוויי צענדליק רימענס, —
כּלה־יאָרן דיינע די מאַשין,
נישט קיין רינגל, נישט קיין דימענט.

מ׳האָט געטראָגן זי מיט איר געשאַנק,
שאָפּ איז נאָכגעגאַנגען לויטער,
ס׳איז געהאָנגען אַ פאַרגאַנג־געזאַנג
אויף די קברים׳דיקע פלויטן.

שאָפּ האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין גרוב
ווי אויף סאַמעטענע שוועלן
און דערנאָך צוויי שורות אויסגעשטעלט, —
דורכצוגיין דער שוועסטערס עלנט.

וואַקלט זיך דער עלנט אין זיין גאַנג,
שורות בייגן זיך צעוואַקלט,
אָנגעצונדן האָט דער זונפאַרגאַנג
אויף דער שוועסטערס קאָפּ אַ פאַקל.

גייט אַ יאָרצייט־ליכט די שוועסטער שאָפּ, —
טרויער פון דער נאַכט צו שעפּן,
צו דערשטעפּן באַשעם לעצטע שטעפּ
און פאַר זיך דעם גורל שטעפּן.

# מאָראָ קאַסל

אַן אויסגעשריי צום ים שטייט מאָראָ קאַסל,
מיט טורעם־קיילעך, שטיין קאַרניזן.
די פייגל איבער אים — דער טרויער פון אַ ראַסע,
אַ הונגעריק געוויין פון שפּיזן.

דער ראַסעם בלוט — געמיש פון אינדיאַנער,
מיט נעגער און באַזיגער־שפּאַניער,
דער ראַסעם בלוט אויף זיינע רויטע לאַנען
האָט אָנגעטרונקען זאַט די קאַניעס.

ס'האָט שפּאַניער דאָ געזויגן צוקער־ראָרן
און קאַריבעי האָט מענטש צעדריבלט,
דער מאָראָ קאַסל גרויער איז געוואָרן,
מיט שוים, מיט שאַרקס, מיט רויטע שטויבן.

די ראַסע איז געוואָרן שטאַרק און פלאַמיק,
מיט אויגן — צער'דיקע שייטערס,
אין בלוט איז ראַסע איצטער שטאַמיק,
אין בלוט איז ראַסע אויסגעלייטערט.

ס'האַלט מאָראָ קאַסל נאָך אין זיינע היילן
דאָס פינצטערניש פון די קאַטוילן,
און וויפל יאָרן וועט די זון נאָך שיילן
די קרעץ פון זיינע ווענט, וואָס פוילן?

און וויפל וועט דער קאַריבעי נאָך מאָלן
דעם שטיין, וואָס שפּאַניער האָט פאַרמויערט?
אָ, קובא נאַקעטע, מיט צוקער־ראָר געשוואָלן,
מיט וואונדערלעך געזאַנג דיין רויערד.

# א הויפן פוסטע קערנער

אויפן ברעג פון קאַריבעי
זענען יידן אָנגעקומען,
צו פאַרטרינקען זייער ווי
אין קובאַנער, פרייד און טומאה.

אויסגעפייניקט, אויסגעברענט,
הונגער אין די שאַרפע שלייפן, —
זייער ריינקייט ווערט געשענדט
אונטער זונס צעגליטע רייפן.

אַ מזוזה און אַ קרייץ
צוגעטוליעט צו אַ נאַפּקע,
און דער הונגער שרייט צערייצט,
און דאָס בלוט פון אויגן האַוועט.

שוימט דער קאַריבעי און דרויבט
וואַסער-בלוי אויף שפריצלעך צאָרן, —
וויפל ייד איז דאַ צעשטויבט
ביי דעם אויסבייג פון דיין האָרן?

ס'האָט פאַרשליידערט דאַ דער ווינט
ייד — אַ הויפן פוסטע קערנער,
און דער ייד, ווי זאַמד צערינט
צווישן פאַלמעס, ראָר און דערנער.

# סיבאָנעי

סיבאָנעי האָט צו דער זון אונדז געפירט,
ווי אַ מאַמע פירט אירע קינדער,
איצטער שטייט סיבאָנעי אין שטיין אויסגעצירט
און באַוויינט אונזערע מאָגערע רינדער, —
שוואַרצער ברודער סיבאָנעי.

סיבאָנעי קוקט אַרונטער צום קאַריבעי
מיט אַ שטיינערנעם קוק, אַ שטאָלצן,
ווען ער הערט דעם פאָלקס פאַרשטיקט געשריי,
ווערט דאָס האַרץ זיינס, ווי אונדזערס, צעשמאָלצן, —
שוואַרצער ברודער סיבאָנעי.

סיבאָנעי האָט אונדז די זון אויפגעפראַלט
און אונדז הענט געגעבן, ווי פליגלען,
פליט דאָס האַרץ אונדזערס צו זיין ליכטיק געשטאַלט,
נאָר די הענט געפענטעט אין ריגלען, —
שוואַרצער ברודער סיבאָנעי.

סיבאָנעי האָט אונדז קובאַ באַפרייט,
אונדז דערלאַנגט דעם קאַריבעיער פערל,
אונדזער טרויער איצטער צו אים שרייט:
לאַנד איז וואָלף, אונדז צו פאַרצערן, —
שוואַרצער ברודער סיבאָנעי.

# דאָס ביקל

אַז ס'האָט דער פריער טאָג געטאָן זיך אַ צעוויקל
מיט בונטן ציץ, צעיאָגטע פערד און טויעדיקן צווית,
איז אויף דער וועלט געקומען אויפגעשוימט דאָס ביקל
און האָט מיט זיין געשריי אין לופט דערלאַנגט אַ שניט.

די שטאָל האָט אויפגעברויזט, געציטערט האָט זשיאָנע,
דער רויטער פלעק האָט אויף איר שטערן זיך צעבליט,
די אויערן געפלאַטערט האָבן ווי צוויי פאָנען,
איר מו האָט זיך געבראָכן פון פריידיקן געמיט.

געקעלבט האָט זיך זשיאָנע אַלע יאָר אין אייר
און אויפגעכאָוועט האָט זי זיבן מעלקנדיקע קי,
פאַרקויפט האָט זיי דער טאַטע אויף מאַרקטאָג אַלע פרי־יאָר,
ווי ס'שטייט אין חומש: און יעקב האָט געהאַט פיל פי.

די קעלבלעך זענען אין דער שטאָל אויף שטרוי און קרייטער
געלעגן ציטערדיק זיבעצן מעת־לעת,
געוואַרעמט זיך די ביינדלעך אין זשיאָנעס אייטער
און דעמאָלט האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט זיך פּאַשען אויפן שעם.

די קעלבלעך אויפן הויף, ווי קינדער, אייגן וואַקסן
און לעקן מיט די הייסע צינגלעך אונדז די הענט,
זיי טוליען זיך אין שטאָל אין זומערדיקע שלאַקסן
און בייגן אָן די קעפּ ווען עמיצער צו זיי געגענט.

ביי קעלבלעך זענען דין און ביינעוודיק די קנאָכן,
די גופים וויגן זיך אויף ריפּן מיידלש לייכט און שלאַנק,
זיי שפּרינגען שלעפעריק אַרום די ערשטע וואָכן
און חנ'דלען זיך דערנאָך מיט זייער מוטערלעכן גאַנג.

און אַז ביי קעלבלעך הייבן אָן צו שפּראָצן אייטער
און הערנער הויקערן אויף זייערע שטערנס קרום,
אַנטלויפן זיי דערשראָקענע אין פעלד וואָס ווייטער
אַליין צו בלייבן מיטן אומגעריכט-אַנטפּלעקטן מום.

פאַרנאַכט פאַרשפּאַרט מען זיי אויף ריגלען אין די שטאַלן
און זייער מוטערס מילך ווי אַ זומערדיגן שפּריצט,
דער שוים אין דאַניצעס צעגיסט זיך ווי פון קוואַלן
און שמעקט מיט ווארעם לייב וואָס האָט אויף פעלדער זיך
צעהיצט.

די קעלבלעך קוקן פון די שפּאַלטן הונגעריקע
און פון די אויגן שפּאַרט ביי זיי אַרויס דער שטומער ווייַ
און פלוצלונג גיבן זיי אַ וואַרף זיך און אַ בריקע,
נאָר זיי דערשרעקן זיך פאַר זיך, פאַר אייגענעם געשריי.

און אַז מען לאָזט דערנאָך זיי צו צו אייטערס זייגן,
איז מאָגער שוין די מילך, טריפט זי טראָפּנווייז אויף ציין,
נאָר גוט איז זיי אין שוים די קעפּ אַריינצולייגן, —
מיט מוטערס זיך באַהעפטן און מוטערס זיין אַליין.

אין שפּעטן זומער נעמען זיך די קעלבלעך רייפן
און ווערן טעלעצעס ווען האַרבסטיק-נאַקעט איז דער סטעפּ,
סע הייבן זיך די אייטערס אָן ביי זיי צו שטייפן
און מוטערלעכער, אומעטיקער בייגן זיי די קעפּ.

זיי טראָגן שוין אין זיך דעם טרויער פון געבערן
און אונטערטעניק זענען זיי ווי אָקסן אינעם יאָך, —
ווער קען אינמיטן נאַכט דאָס מרוקען זייערס הערן
און נישט אַ ציטער טאָן אויף זייער קומענדיקן בראָך?

געקעלבט האָט זיך זשיאַניע אַלע יאָר אין אייר
און אויפגעבאַוועט האָט זי זיבן מעלקעדיקע קי,
דער טאַטע האָט פאַרקויפט זיי אויף מאַרקטאָג אַלע פרי־יאָר,
ווי ס'שטייט אין חומש: און יעקב האָט געהאַט פיל פי.

און אויפן אָבטן יאָר האָט זי געהאַט אַ ביקל
און אָנגעצונדן האָט זיך באַלד מיט פריידיקייט די שטאָל, —
אַ העמד ווערט אַמאָל קאַליע איבער אַ צוויקל, —
דאָס יאָר האָט אונדז זשיאַנע געשטעלט בדיל־הדל.

— ווער דאַרף אַ ביקל? — האָט דער טאַטע זיך צעשריגן, —
אַ סוף געקומען צו די זיבן גוטע יאָר, אַ סוף, —
און ס'איז געווען אַ צער צו זען זשיאַנען ליגן
אַ שולדיקע, געדולדיקע און וואַרטן אויף איר שטראָף.

ווער דאַרף אַ ביקל? נאָר ס'איז דאָ ביי אונדז אַ ביקל,
סע האָט זיך אויפן אַכטן טאָג געשטעלט שוין אויף די פיס
און אַז דאָס ביקל האָט דערזען דאָס שמאָלע ליקל,
האָט זיך עס ווי אַ שטורעמווינט פון שטאָל געטאָן אַ ריס.

דער טאַטע האָט דעם חומש אָנגעזעצט אַ פּסוק,
ווייל ס'איז אַ ביקל נישט קיין פּי און אפשר נישט קיין רינד,
דער מאַמען איז געווען דאָס ביקל מער פאַרדראָסיק,
ווי זי וואָלט אויף דער וועלט געבראַכט אַ קאַליקע אַ קינד.

אַז קינדער אונדז האָט זיך פאַרוואָלט אין שטאָל צו שפּילן,
זיך קאַטשען מיטן ביקל אויפן אויסגעבעטן שטרוי,
האָט מיט אַ כעס געזאָגט דער טאַטע: — קינדער ווילן,
איך וועל פאַרקויפן טאַקע באַלד דאָס ביקל צו אַ גוי.

דער טאַטע האָט אונדז אָנגעזאָגט: הזהר,
איר זאָלט זיך נישט דערוועגן צוגיין צו דער שטאָל,
די מאַמע, זאָל געזונט זיין, האָט גערעדט מיט טרויער:
איך וועל צוליבן ביקל אויסשפּייען די גאַל.

אַרום דעם שטאָל האָט זיך גענומען איצטער וועבן
אַ ליכטיקער, אַ מורא'דיקער אָרעאָל
און אינעווייניק האָט זיך אויסגעשמידט אַ לעבן,
פון שטורעמדיקן בלוט און אָדערן פון שטאָל.

גערומען זענען סיוון׳דיקע טעג צורייטן
אויף זיילן זון, מיט בלויע פאסן-לייצעס אויסגעצירט,
און האבן ווײנשל וועגנוויים געבראכט פונווייטן
און האבן מנחה-מעריב׳ס אין דער ווייט אוועקגעפירט.

אויף לאנקעס האבן זיך טשערעדעס געפיטערט,
ביים טייבל האבן גוי׳עס בארוועסע געוואשן גרעט,
אין בריקל האט געהוידעט זיך אן אויסגעקרימטע ברעט.
געצייטיקט האבן זיך די סטעפּעס און געציטערט.

דער גוי האט אלע וואך געבראכט אויף די יארידן
פארשוויצטע פערד, בהמות, לעמעלעך, ווייץ און וואל
און ס׳האבן צוגעהארעוועט די סטעלמאכעס און שמידן,
דער שניידער מיט דער נאדל. דער שוסטער מיט דער נאל.

ווער קען נאך אזא אנגעזעטיקט יאר געדענקען?
די סוחרים און די קרעמער האבן פשוט גאלד געשארט,
געווארפן האט מען גויים שיכור׳ע פון שענקען,
ווייל ס׳האבן ביי די טירן ניכטערע געווארט.

נאר אפגעטאן האט זיך פון אונדזער שטוב די שפע,
דער גוי האט אויסגעמיטן אונדזער טיר ווי א חולאת,
די מאמע האט געזאגט: — אזוינס זאל זיך נישט טרעפן. —
און האט דעם גוי אין שטוב אריין געשלעפּט פון גאס.

דעם זומער זענען מיר געגאנגען אפגעריסן
און בארוועס זענען מיר געגאנגען, ווי אויף שטיקלעך גלאז,
די מאמע האט געקרעכצט און אונדז געקארגט דעם ביסן,
דער טאטע ווידער האט אין זיך געטראגן דעם פארדראס.

נאר וואס האט אונדז געארט? אין שטאל האט זיך דאס ביקל
געריסן צו דער טיר, געקראבן אויף די הוילע ווענט,
פאר אונדז איז דאס געווען א פרייד אזא אנטיקל,
כאטש ס׳האט דער טאטע אונדז געטריבן: — שקצים,
וואס איר זענט.

נאָך שבועות איז דאָס ביקל אַרוים אויף דער אָבאָרע,
זשיאָנען האָט מען שוין פּאַרפּרי געטריבן אויפן שעס,
געשאָלטן האָט די מאַמע: — אַז ווערט עס די כפּרה. —
און מיט אַ בייזער האַנט דערלאַנגט די קלייען: — פרעס!

דאָס ביקל האָט געהאַט אַ טבע צו פאַררייסן
דעם קאָפּ אַרויף און קוקן אויף דער זון מיט זיינע ציין,
דערנאָך די פּעל די אייגענע פון פרייד צעבייסן
און שפּרינגען אַרום שאָטנדיקן פּלויט, און זיך אַליין.

און אַז פון טשערעדע געגאַנגען איז זשיאָנע,
האָט ס׳ביקל שוין דערשמעקט אין שטאַל פונוויטנס אַז זי גייט,
אַרויסגעשריגן מו און אָנגעהויבן מאָנען
די מילך וואָס די מאַמע האָט אין פעלד אים אָנגעגרייט.

נאָר אַנדערע געוואָרן זענען די פּאַרנאַכטן,
אַריין איז אין זשיאָנען, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ שד,
געבוירן האָט זי זיבן קינדער און צום אַכטן
האָט זי זיך אויף צעלאַבעס באַנאַרישט און פּאַשפּעט.

געדריגעט האָט זיך די בהמה ווען דאָס ביקל
האָט אין דער שטאַל געטופּעט און געבוצקעט אין אַ ברעט,
דער טאַטע האָט זי צוגעבונדן צו אַ דריקל
און ס׳האָט צו איר די מאַמע לאַשטשנדיקע רייד גערעדט.

נאָר נישט געלאָזט האָט זי זיך מעלקן, און די טלאָיען
האָט זי אין דאָניצע געשליידערט ווילד און אויפגעקאַכט,
די מאַמע האָט געפרעגט ביי זנאַכערס אַלטע גויים
צי האָט, חלילה, נישט זשיאָנע גאָר פאַרזאָכט.

מ׳האָט קרייטיכער אַריינגעמישט איר אין די קלייען,
אַ זעקעלע צום האַלדז האָט צוגעבונדן איר וואַסיל, —
נאָר אַז דאָס ביקל האָט נאָר אָנגעהויבן שרייען,
איז אַלץ זשיאָנע ביי דעם מעלקן נישט געשטאַנען שטיל.

אזוי האָט זיך געצויגן ביז אינמיטן תמוז,
געשטאַנען זענען ביי דער טיר די פּאַרכטיקע נייַן טעג,
ס'איז איינגעדאַרט געוואָרן דאָס געזיבט דער מאַמעס,
ס'איז הייזעריק געווען דער טאַטע ווי אַ טעמפּע זעג.

איז וואָס וועט זיין דער תכלית? ס'איז נישטאָ קיין מילעך,
און קעז-און-פּוטער איז אין שטוב אוודאי דאָך נישטאָ,
און זע די קינדער, וואָס זיי גייען פּאַר אַ הילוך,
און טאַטע-מאַמע זענען שוין פון צרות אַלט און גראָ.

געשטאַנען זענען טעג אַזוינע ליכטיק-קלאָרע,
ווי עמיצער וואָלט זיי אומיסטן אויסגעוואַשן ריין,
דאָס ביקל האָט געטאַנצט אַ ווילדס אין דער אַבאָרע
און האָט דעם פּלויט געגריזשעט מיט די אָנגעשאַרפטע ציין.

געשפּרונגען אויפן האָן, אַרומגעיאָגט די הינער,
צעבראָכן אַלע טעפּ און אַלע האָנטעכער צעקייט,
און קרעפּטיקער געוואָרן, מאָגערער און דינער,
ביז פּלוצלונג איז געשען אין אים אַ מאָדנער איבערבייט.

פאַרביי האָט מען געטריבן אין טשערעדע זשיאָנען
און ס'ביקל, ווי געוויינטלעך, פון שטאָל אַרויסגעלאָזט,
אויף מערב זייט האָט זיך געבליכט נאָך די לבנה,
אין מזרח האָט די זון געשיינט ווי אָנגעצונדן גלאָז.

נאָר יענעם טאָג איז שטיל געווען דאָס ביקל,
געשטאַנען איז עס און אין זיך אַליין זיך איינגעהערט,
דערנאָך געלאָזט זיך גיין ווי אויף אַ שמאָלן בריקל
און אַלעמאָל דעם קאָפּ געבוצקעט אין דער קאַלטער ערד.

אַ שעה און אפשר צוויי, — ווער ציילט די שעה'ען?
דער טאַטע דינגט אַ זעקל ווייץ, די מאַמע קאָבט און ראַמט,
אַ באַלעגאָלע טרייבט די פערד צום ברונעם פּאָיען,
דעם נגיד'ס טעכטערל האָט ערשט די בלאָנדע האָר צעקאַמט.

און מיטאמאָל האָט אויפגעציטערט די אַבאָרע,
דאָס ביקל האָט געיאָגט זיך מיטן יונגן קאָפּ צום פּלויט
און ס'האָט זיך אונז געדאַכט אַז ס'האָט די וועלט די גאַרע
זיך אָנגעצונדן און געוואָרן איז זי פלאַמיק־רויט.

דעם פּלויט צעבראָכן און דערנאָך איז עס צום טויער
געלאָפן מיטן אויסגעשטעלטן, אָנגעברענטן קאָפּ,
זיך איינגעגראָבן מיטן שפּיץ און ווי געבויערט
דעם ריגל און דעם שלאָס, — און אומגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ.

דער טאַטע האָט פון מאַרק געבראַכט צוויי שטאַרקע גויים,
דאָס ביקל האָט מען איינגעקרעמפּט אין דרייענדיקע שטריק.
אַז וואָס וועט זיין דער תכלית צו לאָזן אָט אַזוי אים?
סע וועט אונדז קיין הצלחה שוין נישט ברענגען אָט דער ביק.

געלעגן איז דאָס ביקל מיט אויגן אויסגעשטאַרטע,
געמאַלעגיירעט און געקייט די בלוטיק־רויטע צונג
און אויפן קאָפּ צוויי הערנער, אַזוינע רונדע, צאַרטע,
ווי גלאָקן־צינגלעך ווען זיי הוידען זיך אין קלונג.

דער טאַטע האָט זיך מיט די גויים אויסגעדונגען
און האָט געזאָגט: — ס'איז נאָך אַ גרויסער נס.
פאַרנאַכט האָט פריידיק זיך די טשערעדע צעקלונגען,
נאָר זשיאָנע איז אַן עלנטע געקומען פונעם שעם.

# אַ קינד אויף דער וועלט

# קינד פונעם אונטערן בריק

ווער האָט פאַרקעמט אַזוי וואַרעם
די האָר אין אַ גילדענעם שרונט?
צוקאָפּנס — אַ ליכט ווי אַ במאַרע,
וואו ס'שלאָפט אַ פאַרלאָשענע זון.

צוויי טעג אַז דו וואַרטסט אויפן אָרון,
אַ, קינד פונעם אונטערן בריק,
מיט טויט האָט די שטאָט דיך באַוואָרנט,
נאָר נישט מיט אַן אייביקער וויג.

געהאַרבסט האָסטו דאָ, און געווינטערט,
נאָר זומערן איז דיר באַשערט
מיט אַנדערע זוניקע קינדער
אין וואַרעמער, זאַמדיקער ערד.

צען יאָר, ווי די צען דיינע פינגער,
פאַרבלייכט און פאַרבליט אָן געזאַנג,
דאָס עלפטע דיינס וועט איצט זינגען
דער ערד, — דיך אַליין, — אַ געשאַנק.

דיין גאַנג אין דער היים צו באַלייטן
האָט קיינער קיין רויז נישט געשיקט,
די האָר — דיינע אייגענע קווייטן,
אַ, קינד פונעם אונטערן בריק.

אַ קריינדל פון גרעזעלעך דאַרע
אַרום דעם צעגראָבענעם גרונט,
אין אָרון איז ליכטיק און וואַרעם
דעם מיידלעס גילדענער שרונט.

# שאַין, אַ שאַין

צוגעפּלעטשט דאָס היטל אויף אַ זייט,
ס'פּנים'ל ביי אים מיט פרייד פאַרברוינט,
אויגן נישט פון הי, נאָר פון סיציליער ווייט,
קוקן אויף די גאַסן חידוש'דיק-דערשטוינט. —
שאַין, אַ שאַין.

ס'קעסטל אָנגעפּיקעוועט מיט אַלדעסגוטס:
בערשטלעך, שמאַטקעלעך און שיך-פּאָליר,
ס'קעלעכל פאַרקלינגט די גאַס: איך פּוץ,
נאָר אַ ניקל, — געל, צי שוואַרץ קאָליר, —
שאַין, אַ שאַין.

טשואינג-גאַם, אַ סיגאַרעטל און אַ שפּיי,
טאָני איז שוין צען, כאָטש דאַר איז זיין געביין,
גאַסן זענען ברייט און ער אויף זיי איז פריי,
גאַסן זענען ענג און ער איז דאָ אַליין, —
שאַין, אַ שאַין.

טאַטע גראָבט אַ סאָבוועי פאַר דער שטאָט,
מאַמע האָדעוועט קליינוואַרג מיט געשריי,
טאָני קומט פון געסל, פונעם ענגן מאָט,
אויף קאַנעל, דיוויזשאַן, איסט-בראָדוועי, —
שאַין, אַ שאַין.

ס'בערשטל אין די דאַרע הענטלעך, ווי אַ ווינט,
גייט אַ טענצל אויף די שיך, — סע בלאַנקט!
און דער טאַטע ווערט פון גראָבן סאָבוועיס בלינד,
און די מאַמע איז די לעצטע יאָרן קראַנק, —
שאַין, אַ שאַין.

מאַכט אַמאָל זיך מיט די קינדער אַ געשלעג,
וואַרפט זיך טאַני אויפן פיינט מיט דאַרע הענט,
אויפן טראָטואַר — צעשליידערט זיין פאַרמעג,
וועמען אַרט עס איצטער, אַז מלחמה ברענט? —
שאַין, אַ שאַין.

פויסטן בליצן, נעגל דראַפּען, שטשירען ציין:
טאַני, גיב אים אין דער נאָז אַריין אַ שמיר,
האַק אים אין די ריפּן, ברעך אים דאָס געביין,
זאָל ער וויסן ווייטער טשעפּען זיך מיט דיר, —
שאַין, אַ שאַין.

און דערנאָך, די פויסטן ווערן מיד אין שוואונג,
וויינט דער פיינט, נאָר טאַני שווייגט מיט ווייַ,
אוים געשלעג, און טאַני שטעלט אַרוים אַ צונג:
נאַט אייך, מיינע פיינט אויף איסט-בראָדוועי, —
שאַין, אַ שאַין.

קלייבט צונויף דאָס האָב-און-גוטס פון טראָטואַר,
גיט אַ שפּיי מיט האַס אויף גאָרער וועלט,
נאָר די אויגן ברענען, ווי צעשאַרטער זשאַר,
טאַני גייט אויף מאַט, אין פינצטערן געצעלט, —
שאַין, אַ שאַין.

## גילדענע פּאַווע

אָ, חברים׳לעך, גילדענע פּאַווע פליט,
זי לאָזט זיך אַרונטער ביי אונדזערע טרעפּ,
די פליגלען פּאַלן, די פּאַווע איז מיד,
אַז קאָם וואָס זי האָט זיך צו אונדז דערשלעפּט.

מיין פּאַוועלע־חבר׳ל, גאָלדעלע־גילד.
פון דיר האָט אַ מעשה׳לע באָבע דערציילט:
מיט אָרעמע קינדער האָסטו זיך געשפּילט,
די גילדענע פעדערן דיינע צעטיילט.

פאַר פעדערן דיינע, פאַר גאָלד און פאַר רויט,
געקויפט האָבן קינדער מאַנטעלעך, שיך,
פאַר טאַטעס און מאַמעס הערינג מיט ברויט,
פאַר פינצטערע שטיבער אַ קנייטל, אַ ליכט.

און דו ביסט געבליבן נאַקעט און הויל,
פון פליגלען האָט טראָפּנדלעך בלוט געטריפט,
דאָס לייב דיינס צעוואונדיקט און שוואַרץ ווי קויל,
נאָר פריידיק האָסטו מיט די קינדער געשטיפט.

מיין חבר׳ל־פּאַוועלע, ווידער אין גאָלד
האָסטו זיך פאַר אָרעמע קינדער פאַרהילט.
ווער האָט דיר קאָלירן אַזויפיל באַמאָלט?
און ווער האָט די פעדערן דיינע באַגילדט?

דער מאָן האָט באַשפּרענקלט מיט פונקעלעך רויט,
די זון האָט געגילדט און דאָס גראָז האָט פאַרגרינט,
דער קאַרשנבלי האָט מיך אין וויים אויסגעשפּינט,
די פעלדבלום — מיט שטרייפעלעך בלוי באַטויט.

אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און אַ לאַנד מיט אַ ים
האָב איך זיך געטראָגן צו קינד און צו קייט,
צו שענקען מיין גאָלד פון פליגלען און קאַם,
דעם פּעבער מיט אַלע קאָלירן צעשפּרייט.

פון גאַס און פון געסל, פון הויף און פון דאַך,
די באָרוועסע קינדער — ווי גענדז גו־גו־גאָ,
מען פּאַטשט אין די הענטלעך, מע זינגט און מע לאַכט:
די גילדענע פּאַווע, די פּאַווע איז דאָ.

# שוועסטערל מיינס

קליין איז דער ברודער, די שוועסטער — נאָך קלענער,—
שוועסטערל-זינגערל מיינס.
שיין איז דער ברודער, די שוועסטער — נאָך שענער, —
שוועסטערל-גאָלדעלע מיינס.

ציילט זיינע יאָרן דער ברודער — זעקס פינגער.
ציילט אָפּ די שוועסטער נאָר דריי.
ברודער איז עלטער און שוועסטער איז יינגער,
ווער־זשע איז וועמען געטריי ?

טאַטע דאַרף האָרעווען ברויט צו פאַרדינען,
מאַמע דאַרף העלפן דערביי,
גייען זיי ביידע אַוועק פון באַגינען,
ווער־זשע איז וועמען געטריי ?

איך בין דער טאַטע און איך בין די מאַמע,
שוועסטערל זינגערל מיינס,
איך וועל די זיידענע האָר דיינע קאַמען,
שוועסטערל-גאָלדעלע מיינס.

איך וועל דיך קליידן און איך וועל דיך נערן,
שוועסטערל עסערל מיינס,
איך וועל די רייד דיינע קינדערשע הערן,
שוועסטערל פּלאַפּלערל מיינס.

ווער וועט אין שטוב מיט דיר אַלעמאָל זיצן,
שוועסטערל אייגנס דו מיינס ?
ווער וועט דיך היטן פון קעלטן און היצן,
שוועסטערל-שטיפערל מיינס ?

איך וועל דיך היטן פון וואַסער און פייער,
שוועסטערל אָרעמס, דו מיינס,
איך בין דיין ברודער און דו ביסט מיר טייער,
שוועסטערל-גאָלדעלע מיינס.

## בוקער טי

ווי אַלע טאָג, איז בוקער טי
היינט אויפגעשטאַנען אינדערפרי,
מיט שטייפע האָר און שאַרפע ציין,
מיט ביינעוודיק־פאַרשפּיצט געביין.
ווי אַלע טאָג געטאָן אַ זונג
און ס׳קול דאָס אייגענע אַ שלונג.

ווי אַלע טאָג, — נאָר וואָס איז היינט?
די זון האָט זיך אַזוי צעשיינט
אויף קעלער־שויב, אויף שפּינוועב,
און ס׳נידערט גאָלד אַראָפּ די טרעפּ.
אַ זונשטראַל קיצלט אים די נאָז,
ווי אויסגעדאַרטע שפּיצלעך גראָז.

צעלאַכט זיך הילכיק בוקער טי
און פּאַטשט זיך אַזש פון פרייד די קני.
אַ טאָג אַזאַ איז אַ געשאַנק,
און ווערטער זענען היינט געזאַנג,
און לידער פון קענטאָקי׳ס פלעין
צעטאַנצן זיך אויף ווענט פון שטיין.

אין שטוב איז בוקער טי אַליין,
און דאָר איז ער, און שוואַרץ, און קליין,
די מאַמע וואַשט אוודאי וועש
און פּוצט ביי פרעמדע זייער מעש.

דער טאַטע? — ווער קען וויסן וואו ער איז?
דאָס האַרץ האָט אים געטאָן אַמאָל אַ ריס
צו זען ווי ס׳צינדט קענטאַקי־זון זיך אָן,
צו טרינקען רויטע יויך פון דעם מעלאָן,
צו שפּילן יוקעלעלע אויפן טאַבאַק־פעלד
און נעכטיקן אַ נאַכט אין לייוונטן געצעלט.

די שיף איז אָפּגעגאַנגען גרוי־פאַרטאָג.
אַ וואָרט. אַ לאַך. אַ ווייטער זאָג.
דער האָדסאָן גיט זיך פויל אַ צי.
— נו, קום אַהיים, מיין בוקער טי...
די מאַמע נעמט אים ביי דער האַנט
און קוקט נאָך אַלץ צום האָדסאָנס ראַנד.

און איצטער וואַשט די מאַמע וועש,
און פוצט ביי פרעמדע זייער מעש.

פון האַרלעם ביז צו העראַלד סקווער, —
דער גאַנג איז גרינג, דער בויך איז לער,
ס׳איז דאָ אַזויפיל פרייד אין גאַנג,
אַ טאָג אַזאַ איז אַ געשאַנק.

און אַז דער טאַטע איז נישט הי
און ס׳גייט אַוועק די מאַמע פרי,
פון וואָס דערנערט זיך בוקער טי?
אַ פויגל כאַפּט זיין שפּייז אין פלי,
און בוקער טי פאַרדינט זיין שפּייז
פון שפּרינגען ווי אַ הונט אין קרייז,
פון אָנגעצונדענעם געמיט,
וואָס ווי דער רויטער מאָן צעבליט.

דאָס טענצערל פון העראָלד סקווער, —
און וועמען אַרט עס וואָס און ווער?
די אברים וואַרפט ער ווי אין היץ,
די דאַרע פיסלעך ווי אַ בליץ,
דער קאָפּ ווי סמאָלע איז געקרויזט,
דאָס בלוט אין שוואַרצער הויט — צעברויזט.
אויף שרויפן דרייט זיך דער געזעם,
דאָס גופל ציטערט אינעם דזשעז.

דאָס טענצערל פון העראָלד סקווער
איז מיד געוואָרן, אָטעמט שווער,
דער שוים איז ווייס אויף ברעגן מויל,
דאָס פּנים טליעט ווי אַ קויל.
צו וואַנט דאָס גופ׳ל צוגעשפּאַרט,
די סענטן קלינגען טויב און האַרט,
ווי האָגל פאַלן זיי אויף שטיין, —
געצאָלטס פאַר בוקער טים געביין.

## פייערדיקע פייגל

אויף אַ פעלד אין ווייטן כינע
שטייט אַ בוים מיט בלעטער גרינע
און אַן עלנט שטיבל היט.
היט די פענצטער, היט די טירן,
היט די רויט-און בלוי-קאָלירן,
היט ביינאַכט די ווייסע טריט.

איצטער איז דאָס שטיבל ליידיק,
נאָר געקלונגען האָבן פריידיק
קינדערס קעלעכלעך אַמאָל.
פּנים׳לעך, ווי מאַנדלען, ברוינע,
קעפּלעך — חנ׳עוודיק אַזוינע,
אייגלעך — לענגעכדיק און שמאָל.

שווער געהאָרעוועט דער טאַטע
נאָר די קינדער זענען זאַטע
מיט דער פויערישער שפּייז.
און די מאַמע, ווי אַ מאַמע,
וואַשן, נייען, צוואָגן, קאַמען
איז, דער עיקר, קאָבן רייז.

טאַטנס הענט — פון אַרבעט וואונדיק,
נאָר ביי קינדער ווערן רונדיק
פּנים׳לעך, ווי רויטע פּרוכט.
מאַמעס הויט ווערט דאַרער, געלער,
נאָר די קינדערס אויגן — העלער, —
קינדער זאַט, באַקליידט, באַשוכט.

וואַנג דער עלטסטער, ווינג דער יינגסטער,
פון באַגינען לידער זינגסטו
מיט די שוועסטער, טשינג און טשאַנג,
טאַטע-מאַמע האָבן נחת,
וואָס אַן אייגענער דער דאַך איז
און וואָס יונג איז דיין געזאַנג.

איינמאָל, שטיל איז דער באַגינען,
שטראַלן זון, ווי טייכלעך רינען,
לויטער איז די וועלט אַרום.
קינדער זענען אויפגעשטאַנען
און געזען ווי עראָפּלאַנען
טראָגן זיך מיט רויש און זשום.

„זע־נאָר, פייגל!" שרייען קינדער.
„ניין, דאָס זענען אונטערצינדער",
זאָגט די מאַמע מיט אַ קרעכץ.
„פייגל, פייגל, עי, פונוואַנען!"
„פייער ברענגען די יאַפּאַנער
זייער פליען ברענגט אונז שלעכטס".

גאַפן קינדער ווי די פייגל
אין די הייכקייטן זיך בייגן,
פליען גלייך און פליען רונד.
נאָר די מאַמע זאָגט מיט ציטער:
„גאָט זאָל זיין אונדזער באַהיטער
פאַרן שונא, פאַרן הונט".

קינדער טאַנצן, קינדער שרייען
און די פייגל — פייער שפּייען
אויף די קינדער פון דער הייך.
וואַנג דער עלטסטער, ווינג דער יינגסטער,
טשינג און טשאַנג, ווי ווינטלעך גרינגסטע,
פאַלן שטיל, פאַרוואונדערט, בלייך.

אַז די מאַמע פאַלט אַנידער,
קומען פייער פייגל ווידער
און פאַרברענען איר געביין.
אַז דער טאַטע קומט פאַרטייעט,
גייט אים אוים פאַר שרעק דאָס חיות,
רינט זיין בלוט אוים אין געוויין.

אויפן פעלד אין ווייטן כינע
שטייט אַ בוים מיט בלעטער גרינע
און אַן עלנט שטיבל היט.
אַלע נאַכט אין שטיבל פוסטן
הערט דער בוים אַ מענטשן הוסטן,
הערט דעם קלאַנג פון ווייכע טריט.

אויפן פעלד אין ווייטן כינע
שטייט אַ בוים מיט בלעטער גרינע —
היט די שאָטנדיקע טריט.
צי ס'איז טאַטע, צי ס'איז מאַמע,
צי אַ קינד, — פון שונא'ס פלאַמען,
ווי דאָס אויג אין קאָפּ זיי היט...

# דוד און גלית

געווען איז דוד אַ פּאַסטעך
ביי ישי׳ן, דעם אייגענעם טאַטן,
אַ יינגל — דין ווי אַ מאַסטבוים,
ווען זעגל אויף אים איז צעפּלאַטערט.

די שאָף און די רינדער געפּיטערט
אויף יהודה׳ס בערג און פּליינען.
אַ פריילעכער, גוטער היטער
געווען איז דער פּאַסטעך דער קליינער.

פּאַרטאָג, אַז ער קומט מיטן שטעקן
און טאַרבעלע ברויט — זיין פאַרמעגן,
באַגעגענען שאָף אים מיט אַ מע־קען
און ס׳טאַנצן אים לעמער אַנטקעגן.
די ציקעלעך רייבן די ציינדלעך
אין דוד׳ס צעפּליקטע סאַנדאַלן,
אפילו די בעק מאַכן חנ׳דלעך
און קוליען זיך איבער און פאַלן.

„גוט מאָרגן", זאָגט דוד דער סטאַדע,
נאָר נישט מיט קיין רייד, מיט אַ שפּילן,
„איר זענט דאָך שוין דאָרשטיק אוודאי,
כ׳וועל פירן אייך טרינקען צום שילוי".

גייט דוד, די סטאַדע גייט נאָך אים
מיט מע־קען, מיט מו־ען, מיט קלינגען.
ביים ברעג, וואָס מיט שטיין איז צעבראָכן,
בלייבט שטיין דער פּאַסטעך, דאָס יינגל.

די שאָף — ביז די קנאָכן אין וואַסער,
די פיסקעס נאָר טונקען די לעמער,
די ציקעלעך שפּרינגען און שפּאַסן
און טרינקען, און ווילן זיך שעמען.

דאָס יינגל, — מיט שפּיציקע שטיינדלעך
האָט ליב זיך אין ביימער צו צילן,
ער שיסט זיי אַצינד, ווי געוויינטלעך,
אַריבער פון יענער זייט שילוי.

דערנאָך, אַז די זון הייבט אָן שיינען,
פירט דוד די סטאַדע אויף פּאַשע
און זינגט זיי: „אָ, שעפּעלעך מיינע,
כ׳וועל באָדן פאַרנאַכט אייך, און וואַשן".

אַליין נעמט ער ברויט פונעם זעקל
און עסט מיט פרייד און מיט ציטער
און וואַרפט נאָך די ציקעלעך ברעקלעך, —
דער פּאַסטעך, דאָס יינגל, דער היטער.

אַזוי האָט דאָס יינגל דער פּאַסטעך
געפיטערט פון שילוי ביז אַמון
און שפּיציקע שטיינדלעך אַ קאַסטן
באַהאַלטן ביים טאַטן אין קאַמער.

דער פּלישתּי איז יהודה באַפאַלן
פאַרוויסט אירע פעלדער, צעגראָבן,
פאַרשטאָפּט אירע ברונעמער, קוואַלן,
איר תּבואה צעוואָרפן פאַר ראָבן.

דאָס פאָלק אין יהודה האָט ביטער
דער פּלישתּי פון דערפער געטריבן, —
און דוד האָט ווייטער געפיטערט
די סטאַדע, און שטיינדלעך געקליבן.

ס'האָט דוד געפילט: ס'וועט נאָך קומען
דער טאָג צו באַפרייען יהודה,
און פײנלעך באַטראַכט די אָרומען
וואָס ס'האָבן די פלישתים צערודערט.

בײטאָג, ווען די שאָף פלעגן קײען
דאָס מאָגערע גראָז אויף די פלעינען,
האָט דוד געזאָגט: „אַז באַפרייען,
איז אפשר אויך מיך זאָל מען מיינען".

און דוד די שטײנדלעך מאַכט שאַרפער
און לערנט זיך בעסער צו צילן,
אַז ס'וועט קומען דער טאָג, מע וועט דאַרפן,
זאָל גרייט זיין דער פאַסטעך פון שילוי.

געווען איז ביים פלישתי אַ קריגער,
זעקס איילן, אַ שפּאַן נאָך אַריבער,
פלעגט אַלעמאָל וועלן זיך קליגן
צו ווייזן אַז ער איז אַ גיבור.

ס'האָט גלית דער גיבור געהייסן,
אַ בייזער, דערצו נאָך אַ שפּעטער,
ער פלעגט מיט די יידן זיך רייצן
און רויבן די שטעט און די שטעטלעך.

יהודה פלעגט פאַלן און שטרייטן,
נאָר שטאַרקער געווען איז דער פלישתי.
געבראַכט האָט ער קריגסלייט פון ווייטן
דאָס יידישע לאַנד צו פאַרוויסטן.

באַפאַלן די סטאַדע אויך ישי'ס,
צעריסן, צערויבט און צעפלינדערט,
געשאָכטן די לעמער מיט רשעות,
געפייניקט די שאָף און די רינדער.

דער פּאַסטעך, דאָס יינגל, דער היטער
האָט בלוטיקע ביינדלעך געזאַמלט,

געווינט וואָס זיין סטאַדע איז שיטער, —
און שטיינדלעך געטראָגן אין קאַמער.

פאַרבונדן די וואונדן, די מום׳ען, —
דער פּאַסטעך, דער היטער, דאָס יינגל,
אַז טאָג פון נקמה וועט קומען
געפילט אינעם ברען פון די פינגער.

דער טאָג איז געקומען. אין אילה
האָט שאול, דער קיניג יהודה׳ס,
פאַרזאַמלט דאָס חיל פון היילן,
פון פעלזן, פון פעלדער מיט רודעס.

דער פּלישתי — אַנטקעגן געשטאַנען,
מיט קיווערס, מיט שפּיזן, מיט בלעכן,
אַ חיל — געקליבענע מאַנען
צו טייטן, צו טיליקן, ברעכן.

דאָס חיל יהודה׳ס איז מוטיק,
נאָר שטאָל איז באַוואָפנט דער שונא,
דער שטרייט וועט אוודאי זיין בלוטיק
פאַר אַלע יהודה׳ס באַוואוינער.

קומט גלית אַרויס מיט אַ פּיקע,
אין בלעך און אין קופּער באַפּאַנצערט,
די לענדן מיט דראָט־שטריק פאַרוויקלט
און פיילן אין לעדערנע ראַנצן.

„ווער וועט זיך מיט מיר דאָ פאַרמעסטן?"
וואָרפט גלית די ווערטער ווי האָגל,
„יהודה, פון זיך שיק דעם בעסטן
מיט מיר איינס־אויף־איינס זיך צו שלאָגן".

ווער וועט זיך דערוועגן צו פעכטן
מיט גלית'ן, גלית דעם גיבור ?
און גלית צעוויגט מיט גלעכטער
דעם קאָפּ אינעם קופּערנעם קיווער.

דער קיניג יהודה'ס, דאָס חיל,
דאָס פאָלק, זיינע זין און די טעכטער,
פאַרנעמען דעם שפּאָט און זיי שרייען:
„ווער וועט זיך מיט גלית'ן פעכטן?"

באַווייזט זיך אַ פאַסטעך, אַ יינגל,
אַ שטעקן, אַ טאָרבע, סאַנדאַלן.
און הייבט־אָן מיט שטיינדלעך צו קלינגען:
„פון מיין האַנט וועט גלית היינט פאַלן".

דער קיניג יהודה'ס טוט שטוינען,
דאָס חיל בלייבט שטיל און פאַרוואונדערט:
„ביסט קליין קעגן אים, קעגן שונא,
ווי דו — קען ער שלאָגן אַ הונדערט".

נאָר דוד, דאָס יינגל, דער פאַסטעך,
גייט ווייטער פאָרויס מיטן שטעקן,
אַ דינער אַזוי ווי אַ מאַסטבוים,
און ווייסט נישט אַז ער דאַרף זיך שרעקן.

אַ שפּאָטיקער, איבער זעקס איילן
דער פלישתי, דער קופּערנער ריטער,
און ס'קומט אים אַנטקעגן אין אילה
דער פאַסטעך, דאָס יינגל, דער היטער.

„דו פעכטער יהודה'ס, ווי וועסטו
אָן פאַנצער, אָן פיילן, אָן שפּיזן
מיט מיר אין געפעכט זיך פאַרמעסטן,
מיט מיר וואָס איז שטאַרקער פון ריזן?"

נעמט דוד אַ שטיינדל פון זעקל,
אַ שטיינדל געשאַרפט ווי אַ קלינגל,
צעוויגט עס מיט קלאַנג ווי אַ גלעקל
און צילט עס, — דער פּאַסטעך, דאָס יינגל.

געטראָפן אין שטערן דעם גיבור,
געפאַלן איז גלית אין אילה,
זיין גוף איבער שטיינער און גריבער,
ס׳געווער איז אויף פעלזן, אין היילן.

צעלויפט זיך דאָס פּלישתי׳שע חיל
ווי רויבפויגל פאַר די יעגער,
לאָזט איבער אויף שפּאָט צו באַשפייען
דעם טויטן, דעם בלוטיקן שלעגער.

פון יאָך זענען פריי, און פון פּלינדער
יהודה׳ס פעלדער און גיטער,
צוריק צו די שאָף און די רינדער
קומט דוד, — דער פּאַסטעך, דער היטער.

# אַ מעשה׳לע פון בראָד

קומט צופליען די גילדענע פּאַווע
מיט אַ קריגעלע
אויפן פליגעלע,
אָנגעפילט מיט קאַווע.

ס׳קריגעלע איז פון פּאַרצעליי
און אוודאי שפּאָגל־ניי,
און די קאַווע איז באַ׳טעמ׳ט,
גאָלדיק־ברוין ווי זוניק זאַמד.

ווער וויל קאַווע? — פרעגט די פּאַווע
— מעכעטייסע,
אויב ס׳איז הייסע,
גיב פאַרזוכן, ס׳איז טשיקאַווע.
פּאַווע דרייט זיך איבער־ווידער,
נאָר זי קומט נישט צו דער נידער.

עי, דו פּאַווע, פליגל־ציטער,
דו דערלאַנג אונדז דאָס געטראַנק,
ערשטער, צווייטער און דער דריטער,
קום אַרונטער און דערלאַנג.

הויבט די פּאַווע אויף דאָס קול
און זי זאָגט אַזוי צו זאָגן:
כ׳בין געפלויגן באַרג און טאָל,
איבער ים׳ען זיך געטראָגן.

זענען פליגלען שווער און מיד
און די נאַכט איז צוגעפאַלן,
וויל איך רו אויף נאַכט, און פריד,
ביז דער טאָג וועט זיך צעשטראַלן.

זע איך, אַז די אַלטע באָד
שטייט געבויגן און אַליינִיק, —
ס׳איז געווען דאָס שטעטל בראָד,
וואו די גאַסן זענען שטייניק.

בראָד איז בראָד און באָד איז באָד,
איבערגעאַכט וועל איך שוין נעסטן
אויף אַ שטיין, צי אויף אַ ראָד,
וואו סע וועט מיר זיין צום בעסטן.

לאָזט זיך אויס אַזאַ מין מעשה:
ס'איז דאָרט דאָ אַ ייד אַ בעדער,
איז ער רויט און איז אַ כעסן,
רייסט ער מיר ארויס אַ פעדער.

נישט אַזוי די גילדענע פעדער,
ווי דאָס קריגעלע קאַווע,
נישט אַזוי דער שלעכטער בעדער,
ווי דאָס מיידעלע חוה.

חוה וויל די גילדענע פעדער
און דער בעדער זאָגט איר: ניין!
חוה לויפט אויף גערטנער, סעדער
מיט אַ ביטערן געוויין.

מיידעלע חוה, גאָלדן קינד,
ווילסט אַ פעדער, — נאַ דיר צען.
מיידעלע חוה איז שוין בלינד,
הערט זי מיך און קען נישט זען.

ווי ס'איז ביטער פליגל-ציטער,
אַ פייגעלע אויפן ווינט,
אַזוי איז ביטער, פליגל-ציטער,
אַ מיידעלע, אַז ס'איז בלינד.

נאַ דיר פליגלען אַ געשאַנק!
נאַ דיר חוה, מיינע אויגן,
— ניין, זיי וועלן מיר נישט טויגן,
פאַווע גוטע, גרויסן דאַנק.

וואַקסט אַ קרייטעבץ ביי דעם ירדן
צווישן שטעכערס, — אָבער מילא,

ווער האָט מורא פאַר געפאַר דען
אַז דאָס גראָז קען בלינדקייט היילן?

נישט אַזוי די ווייטע שטרעקע,
ווי די כמאַרעס יאָגן,
נישט אַזוי דאָס האַרץ טוט שרעקן,
ווי די שנייען האָגלען.

ירדן שטורעמט, שטעכערס בריען,
כ׳טראָג אין שנאָבל שוין דאָס קרייטעכץ
אויף צוריקוועגס גוט צו פליען,
הימל האָט זיך אויסגעלייטערט.

שוין ביי בראָד, די שטיבער שפּילן
מיט דער זון אַ שפּיל פון פאַרבן,
פיל איך: בלוט מיינס הייבט־אָן קילן,
איבער מיר דרייט זיך אַ שפּאַרבער.

ווי ס׳איז ביטער בלוט זאָל גיסן
פון דיין צעפליקטן לייב,
אַזוי איז ביטער, אַז צעריסן
דער שפּאַרבער יאָגט און טרייבט.

פיק און פליק, — אַראָפּגעוואויגן
האָט דער שפּאַרבער מיך צו דרערד,
נאָר דאָס קרייטעכץ צו די אויגן
אויפצוהיטן איז באַשערט.

נאַ דיר, קינד, די זון צוריק
מיט מיין לעצטער פעדער,
אויפגעשיינט האָט חוה׳ס בליק, —
חוה׳לע דעם בעדערס.

נישט אַזוי די פעדער רייסן,
ווי צום סוף די פרייד,
נישט אַזוי דער בעדער־כעסן,
ווי פאַר קינד און קייט.

# אַנטשי פון דער באַטאַרי

קינדער זענען דאָ
שטילערע און זאַטערע,
אָבער ווער איז פריי?
אַנטשי ביי דער באַטאַרי.

שיפלעך, ווי די טרעמפּס,
וואָגלען־אום און רייכערן, —
וואו האָסטו אַ טאָג
אַ שענערן און ווייכערן?

ים־פייגל אין פלי
איבער כוואַליעס פלאַטערן,
לאַכט צו זיי געשמאַק
אַנטשי ביי דער באַטאַרי.

וואָס־זשע ביסטו היינט,
אַנטשי, אַזוי טרויעריק?
מיט דיין קוק די ווייט
ווילסטו דורכבויערן.

ס׳גרויע וואַסער שניידט
אַ פאַררייכערט קראַטערל, —
שטיל האָט זיך צעוויינט
אַנטשי ביי דער באַטאַרי.

שפּריצט אַרויף דער שוים
אויפן שטיין דעם מאַכיקן,
וויינט אַ קינד אַליין
אין אַ טאָג אַ וואָכיקן.

טאָג איז היינט ווי נאַכט,
ביז די פייגל פלאַטערן, —
הונגעריק איז היינט
אַנטשי ביי דער באַטאַרי.

# ברידער

# קין

ווי אַ שטיק צעפּלאַמטע רודע
איבער קינ'ען די זון פאַרגייט
און אַ ברודער וויגט אַ ברודער,
וואָס אַליין האָט ער געטייט.

ס'רייכערט זיך נאָך פלייש געבראָטנס,
ביינער פונקען נאָך אין זשאַר,
אין פאַרנאַכט וואַקסט־אויס דער שאָטן
פונעם ערשטן ברודערדיקן צער.

ס'ליגט דער שטיין מיט בלוט באַשפּרענקלט,
הבל'ס קאָפּ רוט לעבן שטיין,
און אין קינ'ס האַרץ — אַ בענקען
שטיל גייט־אויף, ווי אַ געוויין.

עפן דיינע אויגן, הבל,
ס'רופן דיך אין פעלד די שאָף,
ערשט ביסטו געווען דאָס לעבן
און אַצינד ביסטו דער שלאָף.

הבל, שווייגסט? די האָר צעשויבערט
און מיט פייער־רויט פאַרפּלייצט,
ס'פּנים דיינס איז בלייך און זויבער,
ס'אָפן מויל דיינס שווייגט און רייצט.

ווער ביסטו? אַצינד ערשט אייגן,
ערשט דיין בלוט אין מיר דערשפּירט,
קין וועט ביי דיר זיך לייגן,
ווי אַ קראַנקע שאָף ביים הירט.

אז דו שלאָפסט, ווער רופט מיך איצטער?
איבער גראָזן גייט דער רוף,
און די רייד, ווי שטיין-פאַרשפּיצטע,
שניידן זיך אַריין אין גוף.

פרעמד דאָס קול און דו ביסט אייגן,
קין שרעקט זיך פאַר די רייד;
קין ווערט צו דיר זיך בייגן,
ווי צום אַקער אויף דער בייט.

ס'קול מאָנט ברודער, — דו ביסט הבל.
ס'קול שרייט: קין, האָסט געטייט . . .
דו ביסט לעבן פון מיין לעבן,
דו ביסט איינס און זאַלבעצווייט.

נאַכט. דער ווינט אויף ביימער — דו-דו,
איבער גראָז דאָס קול נאָך גייט,
און אַ ברודער וויגט אַ ברודער,
וואָס אַליין האָט ער געטייט.

# ישמעאל

נאַכט איז אין מדבר. איך שטיי דאָ און זאָג איר:
מאַמע מיינע הגר.
ווער איז דער שטראָפער און ווער איז דער שלאָגער,
מאַמע מיינע הגר.
דאָ איז די מדבר און דאָרט איז דער יאָגער,
מאַמע מיינע הגר?
אויגן דיינע — הונגער, ס'פּנים דיינס איז מאָגער,
מאַמע מיינע הגר.

דער טאָג צינדט זיך אָן און אויף ייִנגלשע הענט
פאַרלאָשענעם גוף טראָגט ישמעאל און מאַנט, —
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט,
אַז דאָ ווערט פאַרלאָשן און דאָרט צינדט זיך אָן?

אברהם האָט גאָט אין די אויגן געקוקט
און אייביקייט זיינס אינעם אָנבליק דערקענט,
און דאָ האָט די מדבר די מאַמען פאַרצוקט, —
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט?

דאָס לעבן איז לאָגל, איז וואַסער, איז ברויט,
דאָס לעבן איז האַנט, וואָס דערשלאָגט און פאַרלענדט,
דער טויט איז דאָס האַרץ, וואָס האָט ליב און געטרויט, -
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט?

דאָס לעבן איז יצחק אין שרה'ס געצעלט,
דער טויט איז אַ גוף, אין דער מדבר געשענדט,
אַ פּנים — פאַרלאָשן, אַ מאַמע — פאַרגעלט, —
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט?

אַ, ברודערל יצחק, דו שטייסט אויף דער שוועל
מיט פריידיקן ציטער, ווען שרה גענענט,
און איך — טראָג אַ גוף, ווי אַ טרוקענע פעל,
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט?

אַט האָב איך דעם גוף שוין פאַרשאָטן מיט זאַמד,
אַ מאַמען פאַרשאָטן מיט ייִנגלשע הענט,
און ס'האָט, ווי אַ בוים, זיך די ליבע צעשטאַמט, —
אין וועמען איז ליבשאַפט און פיינטשאַפט געווענדט?

אויף דער שוועל פון מדבר
האָט אַ בוים זיך צעבליט, —
יצחק'ל, מיין ברודער,
כ'האָב דיין שאָטן געהיט.

כ'האָב געזען דיך וואַקסן
אין דעם שאָטנס גרייס —
יצחק'ל, מיין שאָטן,
ווייסט נישט אַז איך ווייס.

כ'האָב געזען דיך פירן
אויג־אויף־אויג צום טויט
און כ'האָב נאָכגעטראָגן
מיין פאַרברענטע הויט.

כ'האָב געזען דיך שטרעקן
אויפן שטיין און האַלץ, —
כ'וויל נישט, גאָט פון מדבר,
מאַמעס טויט באַצאָלט.

כ'האָב געזען דאָס מעסער
ווי פאַרטאָג סע בלאַנקט
און מיט דיר אינאיינעם
האָט מיין האַרץ געצאַנקט.

כ'האָב געזען דעם ווידער
און דאָס קול געהערט, —
ברידער זענען ברידער
אויף דער שאַרף פון שווערד.

# יעקב און עשו

## א

דאָס חומש דערציילט אַזוי: ס׳איז עשו
געקומען אויף דער וועלט האָריק און רויט,
און נאָכגעשלעפּט נאָך אים האָט זיך יעקב,
מיט הענטלעך אין ברודערס פּיס פאַרטרויט.

נאָר עשו דערנאָך האָט אָפּגעריסן
פון יעקב׳ס הענט זיינע רויטע טריט,
און ביים מאַן פון פעלד האָט זיך די שנאה
צום שטילן ברודער זיינעם צעגליט.

דאָס חומש דערציילט נאָך ווייטער, אַז עשו
האָט חיות מיט בויגן-און-פייל געטייט,
און יעקב איז אין געצעלט געזעסן
און רבקה׳ס האַרץ מיט זיין שטילקייט דערפרייט.

אַזוי האָט די קריג זיך אָנגעהויבן, —
פון קליינעם פונק צום גרויסן פלאַם, —
און האָט זיך געצויגן פון ברודער צו ברודער
דורך אַלע דורות פון שטאַם צו שטאַם.

ס׳איז יעקב געווען אַ יושב אוהל
און יצחק׳ס בלינדקייט האָט ער געהיט,
נאָר עשו אין פעלד האָט אין זיך געטראָגן
דעם אָנריר יעקב׳ס אין זיינע טריט.

דער האָריקער, האָרעפּאַשנער עשו, —
אין פעלד ביים אַקער, אין וואַלד אויף געיעג, —
האָט יעקב׳ס שטילקייט אריינגענומען
אינאיינעם מיט דער אייגענער שרעק.

דאָס חומש דערציילט, אַז פאַרקויפט האָט עשו
די בכורה זיינע פאַר לינדזן־געקעכץ,
פאַרהאַרעוועטער, מידער עשו, —
און יעקב איז שטיל און איז גערעכט.

דאָס לינדזן־געקעכץ האָט עשו געשלונגען,
דערנאָך אָפּגעשלאָפן ביז קאַריאַר,
און אויפגעשטאַנען מיט דער דערמאָנונג
אַז איצטער איז ער שוין נישט דער בכור.

דאָס חומש דערציילט נישט פון עשו׳ס אויפשטיין,
ווי ס׳האָבן געשטאָכן אים די האָר
און ווי פון זיין האַריקייט האָט זיך געריסן
דאָס אויסגעשריי: כ׳בין שוין ניט דער בכור.

דערשלאָגן איז עשו אין פעלד געגאַנגען,
נאָך אים — דאָס אייגענע געשריי,
אַ פויגל מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען,
וואָס כאַוועט די שנאה אין זיין וויי.

## ב

טעג זענען דאָ הונגעריקע, טעג זענען דאָ זאַטע,
אָבער שטענדיק איז די מורא מײַנע, טאַטע.

כ'רײַס דאָס ברויט פֿון פֿעלד אָרום מיט צײַן־און־נעגל,
לײַב און לעמפּערט גײ איך מיט מײַן ברוסט אַנטקעגן.

נאָר ס'פֿאַרלױפֿט אַ שאָטן מיר דעם װעג אַ סך־מאָל,
זון פֿאַרגײט אויף מיר אַ קאַלטע און אָן רחמים.

ס'האָט געטראָפֿן: אױף מײַן אָנגעשטײפֿטן בױגן
האָט אַװעקגעזעצט זיך אַזאַ גרויער פֿויגל.

אַט אַזוי געזעסן, ווי אַ דעמב געשוויגן
און דערנאָך פֿאַרשפּרייט אויף מיר די גרויע פֿליגל.

נעכטן, אַז געשניטן כ'האָב אין פֿעלד אַ רודע,
האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'שנייד דאָס לײַב פֿון ברודער.

כ'האָב אין ערד־שניטן געזען דאָס בלוט זײַנס רינען, —
היט מיך, טאַטע, איך האָב מורא פֿאַר מײַן שנאה.

וויפֿל מאָל שוין האָבן רינזוועלעך געזאָטן
און אויף זיי געלעגן איז מײַן ברודערס שאָטן.

שרעק אין מיר, דער בויגן אין די הענט — אַ טעמפּער
און אַנטקעגן מיר געשפּרונגען איז אַ לעמפּערט.

אויף אַ בוים האָט מיך די שרעק אַרויפֿגעקלעטערט,
נאָר געבריט, ווי פֿריסעק, האָבן מיך די בלעטער.

כ׳ווייס, אז דו אַליין האָסט ברודער־האָס דערקענט שוין,
שפּרייט אויף מיר די הענט, — מיט ליבשאַפט מיך צו בענטשן.

כ׳ווייס, דו האָסט דעם טויט אַמאָל אין אַ באַגינען
אָנגעקוקט, נאָר נישט מיט שרעק און שנאה.

דו ביסט בלינד, נאָר מיט די פינגער דיינע זעסטו,
ווי די אויגן מיינע יעקב׳ס שאָטן מעסטן.

הערסט אין מיר דעם ציטער אויפגיין אין פאַרפריען,
ווי אין דיר אַליין אויפן באַרג מוריה.

ס׳האָט די פיינטשאַפט באַלד ס׳האַרץ אין מיר פאַרברענט שוין, -
שפּרייט אויף מיר די הענט, — מיט ליבשאַפט מיך צו בענטשן.

ג

דאָס קול איז יעקבֿ'ס, נאָר די הענט,
זיי זענען עשו'ס
די האָריקייט טאַפּט יצחק אָן
און פעלדער-ריח שפּירט:
געשמאַק געווען דאָס מאָלצייט דיינס,
איך וועל דערפאַר דיך גרייסן,
מיין זון — דער אַקערער, דער יעגער,
דער וואַנדערער, דער הירט.

דער בלינדער יצחק גיט אַוועק
די ערשטע, זאַטע ברכה
צו יעקבֿ'ן, וואָס האָט די הענט
מיט האָריקייט פאַרשטעלט:
דעם טוי פון הימל און דעם שפּריי,
וואָס קומט אַ שטיפער נאָך אים,
די תבואה צייטיקע און מער:
ס'געזאַנג פון זומערדיקן פעלד.

און עשו יאָגט זיך אום אין וואַלד
מיט הייסע פייל-און-בויגן,
מיט פרייד: ס'האָט יצחק צוגעזאָגט
אים בענטשן פאַרן טויט.
ער וועט דאָס גאַנצע לעבן זיינס
מיט לייכטע טריט אַזוי-גיין
און זינגען: ס'האָט דער טאַטע מיר
זיין ברכה אָנגעטרויט.

די זון האָט זיך אין צווייג־געדריי,
ווי הערנערלעך פאַרפּלאָנטערט
און עשו זינגט צו זיך, צו זיי:
די זון איז אַ גאַזעל,
איך וועל אויף זיך, אויף זיך אַליין
די הערנער אירע אָנטאָן
און — קומען אַ גאַזעל פאַרשטעלט
צום טאַטן אויף דער שוועל.

מיט זיידנס האָט דער ווינט פאַרשפּינט
דאָס גראָז און ביימער־שטאַמען
און עשו פילט אויף זיינע האָר
דעם אָנריר פונעם זייד.
אַזוי האָט אים אַמאָל מיט גוטס
אויך אָנגערירט די מאַמע
און איצטער נאָך דאָס האַרץ אין אים
צו מאַמעס זיידנס שריט.

און ברודער, זינגט ער, ווי אַ שאָף,
אַ מידע און אַ קראַנקע,
זיצט אין דער זון אַריינגעהילט
און וואַרעמט זיך פאַרשטילט, —
אָ, ברודער מיינער, שטילער תּם,
מיין אייגענער, מיין יעקבֿ,
מיין האַרץ האָב איך אַצינד צו דיר
מיט ליבשאַפט אָנגעפילט.
ס׳איז אָפן איצט מיין גאַנג צו דיר,
מיין האַרץ איז דיינס אַ טויער,
אַריבערטרעטן נאָר די שוועל,
איז גוטס פאַר דיר געגרייט,
צו דיר האָב איך מיין ליבשאַפט היינט
צעאַקערט ווי די רויערד, —
אַ מענטש, וואָס טאַטנס ברכה טראָגט,
פון זיך רייסט שטיקער פרייד.

די שרעק דיך פּיינט צו האָבן — היינט
וויי וואָלקן איז צערונען,
דער וואַלד טרינקט מיין געזאַנג
און שאָקלט זיך פון טרונק,
אַ ברודער, זאָגט דער וואַלד,
האָט עשו היינט געפונען
און פילן וועט ער אים, ווי וויין
מיט ציטער אויף זיין צונג.

ד

עשו האָט אַ הערש געפאַנגען
און אַהיים מיט פרייד געגאַנגען,
מיט דערוואַרטונג, ווי אויף נס:
טאַטנס הונגער צו דערנערן
און מיט בענטשונג זיינער ווערן
אַנגעפילט, ווי אַ געפעס.

האָט נאָר פייל געדאַרפט אַ צי־טאָן
און דאָס אויג זיינס דאַרף שוין היטן
ווי דער הערש פאַרוואונדערט פאַלט.
דינע פיס און הערנער־פלאַנטער
און דער גאַנג איז איצט אַ נאָנטער,
נאָר אַ שפאַן איז היים פון וואַלד.

טאַטע יצחק, ברודער יעקב,
גוט איז ברענגען אייך געשאַנקען
מיט אַן אָפן, פריידיק האַרץ.
ברודערס שוועל וועל איך פאַרביי־גיין
און אַ זונג־טאָן צו זיין שווייגן
און אַ לאַך־טאָן: נישט גענאַרט!

יאָ גענאַרט, — איך בין דיר מוחל,
ס'איז צערונען, ווי אַ רויכל
האַס צו דיר פאַר לינדז־געקעכץ.
אין די נעכט, צעשויבערט־וואַכע,
מיט דער ליבשאַפט און דעם פחד,
האָט דאָס האַרץ נאָך דיר געלעכצט.

אַז פאַריאָגט האָב איך די שנאה,
קאָן איך בכורה דיר פאַרגינען
און דעם בונד צו מיינע טריט.
דו ביסט גלאַט און איך בין האָריק,
דו ביסט שטוב און איך בין נאָרע,
נאָר מיין בלוט מיט ליבשאַפט זידט.

בלינד דער טאַטע, טאַפט נאָר, הערט נאָר,
אָבער יונג ביים הערש די הערנער
און ס׳איז ווייך זיין פלייש און זים.
קום, וועט זאָגן טאַטע יצחק,
נאָך דער ברכה מיינער זיין-נאָך
ס׳לעצטע מאָל ביי מיינע פים.

שפעטער מיטנטאָג, נאָר סאַיווי
פאַרבט די זון געצעלטן-לייוונט
מיט אַ שטיל און טונקל גאָלד.
טויטער הערש אויף עשו׳ס אַקסל, —
ליכטיק-ברוין די פעל און פלאַקסיק, —
הוידעט גרינג זיך, ווי אַ טראָלד.

ח

דאָס געשריי עשו׳ס פון יצחק׳ס געצעלט
האָט פאַרנאַכט זיך געריסן דערשטיקט און רוי,
ס׳האָט דער הערש זיך געוואַלגערט מיט קויטיקער פעל
און מיט טויטע אויגן געהערט דאָס געוואַי.

ס׳האָט אַ ציטער געטאָן יצחק׳ס בלינד געשטאַלט,
מיט די הענט האָט ער כאַפּן די ווערטער געוואָלט, —
ווער איז עשו, ווער איז יעקב? ס׳האָט פעלד און וואַלד
פון זיי ביידע געשמעקט און געלויכטן ווי גאָלד.

כ׳האָב געמיינט, אַז פאַרבינדן מיט ברודער דעם קנופּ
איז גענוג צו פאַרגיבן, ווי איך האָב אַמאָל.
זיין געשריי האָט עשו מיט די ציין געצופּט
און אויף יצחק׳ס קאָפּ געוואָרפן זיין קול:

כ׳האָב געמיינט, אַז אַן אויסלייז פאַר שנאה אין מיר
וועט דיין ברכה זיין אין פאַרלאָשענע טעג,
אַז דאָס לעבן מיינס וועל איך אַזוי גוט, ווי איך שפּיר,
ביזן סוף דערטראָגן, דערשעפּן ביזן דעק.

ס׳איז פאַרפינצטערט פאַר מיר דער טאָג אַצינד,
דיינע הענט זענען פרעמד, דיין קול איז אַ שניט,
נישט קיין ליבשאַפט צו ברודער, נאָר שנאה פאַרבינדט,
איך בין איינער געבליבן און איר — זאַלבעדריט.

דער פאַרנאַכט האָט אויף יצחק׳ס געצעלט דערברענט
מיט אַ רויט־פאַרגאָסענער צעיאָטערטער וואונד
און ס׳האָט עשו ווידער צום טאַטנס בלינדקייט גענענט
און זיין צער אויפגעעפנט, ווי אין פּאַס אַ שפּונט.

ס׳איז איצט לײדיק דײַן האַרץ און דײַנע טעג געצײלט,
ס׳האָט פון דיר גאָטס חסד זיך אָפּגעקערט,
איז מיט וואָס וועסטו בענטשן, אַז די ברכות צעטײלט
און האָסט יעקבֿ׳ן געגעבן דאָס גוטס פון דער ערד?

צווישן טאָג־און־נאַכט, אויף דער גרעניץ פון צײַט,
האָט זיך אויפגעשטעלט יצחק, ווי אַן אָנזאָג, אַ טרעף, —
כ׳הער אין יאָרן שפּעטער, ווי דאָס בלוט דײַנס שרײַט,
כ׳זע דײַן לעבן, עשו, צו דער שווערד צוגעהעפט.

אויף דער שווערד וועסטו לעבן, אין אײביקער קריג,
וועסט מיט בלוט דערנערן דײַן דור און דײַן שטאַם,
צווישן דיר און דײַן ברודער וועט זיך שאָקלען די בריק
און דײַן האַרץ וועט זיך הוידען צווישן גוטסקײט און סם.

ס׳וועט דײַן ברודער זײַן האַר, אָבער דו, מיט דער שווערד
וועסט דעם גאַנג דײַנעם שנײַדן ביזן לעצטן שניט,
ס׳וועט דײַן האַרץ זײַן אַ קוואַל, צעבליט און פאַרצערט,
וועסט דעם האַס טרינקען און זיך שטילן דערמיט.

צווישן טאָג־און־נאַכט, אויף דער גרעניץ פון צײַט,
האָט זײַן קול מיט געוויין רויטער עשו צעשפּריצט, —
וויפל אומגליק איז דאָ אין דער שווערד, אַז זי שנײַדט,
וויפל טרויער אין האַנט, אַז די שווערד אין איר בליצט.

ס׳איז די נאַכט צוגעפאַלן — צעשניטן אויף העלפט,
ס׳האָט אײן העלפט פון דער צווייטער מיט רויט זיך געווערט,
דאָס געשריי איז אַרויס פון יצחק׳ס געצעלט,
און ס׳איז עשו אַוועק מיט זײַן גורל — דער שווערד.

ו

גרויס איז דאָס לאַנד שעיר,
גרויס איז דער הערשער איבערן לאַנד,
יעקב׳ס וועג צעהאַקט עס אויף צווייען
צו כנען אַצינד, ווי ער שפּאַנט.

ווער איז דער הערשער איבער שעיר ?
עשו — דער ברודער, וואָס לעבט אויף דער שווערד,
יעקב — דער וואַנדערער, דער גייער —
האָט פון עשו׳ס מלחמות געהערט.

מיט זיין הויזגעזינט, מיט שאָף און רינדער,
קנעכט און קעפּסווייבער און עלף זין, —
יעקב גייט צום לאַנד פון זיין שטאַם אַצינדערט,
וואו ס׳איז בלוי דער הימל און די פּאַשע — גרין.

וואו ס׳האָט אברם גאָט דערזען אין פייער
און פאַרשניטן מיט אים אַ בונד,
וואו אויף גראָז און שטיין — דער שם הויה
גיט זיך גוט אַמאָל, און בייז אַמאָל, אַ צונד.

לאַנד פון אָפּשטאַם, יעקב׳ס אייגנס,
ס׳לאַנד האָט צוגעזאָגט אים גאָט,
יעקב גייט, — דעם קאָפּ אַוועקצולייגן
אויף דער ערד, וואָס פול איז זי מיט סוד.

סוד פון פייער, סוד פון צוזאָג, סוד פון ליידן,
סוד פון גאַנצקייט און פון ריס,
לאַנד, וואו ער אַליין וועט זיך צעשניידן,
ווי די צוועלף שטיקער אין אברהמ׳ס ברית.

נאַכט. פאַרהילט דאָס לאַנד איז אין אַ שלייער,
גאָט פאַרלעשט מער שטערן, ווי ער צינדט, —
אויף דער גרעניץ, צווישן כנען און שעיר,
קומט צו יעקב׳ן דערמאָנונג פון אַ זינד.

ברודערס ווייַנען הערט ער, אָבער מער דאָס שווייַגן,
וואָס אַליין האָט ער געשוויגן יענע נאַכט,
ווען עשו האָט מיט געשריי געבראָכן צווייַגן
און מיט צער געגאַנגען אויסשניידן זיך אַ דאַך.

פול די נאַכט מיט שאָרכן און מיט סקרוכן,
יעקב זוכט אין פינצטערניש באַשייד:
ברענגען קריק פון ברודער די שלוחים
גוטן אָנזאָג, צי די שווערד אַרויס פון שייד?

כ׳גיי צו דיר, יעהאָווע, און פון דיינעטוועגן
שטעל איך איצט דאָס לעבן מיינס אויף פּרואוו,
כ׳האָב ביי לבנ׳ען, דורך ליגנס און געשלעגן,
דיך געהערט, געשפּירט אין זיך דיין רוף.

קום אַנטקעגן מיר, אין שווערער שעה, יעהאָווע,
כ׳האָב מיין שטאַם נאָך אַלץ נישט אויפגעשטעלט,
מיינע זין, — די שבטים, — וואָס איך כאָווע
טוליען זיך נאָך אַלץ צו מיר אין מיין געצעלט.

ז

ס'שפּראָצט אַרוים די זון מיט גילדענע הערנער,
אָפּן אויף דער זון שלאָפט יעקב'ס מחנה,
איינער נאָר טראָגט שרעק פאַר ברודער-צערנער,
איינער נאָר, — יעקב איז פון נעכטן וואַך נאָך.

ס'פעלד איז אָפּגעשניטן, קעגן זון — די סטערנע,
ווי צעשפּריצטע האַלעוועשקע פּינקלט,
אין געצעלט ביי רחל'ען שטעכט דער טאָג די הערנער,
רייסט דעם שלאָף אַרוים פון שטילער רחל'ס ווינקל.

יעקב, מיטן סוד פון זיין געראַנגל,
מיטן מום אויף זיך — יעהאָוועס צייכן,
הוידעט זיך אין גאַנג, ווי אויף שטאַנגען,
נאָר צו רחל'ען קען ער נישט דערגרייכן.

וויפל שטרעקעס צווישן אים און רחל'ען גרינען,
וויפל ציטער איבער די געצעלטן-דעכער,
דאַכט זיך אים, אַז ווידער דאַרף ער פאַר איר דינען,
ס'לויטערקייט אין איר נישט צו פאַרשוועכן.

אָפּגעדינט פאַר איר זיבן יאָר, און פערצן,
אָבער נאָך נישט אויסגעשעפּט צום דעק דאָס דינען,
ס'איינע האַרץ — צו איר אַ קנויל פון הערצער, —
וויפל שטרעקעס צווישן אים און רחל'ען גרינען.

אויף דער מחנה וועט דער טאָג זיך באַלד צעברענען,
יעקב די חיילות, ווי אַ הערשער וועט צעשטעלן,
נאָר צו רחל'ען וועט ער ציטערדיק גענענען
און פון נאָענט וועט נאָך גרעסער זיין זיין עלנט.

ס'איז דער עלנט, וואָס אין גרויסקייט ווערסטו קלענער,
ווייל אַן אָפּשטעל האָט די גרוים די גרעסטע,
פונעם צעדער בלייבן אויך נאָר איבער שפּענער,
איינגעשרומפּן ווערט אַ שטרעקע אינעם מעסטן.

ס'איז דער עלנט, וואָס דעם צובונד דאַרפסטו קניפּן
נאָר מיט זיך, מיט אייגן ביסל פעדים,
וואָס דיין וואָרט דאַרף דורכגיין דורך די ליפּן, —
וואָס געבראַכט האָסטו דיין רחל'ען צו דעם אדום.

וואָס דיין אויסלייז וויגט זיך אויף אַ שטריקל
און דיין זינד אויף דיר — פאַרוואָקסן ווי אַ קאָרע,
וואָס דער אמת איז אין דיר פאַרוויקלט
און דער ליגן שניידט — אַן אָפּענער און קלאָרער.

יעקב וואַקלט זיך דער זון אַנטקעגן
מיט דער דיך, דער אויסגעלענקטער,
ביי דעם אויפגאַנג פונעם טאָג גאָט צו פרעגן:
וויפל זענען אים באַשערט נאָך טעג פאַרבענקטע.

## ח

בייטאָג איז עשו׳ס מחנה געקומען
מיט בויגן, מיט שווערד און מיט טאַנצן,
און יעקב האָט געטראָגן זיין אומעט
אַנטקעגן, ווי אַ שטאָלענעם פּאַנצער.

ס׳איז עשו געגאַנגען פונפאָרנט,
זיין שווערד אין דער זון האָט געפּאָכעט,
זיין רויטקייט — נאָך רויטער מיט יאָרן,
נאָך פולער מיט קראַפט זיינע קנאָכן.

ס׳האָט צוגעגרייט יעקב אַ סעודה
און קנעכט אויסגעשטעלט מיט מתנות,
נאָר עשו — געקומען צום ברודער
זיין אייגן געשריי צו דערמאָנען.

ס׳האָט ברודער צו ברודער געגענטערט, —
אויף שפּאַנען צו מעסטן די שטרעקע, —
און צווישן זיי ליגן געשענדטע
די יאָרן פון גיין און אַוועקגיין.

ס׳גייט עשו מיט שפּאַן צוגעשמידטן
צו ערד און צו שווערד און צו רודע,
ס׳גייט יעקב מיט גאַנג אָפּגעהיטן,
מיט מום צו באַגעגענען ברודער.

ביי מחנות די פרייד איז צעפּלאָשעט,
ביי הארן — די אומרו צעהוידעט,
באַגעגענען ברודער איז פּשוט,
נאָר ס׳קנוילן ביי ברידער זיך סודות.

די יאָרן פון אָפּשייד — פאַרהוילן,
נאָר אָפן פון צובונד די יאָרן, —
וועט איצטער דער סוד זיך צעקנוילן,
וועט שיילן פון זיי זיך די קאָרע?

געזאַנגען אין מחנות פאַרקלינגען
דעם שטח צעווישן די ברידער,
ס'איז מחנה צו מחנה געדרינגלט
מיט פריינטשאַפט, מיט אָפענע לידער.

נאָר הארן — אין בלוט זייערן נאָנטע,
צעריסן אַנטקעגן זיך גייען,
סע קנוילט זיך אין זיי דער פלאָנטער
פון ברידער אין כנען, אין שעיר.

## ט

(די מחנות עסן די רייכע סעודה, זינגען, צימבלען
און פויקן. טענצערנס פון יעקב'ס לאַגער טאַנצן
פאַר די געסט. יעקב און עשו זיצן אָפּגעזונדערט
אונטער אַ ברייט־צעצווייגטן בוים.)

עשו:

אויף אַ טאָג אַזאַ האָב איך געוואַרט.

יעקב:

איך האָב פאַר אים מורא.

עשו:

מורא? לאַנג אין מיר שוין אויסגעברענט.
ס'האָט דער לעצטער פונק זיך אויסגעלאָשן
מיטן אויסגעשריי אין יענער נאַכט.

יעקב:

יענע נאַכט?

עשו:

יענע נאַכט. די פרייד וואָס כ'האָב געטראָגן
מיטן טויטן הערש אויף מיינע אַקסלען,
די דערוואַרטונג אויפן טאַטנס ברכה
און דערנאָך . . . פאַרוואָס אַזוי יעקב?

יעקב:

ברודער . . .

עשו:

זאָג, פאַרוואָס אַזוי, יעקב?

יעקב:

פרעגסט מיך פשוט, נאָר דער ענטפער
און פאַרפּלאָנטערט, ווי אַן אַלטער וואַלד.

ע ש ו :

כ'האָב דעם פּלאָנטער מיט דער שווערד געשניטן.

י ע ק ב :

איך האָב אים אַרויסוויקלען געוואָלט
מיטן חלום וועגן גאָט און שטאָם.

ע ש ו :

אָבער זאָג, — פאַרוואָס אַזוי?

י ע ק ב :

חלום וועגן גאָט און שטאָם?

ע ש ו :

ניין, נאַרערייַ פון ברודער צו זיין ברודער.

י ע ק ב :

ס'איז געווען דער רוף אין מיר יעהאָוועס.

ע ש ו :

כ'ווייס, אָבער פעלשן אין אַ ברודער . . .

י ע ק ב :

נישט געפעלשט, נאָר דעם רוף געפאָלגט.

ע ש ו :

כ'ווייס, אָבער אויבן איז יעהאָווע,
דאָ איז מענטש, דאָ איז הארץ, דאָ איז גוף.
מענטש דאַרף טראָגן מענטשנס גורל,
נישט יעהאָווע.

י ע ק ב :

ברודער, ס'איז געווען אין מיר אַ פייער,
וואָס פאַרצערט דאָס האַרץ ווי קרבן.

ע ש ו :

קרבן? איך בין דאָך דער קרבן.

י ע ק ב :

דו האָסט שווערד, האָסט לאַנד און חייל.

ע ש ו :

נישט געוואָלט האָב איך די שווערד.
כ׳האָב געוואָלט מיין לעבן בויען
אויף דער ערד, דעם אַקעראייזן,
אויף דער שטילקייט פון פאַרנאַכטן,
אויף דער זוניקייט פון פאַרטאָגן.
כ׳האָב געוואָלט דאָס הארץ זאָל אָפן
גיין אַנטקעגן דיר, מיין ברודער.

י ע ק ב :

אָבער איך האָב אויסגע׳חלומ׳ט שטאָם און פאָלק.

ע ש ו :

איך האָב אויך גע׳חלומ׳ט . . .

י ע ק ב :

דו גע׳חלומ׳ט ?

ע ש ו :

נישט קיין וויטן חלום, נישט אין אייביקייט,
מענטש, נאָענטקייט געווען מיין חלום.

י ע ק ב :

האָסט דאָך פיינט געהאַט.
פיינטשאַפט שטעכט דעם חלום מיט א שפיז.

ע ש ו :

מורא פאַר דער שנאה, נישט קיין שנאה.
כ׳האָב געזוכט אין דיר באַפרייאונג פון מיין האַס,
אָבער דו האָסט מיר געגעבן שווערד
און פאַר זיך גענומען גוטסקייט פון דער ערד.

י ע ק ב :

כ׳האָב גענומען ? ווען די שווערד האָט דיך שוין
פאַר א האר געמאַכט אויף לאַנד און מענטש,

וואו בין איך געווען? געדינט ביי לבנ'ען,
רייך געמאַכט מיט מיינע גאָט-חלומות
זיינע פעלדער, זיינע סטאַדעס, זיינע שייערן.
און אַצינד — דו הערשער איבער שעיר,
איך — מיט מיין הויזגעזינט אין וואַנדער.

עשו:

שעיר איז מיר פרעמד, און כנען — מיר פאַרבאָטן.
מיך רייסט אויך צום לאַנד פון אונדזער אַפּשטאַם,
אָבער דו האָסט אויסגענאַרט דאָס לאַנד ביי יצחק'ן.

יעקב:

כ'האָב דיר שוין געזאָגט...

עשו:

יאָ, געזאָגט... אָבער וואָס איז שטאָם, אַז ברודער האָסטו
צו אַ לעבן אויף דער שווערד פאַר'משפט?

יעקב:

איינער דאַרף דאָך לעבן אויף דער שווערד.

עשו:

אפשר איינער דאַרף, אָבער איך, — פאַרוואָס איך?

יעקב:

ווייל פאַר מיר האָט יעהאָווע אויסגעקליבן שטאָם צו בויען.

עשו:

ווידער ער, יעהאָווע. כ'קען אים נישט, נאָר מיט מיין שווערד
וועל איך שניידן אים דעם גאַנג אַפּילו אויפן הימל.

יעקב:

שווערד קען שניידן נאָר דעם גוף.

עשו:

שווערד אין מיינע הענט איז אויך יעהאָוועס ברכה.

יעקב:

אויף אַ צייט נאָר, ביז איך וועל דערגיין צו כנען.

עשו:

כנען איז פאַר דיר נאָר חלום, יעקב.
כ׳האָב געזען אין טאַטנס בלינדקייט,
כ׳האָב געהערט אין ציטער פון זיין קול,
אַז פאַר דיר איז כנען נאָר אַן אָפּשטעל, נאָר אַ שוועל.
איך מיט שווערד און דו מיט חלום —
ביידע זענען מיר געבענטשט און פאַר׳משפּט.

יעקב:

ערשט די נאַכט האָט מיר געשיקט יעהאָווע
זיינעם אַ שליח, שטריטן זאָל ער מיט מיר ביז פאַרטאָג.
כ׳האָב אים ביינעקומען, נאָר אַ מום איז מיר געבליבן . . .

עשו:

ערשט די נאַכט האָב איך מיט זיך אַליין געשטריט,
ווען שלוחים דיינע זענען אין מיין לאַנד געקומען.
פון יעהאָוועס שטרייט ביסטו אַרויסגעקומען מיט אַ מום,
איך — פון שטרייט מיט זיך אַליין בין אַרויסגעקומען גאַנץ,
דיך באַגעגענען, דיר מוחל זיין, דיך האַלדזן . . .

יעקב:

כ׳ווייס נישט, אפשר איז דיין שטרייט . . .

עשו:

דאַרפסט נישט זאָגן, ברודער, ס׳איז גענוג דער מום,
ס׳איז גענוג וואָס אייביק וועסטו טראָגן גאָטס באַריר
און די מורא זיינע, ס׳קול זיינס וועט דיר נאָכגיין.

יעקב:

כ׳האָב אויף זיך דעם יאָך גענומען . . .

עשו:

איך — דעם יאָך פון שווערד.

יעקב:

און די וועגן אונדזערע צעשיידטע וועלן זיין.

עשו:

נישט צעשיידט, נאָר אָפּגעריסן, אַז באַגעגענען דערנאָך
זאָלן מיר זיך ווידער — יעהאָווע קעגן שווערד.

יעקב:

וואָס-זשע מאַנסטו איצטער? ווייסט דאָך שוין דעם גאַנג.

עשו:

כ׳ווייס דעם גאַנג, נאָר איך שטרייט אַקעגן שווערד.
דו יעהאָוועז האָסט גענומען מיט דיין ליבשאַפט,
איך — די שווערד מיט מיין געוויין.
דו ביסט אויסגעלייזט אַפילו אין דיין וואַנדער,
איך — אין הערשאַפט מיינער בין אַ קנעכט!

יעקב:

איך האָב דאָך געשיקט צו דיר שלוחים
מיט מתנות, מיט געבעט, מיט מורא.

עשו:

אָבער דו וועסט גיין דורך אַלע דורות פיין
צו אַ לעצטן אויסלייז, צו צעברעכן מיר די שווערד.

יעקב:

האָסט דאָך פיינט די שווערד . . .

עשו:

איך האָב פיינט די שווערד, אָבער גורל מיינער איז זי.
כ׳טראָג זי אין דער האַנט און זי פילט מיך אָן מיט לעבן.
אָן דער שווערד ווערט אויסגעליידיקט לעבן מיינס . . .

יעקב:

אַז צעבראָכן וועט דיין שווערד זיך וואַלגערן אין שטויב,
וועסטו ווידער לעבן, נאָר אין מיר, דורך מיר.

עשו:

ווידער לעבן, ווידער פרעמד, ווידער גורל . . .
ס׳פאַלט שוין צו די נאַכט, יעקב, גיי דיין וועג,
איך וועל מיינעם גיין, ווי ס׳איז מיר באַשערט.
נאָר מיר וועלן זיך באַגעגענען . . .

יעקב:

האָסט אַליין געזאָגט: יעהאָווע קעגן שווערד.

# יוסף און זיינע ברידער

## א

ס׳זענען די ברידער געגאַנגען קיין שכם
מיט די שאָף און רינדער אויף פּיטער,
דאָס געזאַנג דיינס, יוסף, נעם
און צו ברידער גיי, געטרייער היטער.

ס׳האָבן ברידער מיט דיר זיך געקריגט,
ס׳זענען דיך ברידער מקנא,
אָבער צוויי טעג, אַז איך האָב זיי געשיקט
און ווער ווייסט, ווי ווייט זיי זענען פונדאַנעט.

פונעם עמק חברון ביזן שכמ׳ער פלעין
האָט געטראָגן יוסף דעם אָנזאָג יעקב׳ס, —
גוט איז אַ ברודער צו ברידער גיין
און אַפילו פאַר קריג זיי דאַנקען.

יוסף ווייסט פון יעקב׳ס קריג
מיטן ברודער זיינעם עשו, —
האָט דער טאַטע געהאַט אַזאַ גליק,
גיין צו ברודער זאָל מען אים הייסן?

יונג איז יוסף, זיין חלום איז רונד,
ווי די לבנה אינמיטן חודש,
זינגט ער: פאַרהיילן ברודער־וואונד, —
און ס׳האַרץ זיינס גיט זיך אַ הוידע.

ברודער־וואונד אין אונדזער שטאַם, —
מיינע און יעקב׳ס און יצחק׳ס און קינ׳ס, —
איך טראָג דעם חלום, וואָס יעקב דער תם:
ברודער־בונד זאָל געקניפּט זיין אין דרייען.

טאָג איז געווען און נאַכט איז געווען,
אָנגעהויבן האָט טאָגן שוין ווידער,
יוסף זינגט ליבשאַפט צו ברידער צען
און צום טאָל פון דותן נידערט.

און דערנאָך, אין שפּעטן בייטאָג,
בענקט שוין יוסף, אַ שטויביקער, מידער,
און דאָס האַרץ זיינס גיט אים אַ שלאָג:
ברידער זוך איך, מיינע ברידער.

יונגער יוסף, דיר איז באַשערט
ס'געשריי דיינס זאָל קלינגען אין הערצער און לידער,
וויינען זאָל תמיד דער מענטש אויף דער ערד:
ברידער זוך איך, מיינע ברידער.

## ב

גענומען בין איך, ברידער, אייך צו ברענגען
דעם טאטנס ברויט-און-זאלץ און זיינס א ווארט,
דער טאטע אונדזערער איז אלט און סע הענגען
די מידע אויגן זיינע אויף גרויע פאסמעס בארד.

געהייסן האט ער מיר: די ברידער דיינע זאלסטו זאגן,
אז ווייט פארגאנגען זענען זיי פון מיין געצעלט,
איך בענק נאך זייער גאנג, אז ס'הייבט נאר אן צו טאגן,
אז לויטער שטרעמל מיט געזאנג פון בארג-ארונטער קוועלט.

פארוואס-זשע ווארפט איר מיך אין גרוב, מיינע ברידער?
פארוואס האט איר צעריסן מיר דאס פראסטע קלייד?
ווי איר, האב איך געזונגען אויף דער פאשע לידער,
קיין זיידן העמדל האט דער טאטע מיר נישט אויסגענייט.

און טאמער האב איך יא חלומות, און דערציייל אייך,
איז נישט אז שטערן בוקן זיך צו מיר אין נעכט,
און נישט, אז צווישן גארבן שטיי איך ווי א מלך
און איר צו מיינע פיס פאלט אזויווי קנעכט.

די שטערן גיסן ליכט און כ'שעפ עס ווי פון ברונעם,
צו ברענגען אייך אין עמערס, — נעמט און טרינקט!
די גארבן קרויזן זיך פאר מיר, ווי תמוז'דיקע זונען
און תבואה צייטיקע אין בלוט מיינעם זינגט.

פארוואס-זשע ווארפט איר מיך אין גרוב דערצערנט?
איך האב דאך נאך חלומות און געזאנג,
דער הימל אין כנען איז נאך אויסגעשטערנט
און איבער ברונעם ליכט וויגט זיך נאך דער עמער אויף א שטאנג.

דעם טאטנס ברויט-און-זאלץ, און ליבשאפט מיינס צו ברידער,
האב איך צו אייך געבראכט, מיט חלום אויסגעשפינט,
און איצט ליג איך אין גרוב, מיט נישט-דערציילטע לידער,
און די חלומות מיינע פארטראגן וועט דער ווינט.

ג

איבערן גרוב האָט צעלייגט זיך אַ שאָטן,
אַ געשטאַלט האָט געוויגט זיך איבערן גרוב, —
ס׳איז אַ ברודער אין אַ ברודער געראָטן,
ס׳איז געבונדן אַ לייב-צו-אַ-לייב, ווי אַ קנופּ.

איבער יוספ׳ן האָט זיך צעהוידעט
דאָס געשטאַלט מיט צעשוויבערטע רייד:
יינגל-ברודער, איך בין זיך דיר מודה,
אַז די זון היינט גאָר אַנדערש פאַרגייט.

ס׳איז אַ טרוקענע זון, און אַ קאַלטע,
ס׳הענגט אַ כמאַרע אויף איר, ווי אַ ברעם,
פון דערביי, פון די היילן און שפּאַלטן,
קומט אַנטקעגן די זינד מיר פון שכם.

כ׳האָב געוואָלט היינט דיין עלנט אויספּרואוון
און צערייסן דיין צובונד אויף שטיק, —
יינגל-ברודער, אויף דיר הענגט איצט ראובן,
צו דיין חלום פאַרקניפּט, ווי מיט שטריק.

דו ביסט ריין פון דער זינד דער שכם׳ער,
האָסט פאַר ליבע קיין בלוט נישט פאַרשפּריצט,
שעפּסט די זעאונגען דיינע אין עמערס, —
יינגל-ברודער, אין גרוב וואו דו זיצסט.

איך בין דער ערשטער פון יעקב׳ס לענדן,
דו ביסט יעקב׳ס ליבע צו ווייב,
מיך האָט שנאה געבוירן, און שענדונג,
דיך — צונויפבונד פון הערצער מיט לייב.

איך בין לאה׳ס און דו ביסט רחל׳ס,
נאָר אין מיר ציטערט יעקב׳ס פאַרבלענד,
ווען ער האָט אין דער פינצטער געבראַכן
לאה׳ס לייב מיט די גלוסטיקע הענט.
— — — — — — — —
איבער יוספ׳ן הוידעט זיך ראובן,
ווי אַן עמער איבערן גרוב,
יינגל־ברודער, מיין עלנט צו פּרוּאוון
וועל איך ווידער צערייסן דעם קנופּ.

ראובנ׳ס רייד איבער יוספ׳ן רוישן,
ווי דער שפּריירעגן רוישט אויפן ווינט,
און צו יוספ׳ן — חלום פון גושן
אין זיין גרוב, ווי אַ וואַסערל רינט.

אין דער הייך גיט דער שאָטן אַ ציטער,
דאָס געשטאַלט, ווי אַ שאָטן פאַרשווינדט,
ס׳איז דאָס ליכט אינעם גרוב איצטער שיטער
און דער חלום — דאָס וואַסערל — רינט.

# אינהאַלט

## אייגענע ערד


| | זייט |
|---|---|
| אַ שטרעקע צייט | 5 |
| לויטער גוט | 7 |
| מודה אני | 8 |
| קריאת שמע | 9 |
| אשרי יושבי | 10 |
| גאָט פון אברהם | 11 |
| ויתן לך | 12 |
| אלהי נצור | 13 |
| אני מאמין | 14 |
| במה מדליקין | 15 |
| תפלה לעני | 16 |
| לכה דודי | 17 |
| שאָלעכץ פּאַלט | 18 |
| אַ זילבערנער שטריק | 19 |
| שמואל און עלי | 22 |
| בלאָנדער אליהו | 24 |
| איד בין אַ ישראל | 25 |
| דער שטערן נויד | 27 |
| אַלט זייד | 28 |
| הינטער פּרעשבורג | 29 |
| קדמון | 31 |
| משה׳ס הענט | 32 |
| אַ וואָלף איז דער שלאָף | 33 |
| צעטייל און פאַרבינד | 35 |
| ווי דער חלום יעקב׳ס | 37 |
| גליל׳ער יונג | 38 |

זייט

| | |
|---|---|
| א דודו | 39 |
| דער בעש"ט אויפן ים התיכון | 40 |
| די באַלאַדע פון וואונדער | 42 |
| דער ווינט און דאָס ציגעלע | 44 |
| די ארבעה בנים | 47 |
| הא לחמא עניא | 49 |
| מדבר־מאָטיוון: א | 50 |
| ב | 52 |
| ג | 53 |
| דאָס אויסגעלאָשענע פענצטער | 54 |
| גייער פון נאַכטיקע וועגן | 56 |
| פּשיטיקער בריק | 58 |
| שמואל דער זעער | 60 |
| א געפלאַכטן קוישל | 62 |
| רופן אין דער נאַכט | 64 |
| מיין ברודער טרויער | 66 |
| נאַכט און שטילקייט | 68 |
| עמק מיינער | 70 |


## געשטאַלטן



| | |
|---|---|
| משה הערש א פּלייצע | 73 |
| די באַלאַדע פון פּוסי וואַסערפירער | 75 |
| מאָטל דער שרייבער | 77 |
| הערשאַיק | 78 |
| זאָגט דעם וואָלער | 81 |
| דאָס רויטע קלעזמערל | 82 |
| דער עלפטער | 84 |
| האַרעפּאַשנע ריטער | 85 |
| יאַנקל ראַפּאַעל | 87 |
| אַז עבירה פאַר גאָט | 88 |
| א שונדישע מעשה | 89 |
| מיטן פּנים צו דער זון | 92 |
| עלישע | 93 |
| הערשעלע אַסטראָפאַליער | 96 |
| א מענטש ביים טויער | 101 |
| ווי מידע פייגל | 104 |

זייט


א נאכט . . . . . . . . . . 108
אייק דהי וואהיפ . . . . . . . 114


## ליבשאַפט


חברים מיינע . . . . . . . . 123
צו רייפע פערציקער . . . . . . 124
פון אייגן בלוט . . . . . . . 126
א פערטער צום דריילינג . . . . . 128
מיר מיט די בלויע אויגן . . . . . 129
ווי ברוריה . . . . . . . . 131
צוגאַסט . . . . . . . . . 132
ואני . . . . . . . . . 134
אין מיינע יאָרן . . . . . . . 135
יוחנן׳ס היים . . . . . . . 137
יוחנן׳ס פריינט . . . . . . . 139
שכנה׳שאַפט . . . . . . . 141
קראַנקער בוים . . . . . . . 142
א מידער פּרואוו . . . . . . . 143
רייפטלעך ברויט . . . . . . . 145
רים און צובונד . . . . . . . 147
ביים טייך . . . . . . . . 149
שיכור . . . . . . . . . . 150
קאַטשקעס - שיפן . . . . . . . 151
קאַרנבלימלעך - אויגן . . . . . . 152
זילבערנע מאַמע . . . . . . . 154


## רעפּאַרטערן


נייעס . . . . . . . . . 157
אונדזער גורל . . . . . . . 159
רויבפייגל . . . . . . . . 160
דזשימי פלאַפלט . . . . . . . 161
גאַווערנאַר אין ביווידים . . . . . 163
בלעטלעך . . . . . . . . 166
מיטן בלוט וואָס ברויזט . . . . . 168

| | |
|---|---|
| | זייט |
| ווי א גוי אויפן יאריד | 169 |
| אנגעצונדענער פאקל | 170 |
| **די שטילע וועלט** | |
| אומעטיקע שניטער | 173 |
| אומעט שפרייטן | 174 |
| פעלדער ברעגעז | 175 |
| נאך נישט געזונגעז | 176 |
| מענטש־רים | 177 |
| זון אויף שויבן | 178 |
| צוויי שעה צופוס | 179 |
| אויבסן א קארב | 180 |
| בלעטער־רייד | 181 |
| ווינט אין אקטאבער | 182 |
| צעשויבערטע טראלדן | 183 |
| אין דער קילקייט פון טאג | 185 |
| פויערישע פלייצעס | 186 |
| טריט | 187 |
| בראדוועי | 188 |
| בלוישיין | 189 |
| פריטאג | 190 |
| ווערטער־הינדעלעך | 191 |
| שייער אויף וויסטן פעלד | 192 |
| דער ווייסער לאם | 193 |
| צוריקוועגס | 195 |
| בלינדע הערלדן | 196 |
| מיטן גילדענעם וועג | 197 |
| פארן משפט | 198 |
| קיום | 199 |
| וואנדערפייגל | 200 |
| א פויגל געפאלן | 201 |
| פויגל און פויגעלעכע | 202 |
| רויטע טייכלעך | 203 |
| הארבסט | 204 |
| שאטן, בארג און שטיין | 205 |
| די מעשה פון ליכטיקן טאג | 206 |
| געלע בלעטער | 207 |
| ווינט און בערג | 208 |
| ערד | 209 |

## צווישן הײמען


זײט

אנהײב מאי . . . . . . . . 210
דער בוים . . . . . . . . 212
איצט איז שטיל . . . . . . . 213
בערעזעס . . . . . . . . 214
חוזק־פויגל . . . . . . . 215
אַלטמאָדיש . . . . . . . . 216
מײן חרוב'ע הײם . . . . . . . 219
גרויע פעטערס . . . . . . . 220
לאַנד . . . . . . . . . 221
ברודער פּאַרזיצער, איך בעט אַ וואָרט . . 222
יוניאָן סקווער . . . . . . 225
דער דריטער . . . . . . . . 226
Chalfen Tower . . . . . . 227
באַלאַדע פון שוועסטער שאָפּ . . . . 230
מאָראַ קאַסל . . . . . . . . 231
אַ הויפן פּוסטע קערנער . . . . . 232
סיבאַנעי . . . . . . . . 233
דאָס ביקל . . . . . . . . 234


## אַ קינד אויף דער וועלט


קינד פונעם אונטערן בריק . . . . . 243
שאַין, אַ שאַין . . . . . . . 244
נילדענע פּאָווע . . . . . . . 246
שוועסטערל מײנס . . . . . . . 248
בוקער טי . . . . . . . . 249
פײערדיקע פײגל . . . . . . . 252
דוד און גלית . . . . . . . 255
אַ מעשה'לע פון ברויט . . . . . . 261
אַנטשי פון דער באַטאַרי . . . . . 264


## ברידער


קין . . . . . . . . . . 267
ישמעאל . . . . . . . . . 269

| | | |
|---|---|---|
| | | זייט |
| יעקב און עשו : | א | 271 |
| | ב | 273 |
| | ג | 275 |
| | ד | 278 |
| | ה | 280 |
| | ו | 282 |
| | ז | 284 |
| | ח | 286 |
| | ט | 288 |
| יוסף מיט זיינע ברידער : | א | 294 |
| | ב | 296 |
| | ג | 297 |


## פאַרריכט די טעות'ן :

אויף זייט 6, צווייטע סטראָפע, ערשטע שורה,
דאַרף זיך לייענען :

און ווי די שול האָט געקושט דער ווינט

אויף זייט 56, ערשטע סטראָפע, ערשטע שורה,
דאַרף זיך לייענען :

גייער דו, פון נאַכטיקע וועגן